קונטרס

# אתה הראת
# לדעת

קלארקייט און ליכטיגקייט
אינעם יו"ט

**שמיני עצרת • שמחת תורה**

קונטרס

# אתה הראת לדעת

קלארקייט און ליכטיגקייט
אינעם יו"ט

## שמיני עצרת, שמחת תורה
## תפלת גשם, יהודא שלים, הקפות

נערך מתוך שיעורי
**הרה"ג רבי ישראל בער שטיין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד אמרי נועם קרית יואל

מהדורא חדשה עם הוספות - תשרי תשפ"ז לפ"ק

יצא לאור ע"י מכון 'אביטה'
להערות ולהארות או לקבל גליוני אביטה
**שיעורי הרה"ג ר' ישראל בער שטיין שליט"א**

# אביטה

mechonobeatu@gmail.com
**845-600-0242**

צו הערן די שיעורים רופט
**605.477.4442** 5-7
אדער
**'קול יושבי אוהל'**
**605.477.4444** 2-2-2-2-2

מכון קולמוס הלב
אידישע שרייב-ארבעט **מיט הארץ** • 347-461-3303

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן הקונטרס

פרק א ........ יג

## עכבו עלי יום אחד:
## שמיני עצרת איז נישט קיין 'זכר' צום אמאל – נאר יעצט געשעט עס

יעדער וויל פארשטיין וואס איז דאס שמיני עצרת? ◆ **וואס מיינען די ווערטער 'יחודא שלים'?** ◆ אלע ימים טובים זענען א 'זכר' אויף א נס ◆ **דער 'אור הנס' קומט אראפ און שיינט אינעם יום טוב** ◆ שמיני עצרת איז נישט קיין זכר אויף גארנישט ◆ **שמיני עצרת איז א 'סעודת פרידה'** ◆ דער אויבערשטער וויל כביכול פארברענגען מיט אונז ◆ **שמיני עצרת איז א טאג פון 'הוה' – נישט פון 'עבר'** ◆ **דער רבוש"ע איז בוחר אין אונז היי יאר פון פריש** ◆ פון 'פשטות התורה' זעט אויס – אז דער עיקר איז ביז שמיני עצרת ◆ **פון 'פנימיות התורה' זעט אויס – אז דער עיקר שפיץ איז שמיני עצרת** ◆ דער קשר ביים געזעגענען איז מער ווי סיי ווען ◆ **דער תכלית האהבה קומט דייקא ווען אפיציעל האט מען שוין געענדיגט** ◆ פארוואס נאך פסח זאגט נישט דער אויבערשטער 'קשה עלי פרידתכם'? ◆ **ענני הכבוד – דער אויבערשטער איז נישט בלויז אונזער 'אדון', נאר ער האט אונז ליב** ◆ דאס גיין אין 'ארץ לא זרועה' דרוקט אויס א בחינה פון 'חולת אהבה' צום אויבערשטן ◆ **נאך א גאנצע וואך פון זיצן אין דער 'אהבה' – איז שווער זיך צו געזעגענען** ◆ פארוואס בלויז ביי 'מצות סוכה' איז פאראן דער מושג פון 'געזעגענען פון דער סוכה'? ◆ **ווייל שמ"ע איז א יום טוב פון 'פרידה'** ◆ וואס טוט מען אויף מיטן צוליגן נאך א טאג – סוכ"ס ווערט מען זיך דאך מוזן צושיידן? ◆ **פארוואס א 'סעודה קטנה' – איז דען נישט געשמאקער א 'סעודה גדולה'?**

פרק ב ........ ל

## יום אחד:
## א טאג פון 'יחודא שלים' – די גרעסטע דרגא פון נאנטקייט צום רבוש"ע

דער שפיץ פון דער גאנצער חתונה ◆ **חודש תשרי אין אויסשטעל פון א חתונה**

◆ ראש השנה – איז דער 'שידוך שליסן' ◆ **ביז נאך יו"כ איז די ז' ימי טהרה** ◆ סוכות - איז די חופה און סעודת החתונה ◆ **שמע"צ –דירה בתחתונים** ◆ כתר – דער יחוד השלם ◆ **גשם – די שפע מלמעלה למטה** ◆ נישטא די ווערטער און משלים אויף אהבת ה' לישראל ◆ **ואהבת את ה' אלקיך איז דאך א חיוב אויף א גאנץ יאר?** ◆ א גאנץ יאר איז עס א מצוה פון 'עשה דבריו מתוך אהבה' ◆ **שמיני עצרת איז עס א מצוה פון 'אהבה לשם אהבה'** ◆ מען קען נישט אנקומען דערצו אָן די הכנה פון גאנץ חודש תשרי ◆ **די הכנה איז גורם אז מען דארף שוין גארנישט אינצווישן – נאר 'אני ואתה'** ◆ זיך אהערשטעלן ביי א חתונה איבער די מאס – איז א סימן אויף א 'חסרון שמחה' ◆ **אהערשטעלן ברייט צו עסן – איז א סימן אז דער צוועק איז נישט גענוג ערנסט** ◆ שמיני עצרת מאכט מען א 'סעודה קטנה' – ווייל נישט דער 'מצב' מאכט עס ◆ **שמיני עצרת לערנט אונז אויס א 'כלל גדול'** ◆ דער טעות: דער רבוש"ע האט אונז ליב 'צוליב' אונזערע מצוות ◆ **דער אמת: דער רבוש"ע האט אונז צוליב אונזער 'עצם איד'** ◆ דורך תומ"צ קומט אריין אין אונז די ידיעה איבער די 'אהבה עצמית' פונעם רבוש"ע צו אונז ◆ **שמע"צ גיבט מען אונז צו שפירן די אהבה –אָן טון עפעס א מעשה** ◆ שמע"צ איז מגלה אז מיר געזעגענען זיך נישט ◆ קשה עלי פרידתכם – דאס וואס עטץ מיינט אז איך שייד זיך פון אייך ◆ **די 'חילוקי המדרגות' איז בלויז אין דער וועלט פון 'מעשים'** ◆ אין דער וועלט פון אהבת ה' לישראל – איז נישטא קיין חילוקים ◆ **אלע ימים טובים זענען 'זיבן' – קעגן די זיבן מדות** ◆ גאנץ סוכות איז פארהאן פיר סארט אידן – ד' מינים שבלולב ◆ **שמע"צ איז בלויז איין טאג און עס איז נישטא קיין ד' מינים – אלע זענען גלייך** ◆ שמע"צ איז נישטא קיין 'אויבנאָן' – מעלה ומטה שוין ◆ **אויך דער 'קטן' איז 'עולה לתורה' – ער איז אויך אן 'עצם איד'** ◆ דער צוקלאפטער הושענא – איז העכרן ארון הקודש ◆ **אלע ימים טובים און גאנץ תומ"צ צילט אריינצוברענגען אינעם איד דעם קרבת ה' פון שמע"צ**

פרק ג ........................................ נה

## בבקשה מכם:
## וואס בעט דער אויבערשטער
## פון אונזער זייט אין שמיני עצרת?

**דער ערשטער חלק:** וואס מיינט שמיני עצרת פאר אונז ◆ **דער צווייטער חלק: וואס ערוואַרט שמיני עצרת פון אונז** ◆ וויאזוי איז מען מהדר שמיני עצרת? ◆ **ההשפעה לפי הדביקות** ◆ שמיני עצרת פאדערט פון אונז א שטארקע אמונה אין דער אהבה ◆ **דער טאטע ווערט אנטוישט טאמער**

**דאס קינד זיצט נישט מיט אים** ◆ טאמער דער איד זיצט נישט מיטן רבוש"ע – איז עס כביכול א צער למעלה

**ולא אתערבין אחרנין: דער 'יחודא שלים' דארף שטימען מיט 'הלכות יחוד'** ◆ די 'אמצעיים' און 'שדכנים' שטערן צום 'יחודא שלים' ◆ **א גאנץ יאר איז דער שפראך 'גיין ווייטער'** ◆ שמיני עצרת איז דער שפראך 'בלייבן דא' ◆ **אויב מען קען נישט גיין העכער – איז מען שוין אנגעקומען** ◆ מען דרייט זיך ארום און מען 'לעבט' אינעם קרבת אלקים ◆ **דאס אידיש הארץ שפיגלט צוריק די אהבה צום רבוש"ע** ◆ הייַנט דארפן מיר צוריקגעבן אהבה צום רבוש"ע אָן קיין פארמיטלער ◆ **ווי שטארק טוט וויי אויב דאס קינד האט ליב דעם טאטן צוליב זיין געלט** ◆ ווי שטארק טוט וויי פאר כביכול אויב א איד האט אים ליב צוליב זיין גרויסקייט אדער ישועות ◆ **טאמער איז עס טאקע א בשורה טובה – ווערט מען פרייליך** ◆ שמיני עצרת ווערן מיר שיכור פון אהבה ◆ **פון גרויס שמחה כאפט מען א טענצל** ◆ די שמחה פון 'למען לא ניגע לריק' ◆ **שוין צוויי חדשים וואס מיר לויפן נאך דער רבוש"ע – אבער מיר הערן נישט אויף צוריק** ◆ יעצט ווערן מיר געוואויר אז דער אויבערשטער האט אונז א גאנצן צייט אנגענומען באהבה ◆ **די שמחה נאכן פארשטיין א שווערע סוגיא – קומט נישט אן ביז צו די פוס** ◆ די שמחה נאכן הערן גוטע נייעס פונעם דאקטער – קומט יא אן ביז צו די פוס ◆ **שמיני עצרת הערן מיר די געוואלדיגע בשורה טובה אז מיר זענען מרוצה פארן אויבערשטן** ◆ דער מלך זאגט: עס איז מיר א פערזענליכע טובה, ביטע מאך זיכער עס צו ערלעדיגן ◆ **דער רבוש"ע זאגט שוין פון פאראויס אז מען וועט דארפן אסאך חיזוק** ◆ דער יצר הרע פון ספיקות: מען מיינט טאקע מיר? ◆ **אויב ביסטו מחויב צו האלטן הייַנט יו"ט – מיינט מען טאקע דיר!** ◆ פארוואס שפיר איך גארנישט? ◆ **פארוואס מוז דער יו"ט גיין צוזאמען מיט גשמיות?** ◆ דיר אויסצולערנען אז 'גשמיות' זאל דיר נישט שטערן פון דביקות! ◆ **פארוואס מוז דער יו"ט זיין אזוי צופארן –אָן קיין זייגער?**

**פרק ד** ........................................ **עט**

## אתה הראת לדעת:
## 'יחודא שלים' מיינט - 'ביטול' צום אויבערשטן וואס קומט פון אנערקענונג אז 'אין עוד מלבדו'

אונזער עבודה אינעם חלק פון 'סור מרע' ◆ **אלעס איז א הכנה פארן 'אתה הראת'** ◆ יחוד מיינט 'איך בין נישט אפגעטיילט פון אים' ◆ **א כלה מוז זיך מבטל זיין צום חתן** ◆ עס פאדערט זיך די הכרה פון 'אין עוד מלבדו' ◆

**דורכאויס דאס יאר האט ער זיך געשפירט ווי א 'יש' און א 'נפרד'** ◆ מיט א 'דעת' פון א גאנץ יאר קען נישט ווערן קיין 'יחודא שלים' ◆ **מען מוז אנקומען צום 'דעת' פון 'אין עוד מלבדו'** ◆ מען דארף אויפבויען דעם 'דעת' צוביסלעך – דורכאויס חודש תשרי ◆ **דער 'דין' פון ר"ה דערמאנט: אלעס ווערט באשטימט פון אנפאנג יאר** ◆ וואו קומט אריין דא דער 'אדם יסודו מעפר'? ◆ **אויב איז דא א 'משפט' איז דאך א מענטש נישט מער ווי א 'צל עובר'** ◆ עבודת התשובה – זיך צוריק קערן צום שורש ◆ **שמים וארץ שלו – אלעס איז ער און נאר ער** ◆ סוכה דירת עראי – דו האסט נישט קיין שום קביעות אויף דער וועלט ◆ **הבל הבלים הכל הבל** ◆ אין עוד מלבדו – נישטא עפעס אנדערש אויסער אים ◆ **לא תעשו – מען האט נאך גארנישט געטון** ◆ ה' אחד – אויסגיין אויף קידוש השם איז דער גרעסטער 'יחוד' ◆ **דער 'רצון עצמי' איז א 'מפריד' פונעם אויבערשטן** ◆ דער רצון צו לעבן – דער טיפסטער רצון בפנימיות האדם ◆ **לכאורה וואלט שמיני עצרת געדארפט זיין דער עיקר עבודה צו טראכטן מיט התבוננות?** ◆ מען וויל נוצן די פוס און צוקומען צום 'ביטול' – איך בין א פשוט'ער טאנצער ◆ **איז 'ביטול' א הכנה צום יחוד, אדער איז דאס דער יחוד אליינס?** ◆ א איד איז בעצם איינס מיטן אויבערשטן ◆ **ווי נאר דער גוף איז נישט מפריד – ווערן מיר איינס 'מצד עצמנו'** ◆ דער 'עצם הנשמה' איז 'חלק אלוק ממעל' און איז דבוק בתמידיות ◆ **שמיני עצרת איז א טאג פון 'עצם הנשמה' – נישט 'לבושי הנשמה'**

**שמחת תורה – די שמחה מיט 'קבלת התורה' פון 'לוחות שניות':** פארוואס מאכט מען היינט א גרעסערע שמחה ווי שבועות? ◆ **יום כיפור רופט זיך 'יום מתן תורה' צוליב די 'לוחות שניות'** ◆ נאך יום כיפור שטעלן מיר אויף א סוכה און שפעטער אונזער הויז – אלס א משכן פאר די 'לוחות שניות' ◆ **שבועות איז א יו"ט פון 'צדיקים גמורים' – שמע"צ איז א יו"ט פון 'בעלי תשובה'** ◆ צו געבן א לוחות נאכן זינדיגן איז אסאך א גרעסערער חידוש און איז מעורר מער שמחה ◆ **יעדעס יאר ווערט דער 'חידוש' פון דער סליחה פון יוה"כ גרעסער** ◆ 'סוכות' און שמע"צ איז יעדעס יאר א גרעסערע שמחה ◆ **די שמחה פון שמע"צ איז מער ווי שבועות – ווייל דא האבן מיר א גרעסערן קשר צו תורה** ◆ שמע"צ איז נישט בלויז די שטארקייט פונעם קשר - נאר אויך דער מהות פונעם קשר ◆ **שמע"צ ווערט נתגלה אז דער קשר איז אן 'עצם' – דערפאר איז עס נישט תלוי אין מעשים** ◆ שבירת הלוחות – משה רבינו האט מגלה געווען אז דער קשר הפנימי עקזעסטירט נאכאלץ ◆ **דער 'קטנות המוחין' אום שמחת תורה** ◆ אויב איז עס אן 'עצם' – מוז מען גארנישט פיהלן ◆ **אויב איז עס אן עצם – האט עס נישט צוטון וויפיל מען האט געלערנט דאס יאר** ◆ פון הימל שענקט מען אים 'קטנות' – כדי ער זאל זיך פרייען מיט זיין פשוט'ע אידישקייט

פרק ה ........................................................................ קי

## למחדי במאריכון:
## די פנימיות פון די פרייליכע 'הקפות' - א חלק פונעם 'יחודא שלים'

וואס איז הקפות? ◆ **די השתשלות פון אלע עניני הקפות דארף א קלארקייט** ◆ הקפות איז א מנהג ◆ **צוויי באזונדערע ענינים וועלכע מען האט צוזאמגעשטעלט אינאיינעם** ◆ אז מען ווייסט פארוואס מען טאנצט – טאנצט זיך אנדערש

**מען פריידט זיך מיטן 'סיום התורה':** א שמחה צוליב דעם 'סיום כל התורה כולה' ◆ **וואס האט א 'סיום התורה' מיט 'שמיני עצרת'?** ◆ זאת נחמתי בעניי כי אמרתך חייתני ◆ **אלע קישוטי כלה ווערן יעצט געענדיגט בשלימות** ◆ דער 'קריאת התורה' פון א גאנץ יאר איז דער גרעסטער 'קישוט' פאר די שכינה הק'

**כלל ישראל און דער רבוש"ע כביכול טאנצן איינער מיטן אנדערן:** שמחו בה' – מען פריידט זיך מיטן אויבערשטן אליינס ◆ **עצם בעצם נפגשו – דער עצם איד פריידט זיך מיטן 'עצם התורה'** ◆ א שמחה פוןביידע צדדים: ער מיט אונז און אונז מיט אים

**דער ערשטער חלק – ישמח ה' במעשיו:** ווען אידן זענען ריין – ווערט נתעורר ביי כביכול א שמחה מיט זיינע קינדער ◆ **שמח"ת טאנצט יעדער – נישט בלויז די חסידים ואנשי מעשה** ◆ פארוואס מיט א 'ספר תורה'? ◆ **דער רבוש"ע איז איינס מיט די תורה און ער כאפט אונז אָן און טאנצט מיט אונז** ◆ היינט איז די תורה גאנץ מיט אלע אותיות התורה – אלע נשמות ישראל ◆ **יעדער איד איז א קרוין פארן ס"ת**

**דער צווייטער חלק – ישמח ישראל בעושיו:** ישמח ישראל – אידן פרייען זיך מיטן אויבערשטן ◆ **די שמחה איז צוליב די גילוי האהבה** ◆ די שמחה ווען אן אדם חשוב האלט פון מיר און פריידט זיך צו מיר ◆ **די שמחה יתירה פון מכל העמים – 'נישט דעם גוי' נאר 'בלויז דעם איד'** ◆ די תורה איז א לבוש וואו כביכול איז נתלבש ◆ **מיר כאפן אָן די תורה און טאנצן מצד אונזער שמחה מיט'ן אויבערשטן**

**די שמחה מיט דער תורה – איז א חלק פונעם 'יחודא שלים':** איז שמחה בה' בלויז א תוצאה פונעם 'יחודא שלים'? ◆ **די שמחה איז א חלק פונעם 'יחודא שלים'**

**עבודת היום – טאנצן מיטן גאנצן גוף:** היינט צוטאג איז די מצוה פון שמיני עצרת – 'ריקודין' ◆ **די גרויסקייט פון 'עבודת ההקפות' אין אלע דורות** ◆ דריי וועגן וויאזוי ארויסצוגעבן א מחשבה אדער הרגש פון הארץ און מוח ◆ **שמחת תורה איז דער גוף פול מיט שמחה – דערפאר טאנצט מען מיטן גאנצן גוף**

**מען זינגט און גראמט אויס די מעלות פון דער תורה הקדושה:** מען באזינגט די גרויסקייט פון אידישע קינדער, פון די תורה און פונעם אויבערשטן ◆ **אויב מען פריידט זיך מיט יענעם – רעדט מען שיין פון יענעם** ◆ די 'שבחים' שאפן א 'התפעלות' און 'יחוד' מיטן אויבערשטנ'ס גרויסקייט און גוטסקייט ◆ **די שבחים ביי א חתונה גיבט צו שפירן פאר חתן כלה ווי פאסיג דער שידוך איז** ◆ די שבחים אויף כלל ישראל ברענגט אונז אריין אביסל א נענטערע הרגש צום יחוד ◆ **אויך אין הימל לויבט מען אונז אויס היינט** ◆ דורך די שבחים קומען די מעלות ארויף צום אויבערפלאך ◆ **פונקט ווי מיר קאכן זיך אינעם אויבערשטן – קאכט זיך דער אויבערשטער אין אונז** ◆ וואס טראכט מען אזויפיל שעות וואס מען טאנצט הקפות? ◆ **נישט אלעמאל פיהלט מען געהויבן** ◆ דער אמת האט נישט צוטון מיט געפילן ◆ **די פוס איז טאקע נידריג און פלאך – אבער דאס הייבט אויף די גאנצע קומה** ◆ דער עיקר איז צו זיין בטל צום רצון ה' – פון דארט קומט אלע השפעות און מוחין

פרק ו ............ קמו

## מנהג ישראל תורה:
## דער געוואלדיגער ענין און געהויבנקייט פון די 'הקפות' ארום די בימה

דער מנהג פון זיך ארומדרייען ארום די בימה

**אראפברענגען אן 'אור המקיף' און א 'מקיף הכללי':** דורכדעם ברענגט מען אראפ אן 'אור מקיף' ◆ **יעדע מצוה ברענגט אראפ א ליכטיגקייט – אפילו אויב מיר זעען עס נישט יעצט** ◆ די צוויי סארט 'אורות' – 'פנימי' און 'מקיף' ◆ **די הידורים 'ארום' די מצוה איז ממשיך נאך א גרעסערן אור ווי דער עצם מצוה** ◆ דער 'אור המקיף' איז מקיףביידע זאכן און פאראייניגט זיי ◆ **ריקודין איז אין אן 'עיגול' – וויבאלד עס נעמט זיך פון 'אור המקיף'** ◆ אלע מצוות פונעם פארגאנגענעם יאר קומען זיך צוזאם יעצט אונטער א 'מקיף כללי' ◆ **מיר קענען נישט פארדייען דעם גרויסן אור פון שמח"ת**

– **דערפאר בלייבט עס ארום אונז** ◆ אלע מנהגים פון שמח"ת איז אָן קיין אנהייב און אָן קיין סוף – אור המקיף

**דער 'אור המקיף' וואו איז עס נוגע אויף 'למעשה':** דער חלק עבודת ה' וואס טוישט זיך דורכן 'אור המקיף' ◆ **נישט מיינען 'זיך' – נאר בלויז דעם נח"ר למעלה** ◆ טאמער וויל ער אריינברענגען א ליכטיגקייט אין הארץ – איז עס בדקות פאר 'זיך' ◆ **אור המקיף – עס בויעט נישט דעם 'זיך' נאר דעם 'כלל ישראל'** ◆ מען טאנצט מיט א פארמאכטע ספר תורה – מיר פרייען זיך מיט יעדע אות וואס שטייט דא אינעווייניג ◆ **מען טאנצט מיט די פוס – ווייל א דאנק די תורה האבן מיר הייליגע אידישע פוס** ◆ פארוואס איז דער וואס הייבט אן – אויך א 'חתן'? ◆ **אויב איז די שמחה נישט אלס דעם 'לערנען' – איז אנהייבן פונקט אזוי חשוב ווי ענדיגן** ◆ מקיף הכללי – א שמחה נעמט ארום גאנץ כלל ישראל יעדער אויפן זעלבן דרגא ◆ **ווי מער 'מנהג' – אלץ מער מצב און עסק** ◆ א מנהג איז העכער פון תורה – א בחינה פון 'מקיף' כלפי א 'פנימי' ◆ **אויב שפירט מען אליינס יענעמ'ס רצון – איז דאס א סימן אויף א שטארקע נאנטקייט** ◆ א מנהג איז א שמעק פון 'בני נביאים' – אידן ווייסן וואס דער רבוש"ע כביכול גלייכט ◆ **דעם גרעסטן מצב מאכט מען דייקא פון 'מנהגים' –הערצער שפירן זיך**

פרק ז ........ קסב

## סדר הקפות

גאנץ הקפות און אלע שטיקלעך וואס מען זאגט – אלץ איז מנהגים ◆ **דער מקור צו זאגן די פסוקים פון 'אתה הראת לדעת' און ווייטער** ◆ מען לאזט נישט קיין ס"ת אינעווייניג – דער רבוש"ע וועט גארנישט צוריקהאלטן פון אונז ◆ **דער ספעציעלער באדייט פונעם 'לשם יחוד'** ◆ הושע נא – אז מיר זאלן אלעמאל זיין אזוי נאנט צו דיר ווי יעצט ◆ **'ידיד נפש' און 'אל מסתתר'** ◆ מען איז מקיף מיט א ס"ת און דערנאך דעם ס"ת גופא ◆ **מנהגי החיד"א** ◆ מנהגי רבי ר' אלימלך ◆ **מנהגי לובלין וראפשיץ** ◆ פארוואס וויינט מען שוין ווייטער? ◆ **איפכא מסתברא – שמח"ת וויינט מען, ת"ב לאכט מען?** ◆ ת"ב איז מען זיך מחזק מיטן תקוה און אמונה בביאת המשיח ◆ **שמח"ת וויינט מען פון גרויס געגועים צו דעם אור וועלכע ווערט יעצט נתגלה**

פרק ח ........ קעב

## פעמיך בנעלים:
## ביי נעילת החג איז מען זיך 'מקשר' צום גאנצן יום טוב

מבואו ועד צאתו – דאס באגלייטן און זיך געזעגענען פונעם יו"ט איז אויך אן עבודה ◆ **די ווייטאגליכע געפילן וואס קומען ארויף ביי נעילת החג** ◆ די דאזיגע געפילן בויען אויף דעם גרעסטן קשר צום יו"ט ◆ **דורך געגועים צו א צדיק איז מען מקבל טאפלט פון וואס מען האט מקבל געווען בחיים חיותו** ◆ דורך געגועים צום יו"ט באקומט מען טאפלט ◆ **דער קרעכץ אויף למפרע – א תיקון און השלמה אויף למפרע** ◆ יעקב אבינו'ס קרעכץ האלט נאך אָן עד היום הזה ◆ **דער בייט – פארן 'אוי ווי טאטע' וועסטו מיר געבן 'בני חיי ומזוני'** ◆ דער קרעכץ פונעם רבי'ן ז"ל מוצאי שמח"ת ◆ **מדה טובה מרובה – זיך פרייען מיט וואס מען האט אלץ זוכה געווען** ◆ וויאזוי קען מען לעבן אין סתירה'דיגע געפילן? ◆ **א חסיד'ישער איד פריידט זיך נישט מיט 'זיין עבודה' - ער ווייסט וויפיל עס פעלט פון שלימות** ◆ די שמחה איז בלויז אויף דער מתנה טובה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן ◆ **די צובראכנקייט איז אויף אונזער חלק – מיר האבן נישט גענומען די מתנה גענוג ערנסט** ◆ א מענטש מיינט אז ער ווייסט אפצושאצן וועלכע תפלה עס איז געווען לרצון ◆ **עליונים למטה – אמאל זענען די דערהויבענע מינוטן נישט אזוי חשוב אויבן** ◆ תחתונים למעלה – אמאל זענען די נידריגע מינוטן אסאך מער חשוב למעלה ◆ **דער מנהג צו לערנען די גמרא פון 'בתר צלותיה'** ◆ מען האלט יעצט נאך א לאנגע 'שמונה עשרה' פון חודש תשרי ◆ **תפלת נעילת החג: א גאנץ יאר זאל מען שפירן דעם תשרי אין די ביינער** ◆ דער 'אתה' פון 'אתה חוננתנו' איז דער זעלבער ווי פון 'אתה בחרתנו'

# פרק א

## עכבו עלי יום אחד:
# שמיני עצרת איז נישט קיין 'זכר' צום אמאל - נאר יעצט געשעט עס

די גרויסקייט און חשיבות פון שמיני עצרת און שמחת תורה - דארף מען נישט צופיל מאריך זיין, ווייל יעדער חסיד'ישער איד ווייסט דאך, אז **די צוויי טעג פון 'שמיני עצרת' און 'שמחת תורה' - איז ממש דער שפיץ**[א] **פונעם יאר! די אכט און פערציג שעה זענען די דערהויבנסטע שעות פונעם יאר!** א גאנץ יאר- און בפרט אין די חדשים אלול און תשרי -גרייט מען זיך אנצוקומען צו דעם טאג פון שמיני עצרת, וואס אויף דעם איז אוועקגעשטעלט די גאנצע עבודה פון ראש השנה, יום כיפור און סוכות.

**וואס איז דאס בכלל דער שמיני עצרת און שמחת תורה? וואס איז דער פנימיות'דיגער מהות פון דעם יום טוב? אויף וואס איז דער יום טוב געגעבן געווארן?**

### יעדער וויל פארשטיין וואס איז דאס שמיני עצרת?

דער עיקר וואס פאדערט יא אן אריכות איז, א קלארקייט איבער די עבודה און מהות פון די צוויי טעג. אסאך מאל טראכט מען: "יא, עס איז זייער גרויסע טעג, אבער וויאזוי נוצט מען דאס

---

**א.** "ענין שמחת תורה, שהשמחה של כל השנה בתורה ומצות נכלל ביום אחד **שהוא כללות כל השנה**". (לקוטי תורה פ' ראה בד"ה אך דף ל"ד ע"ג).

אויס? וויאזוי לעבט מען מיט דער קדושה פון די צוויי טעג?". די שאלה הייבט זיך נישט אָן בלויז פון 'וואס דארף מען טון', נאר עס הייבט זיך אָן פריער - נאך איידער מען רעדט פון 'אונזער אויפגאבע' - דארף מען קודם באקומען א ברייטערן בילד: "וואס איז דאס בכלל דער שמיני עצרת און שמחת תורה? וואס איז דער פנימיות'דיגער מהות פון דעם יום טוב(ב)? אויף וואס איז דער יום טוב געגעבן געווארן? וואס איז יעצט געשען אז מען פריידט זיך אזוי שטארק און מען טאנצט אזויפיל שעות?".

## וואס מיינען די ווערטער 'יחודא שלים'?

א חסידי'שער אינגערמאן וואס האט שוין אביסל געלערנט חסיד'ישע ספרים, האט זיך זיכער באגעגנט מיט די ווערטער 'יחודא שלים' - וואס אלע חסיד'ישע ספרים קאכן זיך דערין, אז אין דעם טאג געשעט דער 'יחודא שלים'. אבער דאס גופא פאדערט אויך א קלארקייט: "וואס מיינען די ווערטער 'יחודא שלים'? און פארוואס געשעט עס פונקט היינט? און וואו קום איך אריין אינעם בילד? און וואס מיינט דאס פאר מיר אויף למעשה?". מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועט מען פרובירן אויסצושמועסן און אויסברייטערן די ענינים, אז עס זאל זיין נאנט צו אונזער פארשטאנד און הארץ, כדי מען זאל קענען לעבן אין די טעג מיט דעם ריכטיגן חיות דקדושה, און זוכה זיין מקבל צו זיין די מורא'דיגע השפעות פונעם יום טוב.

וואס מיינען די ווערטער 'יחודא שלים'?

**ב.** עי' בספר הישר והטוב כמה טעמים על שמיני עצרת, "ואמר לי אאמ"ו זצ"ל שאמר לו אא"ז [הה"ק מליסקא] זצ"ל **שהיה מייגע עצמו מאד להבין הנקודה מן שמיני עצרת, מה הוא**".

## אלע ימים טובים זענען א 'זכר' אויף א נס

כדי ארייננצוגיין אין דער סוגיא - וועט מען זיך אביסל פארטיפן אינעם פשטות'דיגן אפטייטש פון דעם יום טוב 'שמיני עצרת'. דער אויבערשטער האט געגעבן פארן כלל ישראל אסאך 'מועדי קודש', וואס יעדער יום טוב קומט מעורר זיין דעם 'זכר' פון דער געוויסער געשעעניש וואס האט דעמאלט פאסירט; פסח- איז זכר אויף 'יציאת מצרים', שבועות- איז א זכר אויף 'מתן תורה', סוכות- איז א זכר אויף די 'ענני הכבוד', חנוכה - איז א זכר צום 'נס המנורה', פורים- איז א זכר צום נס 'מרדכי ואסתר'.

## דער 'אור הנס' קומט אראפ און שיינט אינעם יום טוב

**א טריט טיפער:** אלע חסיד'ישע ספרים זענען מדגיש - און בעצם שטייט עס שוין פונעם אר"י הקדוש -אז די ימים טובים זענען נישט בלויז א 'זכר' אפצוצייכענען דעם נס וואס האט דעמאלט פאסירט, נאר יעדעס יאר חזר'ט זיך נאכאמאל איבער דער 'פנימיות'דיגער אור' וועלכע האט דעמאלט געשיינט און געברענגט דעם נס! אין די עולמות העליונים איז נישטא קיין חילוק צווישן היי יאר ט"ו ניסן, ביז ט"ו ניסן פון יענע יאר ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים! דער אור איז דער זעלבער אור! און דערפאר ווערט דעמאלט יום טוב.

## שמיני עצרת איז נישט קיין זכר אויף גארנישט

**שטעלט זיך די שאלה:** וואס איז דער יום טוב שמיני עצרת? מיר ווייסן דאך נישט אויף עפעס א נס וואס האט פאסירט אין דעם טאג - וואס מען זאל מאכן א זכר דערצו מיטן יום טוב שמיני עצרת?! עס זעט נישט אויס, אז מען פראוועט יעצט א יום טוב אויף עפעס וואס איז געשען אמאל, נו אויב אזוי, וואס איז דער פשט פון דעם יום טוב

שמיני עצרת? די דאזיגע שאלה איז בעצם די תשובה. דאס פירט אונז אריין אינעם אור פון שמיני עצרת- וועלכע איז טאקע אזוי אנדערש פון אלע ימים טובים, מיט דעם וואס עס איז נישט קיין זכר צו קיין שום זאך פון אמאל; ווי עס איז מבואר אין ספה"ק 'ייטב פנים' (ד"ה עוד יתבאר ביום השמיני).

## שמיני עצרת איז א 'סעודת פרידה'

דער יסוד פון שמיני עצרת אין דער תורה הקדושה - בויעט זיך אויף צוויי רש"י'ס, וואס קומען במקור פון חז"ל אין מדרש. די ערשטע רש"י איז אין פרשת אמור, אויפן פסוק (ויקרא כג, לו): **"בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי מִקְרָא קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה לַה' עֲצֶרֶת הִוא"**. זאגט רש"י א מורא'דיגן משל: **"כמלך שזימן את בניו לסעודה לכך וכך ימים, כיון שהגיע זמנן להפטר אמר: בני, בבקשה מכם עכבו עמי עוד יום אחד קשה עלי פרידתכם"** - א קעניג האט איינגעלאדנט זיינע קינדער צו א לאנגע סעודה פון עטליכע טעג, ווען עס האט זיך געענדיגט דער זמן הסעודה און זיי האבן זיך געוואלט געזעגענען פונעם מלך, האט דער מלך געזאגט (אין פרשת פנחס לייגט רש"י צו, אז דער מלך זאגט דאס 'בלשון חבה'): עס איז מיר שווער זיך צו געזעגענען, איך בעט אייך קינדערלעך, בלייבט דא מיט מיר נאך איין טאג. די צווייטע רש"י איז אין פרשת פנחס, אויפן פסוק (במדבר כט, לה): **"בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם כָּל מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ"**. זאגט רש"י: **"לפי שכל ימות הרגל הקריבו כנגד ע' אומות וכשבאין ללכת אמר להם המקום בבקשה מכם עשו לי סעודה קטנה כדי שאהנה מכם"** -וויבאלד אידן האלטן שוין ביים ארויסגיין פונעם יום טוב, זאגט זיי דער אויבערשטער, איך בעט אייך, מאכט מיר א קליינע סעודה'לע, כדי איך זאל הנאה האבן פון ענק[ג].

---

ג. עצרת תהיה לכם בגימטריא קשה עלי פרידתכם עה"כ

## דער אויבערשטער וויל כביכול פארברענגען מיט אונז

פון די ביידע רש"י'ס קומט ארויס א שטיקל בילד וואס איז דאס 'שמיני עצרת'. אז נאכדעם וואס מיר האבן געלעבט אין די איין און צוואנציג טעג פון חודש תשרי מיט אזא נאנטקייט צום אויבערשטן, און יעצט האלט מען שוין ביים אהיימגיין, יעדער איינער גייט זיך צוריק צו זיין וואכנדיגן הלוך ילך - ווערט יעצט נתעורר א הרגשה למעלה, וואס **עס איז כביכול שווער פארן אויבערשטן זיך צו געזעגענען פון אונז, און ער בעט זיך: "בלייבט דא מיט מיר נאך א טאג". און וואס וויל ער פון אונז אין דעם טאג? אונז אליין! ער וויל הנאה האבן פון 'אונז'!** ער בעט אונז נישט קיין גרויסע סעודות, נאר דייקא א קליין סעודה'לע, 'כדי שאהנה מכם', איך וויל כביכול אביסל פארברענגען מיט אייך! נאכמער שטייט א לשון אין מדרש (פסיקתא כח, ט), אז ווען עס קומט שמיני עצרת, זאגט דער רבונו של עולם: **"ועכשיו אני ואתה נשמח יום אחד"**- דא שטייט א דגוש אויפן 'אני ואתה' -'איך מיט דיר'. דאס הייסט, **דער אויבערשטער זאגט פאר יעדן איד ביחידות: "קום לאמיר זיך כביכול אינאיינעם פרייען, איך וועל זיך פרייען מיט דיר און דו וועסט זיך פרייען מיט מיר!".**

**עס איז כביכול שווער פארן אויבערשטן זיך צו געזעגענען פון אונז, און ער בעט זיך: "בלייבט דא מיט מיר נאך א טאג". און וואס וויל ער פון אונז אין דעם טאג? אונז אליין! ער וויל הנאה האבן פון 'אונז'!**

## שמיני עצרת איז א טאג פון 'הוה' - נישט פון 'עבר'

**קומט אויס:** שמיני עצרת איז פונקט פארקערט ווי אלע ימים טובים. ווייל אלע ימים טובים שיינען מיט אן אור פונעם 'עבר' - וועלכע האט זיך געעפנט יארן צוריק און ווערט נתעורר פונדאסניי יעדעס יאר. ווידעראום, אין **שמיני עצרת שיינט אן אור פונעם 'הוה'! עס איז נישט קיין אלטע זאך וועלכע איז אמאל געשען און דער אור ווערט נתעורר**

**און קומט אראפ היי יאר נאכאמאל- נאר עס געשעט יעצט!** דאס יאר געשעט עס פונדאסניי- כאילו עס איז דאס ערשטע מאל אין דער בריאה - וואס דער אויבערשטער זאגט אונז: **"עכבו עלי יום אחד"- איך וויל זיין מיט אייך נאך איין טאג! מיר זענען געווען צוזאמען כמעט א חודש צייט, לאמיר עס אויסציען נאך אביסל**[ד]**!**

## דער רבוש"ע איז בוחר אין אונז היי יאר פון פריש

**שמיני עצרת שיינט אן אור פונעם 'הוה'! עס איז נישט קיין אלטע זאך וועלכע איז אמאל געשען און דער אור ווערט נתעורר און קומט אראפ היי יאר נאכאמאל- נאר עס געשעט יעצט!**

**הלכה למעשה:** ווען א איד דערהערט, אז שמיני עצרת איז נישט קיין זכר צום אמאל, נאר עס איז א נייע זאך וואס ווערט נתעורר היי יאר צום ערשטן מאל - ברענגט דאס גופא אריין א געוואלדיגע הרגשה פון קרבת ה', ווייל עס שפירט זיך אז דער אויבערשטער איז 'יעצט' בוחר אין אידישע קינדער! עס איז נישט קיין 'המשך' פון די אמאליגע דורות - וועלכע זענען געווען צדיקים און יראי ה', נאר **דער אויבערשטער ווייזט ארויס זיין ליבשאפט צו אונז יעצט, אזויווי מיר זענען! נישט קיין חילוק**

ד. "ביום השמיני עצרת תהיה לכם דהא יומא דא ממלכא הוא בלחודוי חדוותא דיליה בהו בישראל, מתל למלכא דזמין אושפיזין אשתדלו בהו כל בני, לבתר אמר מלכא על כן אנא ואתון אשתדלנא כולהו באושפיזין וקרבתון קרבנין על שאר עמין בכל יומא, **מכאן ולהלאה אנא ואתון נחדי יומא חד, הדא הוא דכתיב ביום השמיני עצרת תהיה לכם**". (זוה"ק ח"ג קד ועיי"ש ח"א סד ושם רכא, ובפסיקתא דרב כהנא כ"ח ט)

תרגום בלשון הקודש: "ביום השמיני עצרת תהיה לכם שהרי היום הזה מהמלך הוא בלבדו, שמחתו עם ישראל, משל למלך שהזמין אורחים והשתדלו עמהם כל בני היכלו, אחר כך אמר המלך עד כאן אני ואתם התעסקנו כולם באורחים והקרבתם קרבנות על שאר העמים בכל יום, **מכאן והלאה אני ואתם נשמח יום אחד**".

**וויאזוי מיר קוקן אויס, קומט יעצט דער אויבערשטער און זאגט אונז 'איך וויל זיין מיט אייך צוזאמען נאך א טאג'.** און דאס איז נישטא ביי קיין שום יום טוב אויף אזא פארנעם, ווייל ביי יעדן יום טוב - כאטש עס קומט אראפ דער אור נאכאמאל, אבער וויבאלד דער קראַן פונעם אור האט זיך געעפנט טויזנטער יאר צוריק - קען זיך חלילה ארייננכאפן א מחשבה'לע: "מיר זענען נישט די אמת'דיגע אידן- פאר ווען דער אויבערשטער האט געמאכט דעם נס, נאר וויבאלד ער האט עס שוין געמאכט 'בימים ההם', פאר די גרויסע צדיקים וועלכע האבן דעמאלט געלעבט, וואס לכבודם האט ער אויפגעעפנט דעם 'אור הנס'- ברענגט ער שוין אראפ דעם זעלבן אור אויך פאר אונז 'בזמן הזה'". אבער שמיני עצרת, איז אודאי נישט קיין אור פון אמאל, נאר עס געשעט היי יאר פון פריש -אָן קיין שום המשך צום אמאל.

✦

## פון 'פשטות התורה' זעט אויס – אז דער עיקר איז ביז שמיני עצרת

פון די אויבנדערמאנטע ווערטער פון חז"ל קען אויסזען, אז בעצם וואלטן זיך די ימים טובים געדארפט ענדיגן נאך סוכות, כאילו אז אלץ וואס מען האט געדארפט אויפטון אינעם חודש תשרי - האט מען שוין אויפגעטון מיט די ימים טובים ביז אהער. נאר וויבאלד עס איז שווער זיך צו געזעגענען, דערפאר האט דער אויבערשטער צוגעלייגט נאך איין איבריגער טאג - וועלכער איז כאילו נישט געווען אינעם פלאן פון די ימים טובים.

## פון 'פנימיות התורה' זעט אויס – אז דער עיקר שפיץ איז שמיני עצרת

אבער ווען מען קוקט אריין אין זוהר הק' און אין חסיד'ישע ספרים, זעט מען פונקט פארקערט, אז דער גאנצער ציל פון די גאנצע עבודה פון אלע ימים טובים ביז אהער - איז געווען בלויז כדי אנצוקומען צום

שמיני עצרת - וועלכער איז דער 'יום היחוד'; ווי מען וועט שפעטער מסביר זיין באריכות (פרק ב'), און ווען נישט דער טאג פעלט ממש דער 'עיקר' פונעם גאנצן תשרי. לכאורה איז זייער שווער, אלעמאל ווייסן מיר, אז 'פנימיות התורה' קומט נאר מסביר זיין דעם טיפקייט וואס ליגט באהאלטן אין 'פשטות התורה', אבער דא, ווי קען זיין אזא סתירה צווישן זיי? אז מצד 'פשטות התורה' וואלטן זיך די ימים טובים געקענט ענדיגן הושענא רבא נאכמיטאג נאכן קלאפן די הושענות, און מצד די חסיד'ישע ספרים איז פונקט פארקערט, אז יעצט הייבט זיך ערשט אָן דער עיקר נקודה! אלעס ביז יעצט - איז געווען בלויז אן 'הכנה' צו דעם טאג! ווי קען זיין אזא זאך?

## דער קשר ביים געזעגענען איז מער ווי סיי ווען

דער תירוץ אויף דעם - שטייט פונעם גרויסן מגיד פון מעזריטש, וואס מיט דעם באקומען מיר א טיפערן און יסודות'דיגן בליק אויפן גאנצן מהות פונעם שמיני עצרת. זאגט דער מגיד על דרך משל: ווען צוויי מענטשן לעבן צוזאמען א לאנגע צייט- בויעט זיך אויף א קשר צווישן זיי, און ווי לענגער זיי לעבן אינאיינעם - אלץ שטערקער און שטערקער ווערט די אהבה. אבער טאמער געשעט אמאל אז זיי דארפן זיך צושיידן און געזעגענען איינער פונעם אנדערן, ווערט דעמאלט נתגלה אזא סארט 'קשר' און 'אהבה' וועלכע איז נאך קיינמאל נישט ארויסגעקומען בגילוי צווישן זיי צוויי! ווייל **ווילאנג מען לעבט צוזאמען, וועט קיינמאל נישט ארויסקומען אזא מין קשר, ווי דער קשר וואס קומט ארויס בשעת מען געזעגנט זיך! דעמאלט ווערט נתגלה דער שפיץ אהבה און קשר, וואס דאס איז אסאך א טיפערע ליבשאפט**- ווי דאס וואס איז געווען דורכאויס די גאנצע צייט וואס זיי זענען געווען צוזאמען!

> **ווילאנג מען לעבט צוזאמען, וועט קיינמאל נישט ארויסקומען אזא מין קשר, ווי דער קשר וואס קומט ארויס בשעת מען געזעגנט זיך! דעמאלט ווערט נתגלה דער שפיץ אהבה און קשר**

## דער תכלית האהבה קומט דייקא ווען אפיציעל האט מען שוין געענדיגט

דער נמשל איז אזוי -זאגט דער גרויסער מגיד: דער רבונו של עולם האט אויסגעשטעלט דעם סדר המועדים אויף אזא אופן, אז אפיציעל דארף זיך עס ענדיגן נאך הושענא רבא. דאס הייסט, גאנץ תשרי לעבט מען צוזאמען מיט א נאנטקייט- יעדער יום טוב לויט זיין דרגא און בחינה, און דערנאך צושיידט מען זיך און מען גועזעגנט זיך, כאילו מען האט שוין געענדיגט אלץ וואס מען האט געדארפט דורכגיין. אבער ווי נאר מען הייבט זיך אָן צו 'געזעגענען' - ווערט א נייער יום טוב פון 'שמיני עצרת', וואס דעמאלט קומט ארויס דער שפּיץ קשר און אהבה! **דאס הייסט, דער גאנצער 'אור' פון שמיני עצרת ווערט נתגלה דורכן 'קשה עלי פרידתכם'**, וואס דעמאלט ווערט נתגלה אזעלכע געגועים און בענקענישן פונעם אויבערשטן צו אידישע קינדער, און אזוי אויך אויף צוריק, געגועים פון אידן צום אויבערשטן-וואס עס איז נישט נתגלה געווארן דורכאויס דעם גאנצן סדר פון אלע ימים טובים! און **אט דאס איז דער 'תכלית' פון גאנץ חודש תשרי! מען האט כביכול געלעבט א חודש צוזאמען, כדי מען זאל קענען אנקומען צו דער 'געזעגענען' - וואס דעמאלט קומט ארויס עפּעס וואס איז קיינמאל נישט ארויסגעקומען!**
נאר אודאי, מען קען נישט א גאנצן צייט זאגן בפירוש, אז מען גרייט זיך צום געזעגענען, ווייל דעמאלט וועט דאך נישט נתעורר ווערן אט דער טיפער קשר, וויבאלד מען ווייסט לכתחלה, אז מען האט נאכנישט געענדיגט מיטן לעבן צוזאמען, נאר עס קומט נאך א 'סדר' פון געזעגענען. דערפאר מוז עס אפיציעל הייסן, אז נאך הושענא רבה איז שוין אלעס געענדיגט, און נאכדעם קען זיך עפענען די הרגשה פון 'קשה עלי פרידתכם' - וואס דאס איז דער עיקר. און דערפאר איז נישט קיין שום סתירה צווישן 'פשטות התורה' און די חסיד'ישע ספרים, ווייל אודאי איז שמיני עצרת דער צייט פון 'יחודא שלים', וואס דאס איז דער שפּיץ און עיקר פון חודש תשרי, און אלעס ביז אהין איז בלויז א הכנה אנצוקומען דערצו; ווי אלע חסיד'ישע ספרים זאגן, אבער דער אופן 'וויאזוי' דער 'יחודא שלים' קומט ארויס בהתגלות, איז

דייקא דורכדעם וואס מען זאגט 'שוין פארטיג, מען גייט שוין אהיים', וואס דעמאלט ווערט נתגלה- דורך די בענקעניש פונעם געזעגענען - דער גרויסער 'יחוד' צווישן אידישע קינדער מיטן אויבערשטן.

✦

## פארוואס נאך פסח זאגט נישט דער אויבערשטער 'קשה עלי פרידתכם'?

עס בלייבט נאר איבער צו פארשטיין: פארוואס בלויז נאכן יום טוב סוכות איז פארהאן אזא ענין ווי 'קשה עלי פרידתכם' - וואס דאס איז נישטא נאך זיבן טעג 'פסח'?

## ענני הכבוד – דער אויבערשטער איז נישט בלויז אונזער 'אדון', נאר ער האט אונז ליב

כדי צו פארשטיין דעם ענין - מוז מען אין קורצן אנרירן די נקודה פון סוכות. דער פסוק זאגט (ויקרא כג מב): **"בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים וגו' לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם"** - דער רבונו של עולם הייסט אונז זיצן אין דער סוכה אלס זכר צו די 'ענני הכבוד' מיט וואס ער האט ארומגענומען אידישע קינדער אין מדבר. זענען די מפרשים מסביר(ה), אז דער אויבערשטער האט אונז נישט געהייסן מאכן קיין זכר אויפן 'מן' און 'באר', וויבאלד דאס ברענגט נישט ארויס קיין ספעציעלע 'אהבה וחיבה' פונעם אויבערשטן צו אונז, ווייל יעדער 'אדון' איז מחויב צו שפייזן זיין 'עבד'. נאכדערצו, אז ער האט אונז ארויסגענומען אין א וויסטן מדבר - מוז ער דאך אודאי אונז אויסהאלטן דארט מיט אלע אונזערע געברויכן. און דערפאר מאכט מען נישט קיין יום טוב דערויף. אבער די 'ענני הכבוד'

ה. עי' בית אלקים להמבי"ט שער היסודות פל"ז וחיד"א בראש דוד פרשת אמור.

- האט מען נישט געמוזט האבן אזוי נוטיג, און מען וואלט געקענט לעבן אויך אן דעם, נאר דער אויבערשטער האט דאס אונז געגעבן צוליב זיין חסד[ו] און ליבשאפט צו אונז! און דערפאר מאכט מען א יום טוב אויף דעם - נישט בלויז אלס זכר צו די 'ענני הכבוד' זעלבסט, נאר כדי ארויסצוברענגען אונזער שמחה מיט דעם וואס דער אויבערשטער האט אונז ליב מיט אזא געוואלדיגע אהבה וחיבה.

## דאס גיין אין 'ארץ לא זרועה' דרוקט אויס א בחינה פון 'חולת אהבה' צום אויבערשטן

נאך א נקודה: סוכות איז נישט בלויז א זכר פונעם אויבערשטנ'ס ליבשאפט צו אונז - נאר אויך א זכר פון אונזער ליבשאפט צום אויבערשטן, וואס מיר זענען אים נאכגעגאנגען אין וויסטן מדבר; ווי דער פסוק זאגט (ירמיה ב, ב): **"כֹּה אָמַר ה' זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה"** - וואס לכאורה זעט דאס אויס ווי א ווילדע און אומ'אחריות'דיגע שריט, אז מענטשן מיט ווייבער און קינדער זאלן זיך ארויסלאזן אין מדבר אריין - אן אנגרייטן גארנישט קיין עסנווארג, און דער אויבערשטער האט זיי ניטאמאל געהאט

**ו.** וככתוב (דברים א, לא): "ובמדבר אשר ראית אשר נשאך ה' אלקיך **כאשר ישא איש את בנו**". ובתרגום יונתן: "ובמדברא דחמיתא וכו' וסוברך ה' אלקך בענני איקר שכינתיה". והרי מפורש שהחיבה הזאת שהודגשה בפסוק 'כאשר ישא איש את בנו', מיירי על ענני הכבוד. וכן מפורש גם בפסוק (שמות יט, ד): "ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי". ובתרגום ירושלמי שם: "וסבלית יתכון על ענני קלילין היך על כנפי נשרין". ובאור החיים הק' שם כתב וז"ל: "ראו חיבתי בכם כרחם אב על בנים חביבין שאפילו מדרך כף רגליכם חסתי עליו ונשאתי אתכם על כנפי נשרים, פירוש ענני כבוד היו ממוצעים תחתם". ועוד ארז"ל תנא דבי אליהו רבא [פי"ג]: "ליוה הקב"ה את בניו ארבעים שנה במדבר שנאמר וה' הולך לפניהם יומם, **אלמלא דבר כתוב אי אפשר לאומרו כביכול כאב לפני בנו כרב שנוטל פנס לפני עבדו כאב לבן כאם לתינוק**".

געגעבן א הבטחה אז זיי וועלן האבן דארט צו עסן, און דער כלל איז דאך אלעמאל אז 'אין סומכין על הנס'. נו, וויאזוי האבן זיי טאקע איינגעשטעלט זיך מיט די גאנצע משפחה אין אזא סכנה? **נאר דא האט זיך ארויסגעשטעלט די געוואלדיגע 'אהבה' זיך מדבק צו זיין צום אויבערשטן, אז זיי זענען געווען אזוי פארקאכט פון גרויס אהבה, א בחינה פון 'אהבה מקלקלת את השורה', און דערפאר האבן זיי גארנישט געטראכט און געפרעגט, נאר אריינגעשפרינגען און נאכגעטאנצן דעם אויבערשטן וואו אימער ער טראגט זיי. און אויף דעם שטייט אין חז"ל[ז], אז פון דער אהבה איז געשאפן געווארן די 'ענני הכבוד' - וועלכע איז די אהבה פונעם אויבערשטן אויף צוריק;** ווי געזאגט. און 'מצות סוכה' - וועלכע איז א זכר צו די 'ענני הכבוד' - איז א זכר צו אט דער אהבה אהין און צוריק; פון אידישע קינדער צום אויבערשטן, און פונעם אויבערשטן צו אידישע קינדער.

**'מצות סוכה' - וועלכע איז א זכר צו די 'ענני הכבוד' - איז א זכר צו אט דער אהבה אהין און צוריק; פון אידישע קינדער צום אויבערשטן, און פונעם אויבערשטן צו אידישע קינדער**

## נאך א גאנצע וואך פון זיצן אין דער 'אהבה' - איז שווער זיך צו געזעגענען

נאך דער הקדמה, פארשטייט מען זייער גוט פארוואס דוקא נאך די זיבן טעג פון סוכות קומט אזא טאג פון 'קשה עלי פרידתכם', ווייל יעצט שטייט מען דאך נאך א וואך צייט וואס מען ווייקט זיך אין אהבת ה'! אידן פרייען זיך מיטן אויבערשטנ'ס ליבשאפט צו זיי -

**ז.** עי' בזוה"ק (ח"ג דף ק"ג), שדרש את הפסוק (ירמיה ב, ב): "כה אמר ה' זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה", ודרשו שם את הפסוק על ענני הכבוד ע"ש, **"וכל כך למה, בגין לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה"**. (וע"ע שפת אמת סוכות תרל"ה).

וועלכע דרוקט זיך אויס אין דער סוכה, און דער אויבערשטער פריידט זיך כביכול מיט אידנ'ס ליבשאפט צו אים - וועלכע דרוקט זיך אויס אינעם גיין אין מדבר בארץ לא זרועה. און דערפאר, נאכן פארברענגען זיבן טעג אין אזא אטמאספער פון 'אהבה' אהין און צוריק - איז טאקע שווער זיך צו געזעגענען! און דערפאר זאגט דער אויבערשטער 'עכבו עלי יום אחד קשה עלי פרידתכם'(ח).

✦

## פארוואס בלויז ביי 'מצות סוכה' איז פארהאן דער מושג פון 'געזעגענען פון דער סוכה'?

**מענין לענין:** אין אונזערע מקומות פירט מען זיך, אז נאך 'תפלת גשם' - גייט מען אריין אין דער סוכה און מען געזעגנט זיך פון איר. לכאורה איז דאס זייער אן אינטערעסאנטער ענין, וואס מען טרעפט נישט ביי קיין שום יום טוב אז מען זאל זיך געזעגענען פון דער מצוה פון יענעם יום טוב?! פסח געזעגענט מען זיך נישט פון די 'מצה' און חנוכה געזעגענט מען זיך נישט פון דער 'מנורה', נו, פארוואס נאר ביי יו"ט סוכות איז פארהאן אזא מושג ווי זיך געזעגענען פון דער סוכה?!

---

**ח.** נאך א סיבה פארוואס דייקא נאך סוכות איז פארהאן אזא שוועריקייט זיך צו געזעגענען:

דער ר"ן (מגילה יא) איז מסביר א טעם פארוואס שמחת תורה ליינט מען 'וזאת הברכה' - אויסער דעם פשוט'ן טעם, אז מען ענדיגט דעמאלט דעם ספר תורה - ווייל שמחת תורה איז דער שלוס פון 'אלע' ימים טובים, און דערפאר ליינט מען דעמאלט די ברכות וואס משה רבינו האט געבענטשט אלע אידן (ווי עס איז איינגעפירט צווישן מענטשן, אז יעדעס מאל וואס מען געזעגנט זיך, וואונטשט מען יענעם אן מיט גוטע ברכות). קומט אויס פונעם ר"ן, אז מען רעכנט די יאר פון די ימים טובים פון 'ניסן', וואס דעמאלט הייבט זיך אן דער ערשטער יום טוב - פסח, און עס ענדיגט זיך מיט סוכות. און דערפאר וועקט זיך דעמאלט אויף דער ענין פון 'קשה עלי פרידתכם', ווייל דאס איז נישט בלויז א געזעגענונג פון 'סוכות' - נאר פון אלע 'שלש רגלים', 'ראש השנה' און 'יום כיפור' פון דאס יאר.

## ווייל שמ"ע איז א יום טוב פון 'פרידה'

דאס ווייזט אונז אט דעם ענין, אז **'שמיני עצרת' איז געבויט אויף 'זיך געזעגענען'! עס איז א יום טוב פון 'קשה עלי פרידתכם'! און דערפאר איז דעמאלט א צייט וואס מען ברענגט אריין דעם ענין פון 'געזעגענען' אויך כלפי די סוכה!** מען ברענגט ארויס דעם געוואלדיגן קשר צו 'מצות סוכה' - דייקא דורכדעם וואס מען געזעגנט זיך פון דער סוכה! ווייל דעמאלט קומט ארויס אזא מין קשר- וואס מען האט נישט געהאט דורכאויס די גאנצע צייט וואס מען איז געזעסן אין דער סוכה(ט).

---

**ער האט געשפירט דערין א טעם פון זיך געזעגענען פונעם 'בית המקדש'**

**ט.** א איד האט דערציילט, ער איז געווען ביי רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע ביים געזעגענען פון די סוכה אין די ערשטע יארן-תש"י אדער תש"ט, און עס זענען דארט געווען ממש געציילטע אידן. בשעת'ן ארויסגיין פון די סוכה האט דער רבי געזאגט א מורא'דיגע הפלגה- וועלכע איז א השגה פון צדיקים אין מצות סוכה: דער רבי האט זיך באצויגן צו דער תפלה פון 'יסוד יוסף', וואס מען זאגט די ערשטע נאכט סוכות בשעת ווען מען גייט אריין אין די סוכה, זאגט מען דארט: **"בזכות צאתי מביתי החוצה יחשב לי כאילו הרחקתי נדוד"**- אין זכות וואס איך האב איבערגעלאזט מיין הויז, זאל פאררעכנט ווערן כאילו איך בין געגאנגען אין גלות. האט דער רבי געזאגט: "מה-דאך ווען א איד לאזט איבער א גשמיות'דיגן הויז און ער גייט אריין אין אזא הייליגע סוכה- ווערט עס פאררעכנט פאר אים כאילו ער איז געגאנגען אין גלות, **כל שכן ווען ער לאזט איבער אזא הייליגע סוכה וועלכע איז 'צלא דמהימנותא', און ער גייט צוריק אריין אינעם גשמיות'דיגן שטוב, איז דאך אודאי און אודאי אז עס ווערט פאררעכנט ווי ער איז געגאנגען אין גלות"**. דאס ווייזט ווי שווער עס איז געווען פאר צדיקים זיך צו געזעגענען פון דער סוכה, אז זיי האבן ממש געשפירט ווי זיי ווערן יעצט ארויסגעטריבן אין גלות אריין.

> **כל שכן ווען ער לאזט איבער אזא הייליגע סוכה וועלכע איז 'צלא דמהימנותא', און ער גייט צוריק אריין אינעם גשמיות'דיגן שטוב, איז דאך אודאי און אודאי אז עס ווערט פאררעכנט ווי ער איז געגאנגען אין גלות"**

## דער זמן פון 'געזעגענען פון דער סוכה' - א צייט צו בויען א שטארקערן קשר דערמיט

דער בלאזשוב'ער רב זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט: **"אז מען וועט מיר קומען זאגן אינמיטן סוכות אז משיח איז געקומען, וועל איך זאגן: איך גיי נישט ארויס פון די סוכה! איך וועל מקבל זיין פני משיח א וואך ארום - נישט יעצט! יעדער קען גיין מקבל זיין פני משיח, אבער איך גיי נישט ארויס פון די סוכה!"**. דאס איז געווען דער קשר פון צדיקים מיט דער סוכה. מיר האבן טאקע נישט די מורא'דיגע 'השגות', אבער יעדער איד האט זיך דאך זיין געפיל פון אהבה צו דער סוכה, און דעריבער דארף ער אויסנוצן דעם צייט פון 'געזעגענען' פון דער סוכה - אויף אויפצובויען א שטארקן קשר מיט דער סוכה - וועלכע איז נאך מער קשר ווי דאס וואס ער האט געשפירט א גאנץ יום טוב סוכות.

##ביים געזעגענען פון דער סוכה - קניפט מען אן א קשר מיט די שכינה דורך די תורה

**אז מען וועט מיר קומען זאגן אינמיטן סוכות אז משיח איז געקומען, וועל איך זאגן: איך גיי נישט ארויס פון די סוכה! איך וועל מקבל זיין פני משיח א וואך ארום - נישט יעצט!**

**אין אנדערע ווערטער:** די ספרים הק' זאגן, אז די 'סוכה' האט אין זיך א 'קדושת בית המקדש' - וואס דארט איז דער פלאץ וואו די שכינה הקדושה האט גערוהט. און בשעת'ן געזעגענען - איז כאילו מען געזעגנט זיך פון דער קשר און נאנטקייט צו די שכינה וואס מען האט געהאט ביז יעצט אין דער סוכה, און מען ווערט אליינס א 'מרכבה' וואו די שכינה זאל רוען, א בחינה פון 'בתוך לבי משכן אבנה'; ווי מען וועט שפעטער רעדן באריכות (פרק ב). און דאס איז דער ענין פון 'שמיני עצרת' וואס מיר אידישע קינדער ווערן איינס מיט די שכינה, און דער 'יחוד' געשעט מיט אונז אליינס! און דערפאר איז שמיני עצרת טאקע די ריכטיגע צייט וואס מיר פרייען זיך מיט דער 'תורה' - וואס דורך די שמחה מיט די תורה - זענען מיר זיך מדבק דערמיט מיט א געוואלדיגע 'דביקות'! און דורכדעם בויען מיר אויף פארן גאנצן יאר א מהלך וויאזוי זיך מדבק צו זיין צו די 'שכינה' - דורך די תורה הקדושה! און ווי חז"ל זאגן (ברכות ו.): "כל היושב ולומד 'שכינה' עמו". אויך שטייט א לשון (תנדב"א פי"ח): "יושב ושונה עמו" - ווען א איד זיצט און לערנט,

## וואס טוט מען אויף מיטן צולייגן נאך א טאג - סוכ"ס וועט מען זיך דאך מוזן צושיידן?

עס בלייבט נאך איבער צוויי שאלות וועלכע מען דארף פארשטיין: **ערשטנס**, אויב איז אזוי שווער זיך צו געזעגענען, אז דער אויבערשטער כביכול זאגט דערויף אזעלכע ווערטער ווי 'קשה עלי' - עס איז מיר שווער. נו אויב אזוי, וואס איז דער אויפטוה פון צולייגן נאך איין טאג?! ווען דער טאג ענדיגט זיך, דארף מען זיך דאך ווידער געזעגענען מיט אזא שווער הארץ?!

---

זיצט די שכינה קעגן איבער אים און לערנט מיט אים.

**סדר הדברים:** פונקט ווי נאך דער כפרה אויפן 'חטא העגל' - וועלכע האט זיך געענדיגט בשלימות אום יום כיפור, ווען דער אייבערשטער איז 'נתרצה' געווארן מיט א 'רצון' צו אידן - האבן אידן באלד זוכה געווען צום ציווי פון "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", דער אויבערשטער האט געהייסן בויען א משכן וואו עס וועט זיין 'השראת השכינה' צווישן אידן. אט אזוי שפילט זיך יעצט אפ, אז נאך דער 'מחילת עוונות' פון 'יום הקדוש' - ווען עס ענדיגט זיך דער שלימות'דיגער כפרה פון אלול און עשרת ימי תשובה, וואס דעמאלט זאגט דער אויבערשטער "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם לפני ה' תטהרו" - זענען מיר באלד דערויף זוכה צו די מצוה פון סוכה, וואס דאס מיינט, אז עס רוהט 'השראת השכינה בתוכינו'. אבער כדי אנצוהאלטן ווייטער דעם קשר מיט דער שכינה אויך נאך דעם יו"ט סוכות - ווען מען צענעמט שוין די הייליגע סוכה און מען געזעגנט זיך מיט דער שכינה וואס האט גערוהט ביי אונז צווישן די הייליגע 'דפנות הסוכה' - זענען מיר זיך מדבק אין די תורה הק', וואס דאס איז די עבודה פון שמיני עצרת, און דורכדעם קענען מיר בלייבן דבוק צום אויבערשטן א גאנץ יאר.

דערפאר בשעת'ן געזעגענען פון דער סוכה זאגט מען: "**שנזכה לישב בסוכת עורו של לויתן**" - דאס איז פון לשון 'ילוה אלי אישי', א לשון פון 'דביקות', [בית אהרן שמחת בית השואבה, ד"ה כך,] - אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיין דבוק אינעם אויבערשטן דורך די תורה. דערנאך זאגט מען ווייטער: "**ונזכה שיבנה ביהמ"ק במהרה בימינו**" - מיר זאלן זוכה זיין צום בית המקדש, וואס דארט וועט זיין דער 'יחוד' ווי עס דארף צו זיין, און ביז דעמאלט: "**ותן חלקינו בתורתך**" - זאלן מיר זוכה זיין צו ווערן דבוק אין דיר דורך די תורה.

## פארוואס א 'סעודה קטנה' – איז דען נישט געשמאקער א 'סעודה גדולה'?

**צווייטנס**, אויב איז די אהבה און יחוד אזוי געוואלדיג גרויס, נו, פארוואס נאר מאכן א 'סעודה קטנה'?! פארקערט, היינט וואלט מען ווען געדארפט מאכן א 'סעודה גדולה' אזויווי פורים?! עס וואלט געדארפט זיין די גרעסטע סעודה פון גאנץ חודש תשרי - ארויסצוברענגען די געוואלדיגע שמחה און אהבה וואס הערשט היינט?!

צו פארענטפערן די דאזיגע שאלות, מוז מען אנקומען צו די חסיד'ישע ספרים, ווייל נאר דורכן חסיד'ישן בליק אויף שמיני עצרת - וועלכע מען וועט יעצט אויסשמועסן (פרק ב')- וועלן די דאזיגע שאלות אויך פארענטפערט ווערן.

# פרק ב

## יום אחד:
# א טאג פון 'יחודא שלים' - די גרעסטע דרגא פון נאנטקייט צום רבוש"ע

ביז אהער האט מען גערעדט דעם פשטות'דיגן חלק פון שמיני עצרת - וואס חז"ל זאגן אונז. יעצט וועט מען אריינגיין א טריט ווייטער, און זען וואס די חסיד'ישע ספרים - וועלכע זענען געבויעט אויפן זוהר הק' און אר"י הק' - זענען מגלה אויפן מהות פון שמיני עצרת.

### דער שפיץ פון דער גאנצער חתונה

די ספרים הקדושים רעדן ארום, אז דער עיקר נקודה וועלכע טוט זיך אפ אין דעם טאג פון שמיני עצרת איז דער 'יחודא שלים'. דאס הייסט, דער שייכות צווישן דעם אויבערשטן מיט כלל ישראל ווערט צוגעגליכן צו א דוגמא פון 'חתן כלה', וואס **דער רבונו של עולם איז כביכול דער חתן, און אונז אידישע קינדער זענען די 'כלה', "כנסת ישראל כלה קרויה בנעימה", און אין דעם טאג פון שמיני עצרת קומט פאר דער שפיץ פון דער חתונה**, אז עס טוט זיך אפ א 'יחוד השלם' צווישן אונז מיטן אויבערשטן כביכול. א איד ווערט 'איינס' מיטן אויבערשטן כביכול[י].

**י.** ולא עמד איש אתו (בראשית מ"ה א) בזמנא דקב"ה אתי לאזדווגא בכנסת ישראל, בהתודע יוסף אל אחיו, בזמנא דקב"ה הוה מתחבר בהו בישראל, בגין דאינון נטלי בלחודייהו ולא חבורא דעמין עובדי עכו"ם בהדייהו, בגין כך **ביום השמיני עצרת תהיה לכם, דהא בזמנא דא איהו קב"ה בלחודוי בחבורא חדא עם ישראל**, דכתיב בהו אחי ורעי כמה דאוקמוה. (זוהר ח"א דף ר"ח ע"ב)

## חודש תשרי אין אויסשטעל פון א חתונה

עס ווערט מבואר אין ספרים הק', אז פונקט ווי א חתונה בגשמיות דא אויף דער וועלט, איז אויסגעשטעלט מיט א גאנצן 'סדר', פונעם 'שידוך שליסן' ביז נאך דער מצוה טאנץ, אזוי אויך כביכול, די חתונה צווישן קודשא בריך הוא און כנסת ישראל איז אויסגעשטעלט מיט א 'סדר' פון א חודש תשרי; ווי פאלגענד:

## ראש השנה – איז דער 'שידוך שליסן'

**ראש השנה**- דעמאלט קומט פאר דער 'שידוך', מען 'באקענט' זיך איינער מיטן אנדערן, מיר באקענען זיך מיטן רבונו של עולם און מיר אנערקענען אז ער איז דער 'מלך על כל הארץ', און עס ווערט מקוים דער 'יכירו וידעו', און 'וידע כל פעול כי אתה פעלתו'. אזוי אויך דער חתן כביכול, באקענט זיך מיט די כלה און ער איז איר בודק די כלה צו זי איז פאסיג פאר אים. און דערפאר איז עס א 'יום הדין', וואס דער רבונו של עולם איז 'דן' אידישע קינדער צי זיי זענען טאקע ראוי צום תכלית פון 'יחודא שלים' אום שמיני עצרת. און וויבאלד מיר ווילן זייער זוכה זיין בדין און ווערן אנגענומען אלס 'כלה קרויה בנעימה', דערפאר טוען מיר תשובה, און מיר זענען אים 'ממליך', דאס מיינט, מיר נעמען זיך אונטער צו זיין געטריי צום חתן. אזוי אויך, רעכנט די כלה אויס אירע מעלות, און דערפאר זאגט מען 'זכרונות' - וואו מען דערמאנט 'זכות אבות' און אנדערע זכותים, און מען זאגט 'שופרות'- וואו מען דערמאנט 'מתן תורה'. אידן זענען 'זוכה בדין', מיר האבן געפונען חן ביים אויבערשטן, און דער שידוך ווערט געשלאסן. דער אויבערשטער שרייבט אונז אָן א 'כתיבה וחתימה טובה', וואס דאס איז דער 'שטר תנאים' - וואו דער חתן כביכול נעמט זיך אונטער צו געבן פאר די כלה 'חיים, ברכה ושלום, ופרנסה טובה'.

## ביז נאך יו"כ איז די ז' ימי טהרה

**עשרת ימי תשובה**- באשטייט פון זיבן 'ריינע טעג' צווישן ראש השנה און יום הקדוש, וואס דעמאלט איז דא זיבן טאג וואס מיר רייניגן זיך אפ פון יעדע 'חציצה' וואס איז מפסיק צווישן אונז מיטן אויבערשטן. און דעמאלט פאנגט זיך אן צו בויען א נאנטקייט; ווי דער פסוק זאגט: **"דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב"**, און חז"ל זאגן: **"אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים"** - די צען טעג איז דער אויבערשטער ספעציעל נאנט צו א איד.

**'יום הקדוש'** - דעמאלט איז די 'חופה', וואו אידישע קינדער גייען אריין אין א בחינה וועלכע רופט זיך 'חופה העליונה'; ווי מען זאגט ביי נעילה: **"יחביאני צל ידו תחת כנפי השכינה"**. דאס איז דער זמן פון 'קידושין' וואס דער רבוש"ע איז 'מקדש' אידישע קינדער צו זיך, און דעמאלט באקומען מיר פונעם רבונו של עולם דעם 'טבעת המלך' - דאס איז דער 'חותם' וואס מען חתמ'עט אידן לטובה. אויך איז מען אין דעם טאג זוכה אריינצוגייין אין דער 'מקוה העליונה', מקוה ישראל ה', און מען איז זוכה צום "לפני ה' תטהרו" - מען ווערט אפגערייניגט פון אלע חטאים און עונות וועלכע מאכן א 'מסך המבדיל' צווישן אידן מיטן אויבערשטן, און ווי נאר מען רייניגט אפ די אלע 'מבדילים' - ווערט מען דערנענטערט צום אויבערשטן, און אט די 'טהרה' איז א דירעקטע 'הכנה' צום 'יחודא שלים' פון שמיני עצרת.

## סוכות – איז די חופה און סעודת החתונה

**יום טוב סוכות**- דעמאלט הייבט זיך אָן די חתונה, מיר גייען אריין אינעם 'צל סוכה', דער 'צילא דמהימנותא'. דארט פארברענגען מיר זיבן טעג - קעגן די 'שבע ברכות' וואס מען זאגט אונטער די חופה. מיר זענען זוכה צו האבן חשוב'ע געסט אויף די חתונה- דאס זענען די זיבן אושפיזין. יעדע נאכט טאנצט מען ביי 'שמחת בית השואבה'- דאס איז ווי די טענץ וואס מען טאנצט ביי די חתונה.

**'הושענא רבה'** -איז ווי דער 'מצוה טאנץ' כביכול, וואס דעמאלט ווערט נאכאמאל נתעורר א מצב פון ערנסטקייט, ווייל דעמאלט גיבט דער רבונו של עולם כביכול איבער די 'פתקין', וואס אין דעם שטייט אלעס וואס גייט אריבערגיין אויפן מענטש א גאנץ יאר. און דאס איז די 'כתובה' וואס איז מעכב דעם יחוד (כתובות נז:). און פונקט ווי ביי א חתונה, רעדט מען פון די זיידעס און מען איז מעורר זייערע זכותים - אזוי אויך, אין דעם טאג מאכט מען זיבן הקפות מיט די ד' מינים, און מען איז מעורר דעם 'זכות אבות' פון די 'שבעה רועים', וואס מיט זייער כח און זכות זענען מיר זוכה צו צוגיין צום 'יחודא שלים' פון שמיני עצרת.

## שמע"צ -דירה בתחתונים

**שמיני עצרת און שמחת תורה**- איז דער זמן וואס אידישע קינדער פאראייניגן זיך כביכול מיטן אויבערשטן, און שטעלן אים אויף א 'דירה' בתחתונים'. אין פשוט'ע ווערטער: **די גאנצע צייט פון די אכט און פערציג שעה הערשט א מורא'דיגע קשר און נאנטקייט צווישן אידישע קינדער מיטן אויבערשטן! דאס איז א טאג וואס איז כל כולו א מורא'דיגע 'גילוי אהבה' פונעם אויבערשטן צו אידישע קינדער! אין דעם טאג קומט פאר דער גרויסער יחוד און קשר פונעם רבונו של עולם מיט אידישע קינדער!** עס איז א זמן פון א געוואלדיגער דבקות און יחוד פון אידישע קינדער צום אויבערשטן, וועלכע גלייבן אז זיי זענען 'מהנה' דעם אויבערשטן כביכול; ווי ער האט אליינס געזאגט 'כדי שאהנה מכם'.

## כתר - דער יחוד השלם

**קדושת כתר.** עס שטייט פונעם אר"י הק' און ספרים הק', אז דער שפיץ פון דער 'יחודא שלים' איז ביי 'כתר' -ווען מען זאגט "שמע ישראל ה' אלקינו ה' **אחד**"[יא], און מען איז מקבל אויף זיך 'מסירות

**יא.** עס שטייט אין ספרים הק', אז **'שמע ישראל הוי"ה אלקינו הוי"ה אחד'** צוזאמען מיט מספר ב"ן - וואס דאס איז קעגן די צוויי און פופציג טעג פון ראש חודש

נפש'[יב], און דאס שאפט דעם 'יחוד'[יג]. אט דער זמן ווערט אנגערופן אין ספרים הק' 'יחודא שלים'.

## גשם - די שפע מלמעלה למטה

**תפלת גשם.** עס ווערט מבואר אין די ספרים הק', אז דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין דער בריאה געוויסע טבעיות'ן, כדי מען זאל דורכדעם קענען וויסן וואס עס טוט זיך למעלה אין די עולמות העליונים; ווי עס שטייט: "מבשרי אחזה אלו"ה", אז די גאנצע וועלט דא אונטן איז א משל צו פארשטיין וואס עס געשעט אויבן אין דער אמת'ער וועלט. מען זעט דא אונטן, אז ווען צוויי מענטשן לעבן צוזאמען א לענגערע צייט באהבה וידידות -ווערט צום סוף אנקומען א מינוט, וואס דעמאלט איז דער שפיץ און שלימות פון קשר, און מרוב אהבה ווערט מען יענעם משפיע זיין און איבערגעבן דאס טייערסטע וואס מען פארמאגט. פון דעם קען מען עטוואס פארשטיין דעם

---

אלול ביז שמחת תורה - איז בגימטריא **'שמיני עצרת'**. און **'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד'** מיטן כולל - איז בגימטריא **'שמחת תורה'**.

**יב.** און דערפאר זאגט מען **'יזכור'** פאר תפלת גשם, כדי צו מעורר זיין דעם מסירת נפש פון אלע פריערדיגע צדיקים און דורות הקודמים. אזוי אויך, איידער מען זאגט 'כתר' וואס דעמאלט איז דער 'זמן היחוד' - זאגט מען דעם פיוט **'זכור אב'**, **'זכור שנים עשר שבטים'**, כדי צו דערמאנען דעם זכות פון די צדיקים הקודמים, וואס נאר דורך זייער כח פון 'מסירת נפש' קענען מיר אויפוועקן און מעורר זיין למעלה דעם גרויסן 'יחודא שלים' - זיך מדבק צו זיין אינעם אויבערשטן אויף א געוואלדיגן פארנעם, און זוכה זיין צום 'גשם' - די געוואלדיגע השפעה אויף א גאנץ יאר.

**יג.** כתב האר"י הק' בשער הכוונות - בקדושת כתר במוסף שבת, וזלה"ק: "והנה זווגם עתה הוא ממש כעין זווג וכו' כי הרי ירשו את מקומם וכבר נודע כי אין זווג וכו' אלא ע"י מ"ן של נשמות התחתונות המוסרים עצמם להריגה על קידוש השם ע"ד יחוד וכו' בפסוק שמע ישראל כמ"ש בק"ש דשחרית דימי החול ולכן עתה אנו אומרים פסוק שמע ישראל וצריך לכיון להעלות מ"ן וכו' על ידי מסירת נפשינו על קידוש השם במלת אחד בפסוק שמע ישראל כמ"ש בק"ש של שחרית דחול". (שער הכוונות דף ע"ד ע"א).

נמשל, אז **שמיני עצרת** ביי **'קדושת כתר'** - קומט אָן די מינוט וואס **דעמאלט איז דער שפיץ פון 'אהבה ויחודא שלים'**(יד)**, און דעמאלט איז דער אויבערשטער משפיע א געוואלדיגע שפע פאר כנסת ישראל.** און דאס איז דער שייכות צווישן דעם 'יחודא שלים' מיט 'גשם', ווייל 'גשם' ווייזט אויף דער 'שפע' וואס קומט פון אויבן, אלס תוצאה פון דער 'אהבה ויחוד', וואס פון דעם דאזיגן שפע שעפט מען חיות א גאנץ יאר ברוחניות ובגשמיות.

דאס איז א כלליות'דיגער בילד אויף די צוויי טעג 'שמיני עצרת' און 'שמחת תורה', וואס מען האט אונז געגעבן א יום טוב, צו פראווען דעם ליבשאפט וואס דער רבונו של עולם האט צו אונז(טו).

## נישטא די ווערטער און משלים אויף אהבת ה' לישראל

**אליבא דאמת:** אפילו דער משל פון 'חתן כלה' איז בלויז אן ארימער משל וואס מיר קענען נישט אויסדרוקן מער פון דעם, אבער באמת שטייט פון צדיקים, אז דער נאנטער באציאונג צווישן אידישע קינדער

---

**יד.** רביה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט זאגן אויף זיין שווער דער פלאנטשער רב זצ"ל: **"צוויי שעה נאך מוסף האט מען נישט געקענט רעדן מיטן שווער, ער איז ממש נישט געווען ביי זיך".** (עזר מקודש דף תרס"ז).

אזוי אויך האט ער געזאגט (נדפס בד"ת סעודת פורים תש"כ) אויפן ראפשיצער רב זצ"ל: דער ראפשיצער רב האט געזאגט, אז צוויי מאל אין יאר איז ער שיכור, פורים ביי די מגילה און שמיני עצרת ביי כתר".

**אן אנדערער אויסשטעל פון דער קשר צווישן אידן און דעם אויבערשטן – דורכאויס חודש תשרי:**

**טו.** חסיד'ישע ספרים זענען מסביר דעם 'סדר' פון חודש תשרי, אז דאס גייט בהדרגה. ווייל אינעם נאנטקייט און קשר וואס א איד קען האבן מיטן אויבערשטן- איז פארהאן זייער אסאך אופנים, וועלכע בויען זיך צוביסלעך בהדרגה, און יעדער איד דארף דורכגיין פארשידענע סארט אופנים פון קשר, ביז ער קומט אָן צום 'יחודא שלים'.

### אברהם קראו להקב"ה אדון – דער אויבערשטער איז אונזער 'אדון'

באופן כללי איז פארהאן דריי סארט באציאונגען צווישן א איד מיטן אויבערשטן. דער ערשטער באציאונג איז, ווי א 'מלך' און 'עבד'; ווי מיר ווייסן אז אין די ערשטע יארן פון דער בריאה - איידער דער אויבערשטער האט אויסגעוועלט כלל ישראל פאר א פאלק, איז דער אויבערשטער געווען בלויז א 'מלך'; ווי מען זאגט: "לעת נעשה בחפצו כל אזי מלך שמו נקרא". און אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער וועלכער 'הכיר את בוראו', ער האט מכיר געווען דעם אויבערשטן אויף אן אופן פון 'בורא ואדון', אז דער אויבערשטער איז דער 'אדון' און ער איז משועבד צו אים אלס עבד.

### בני בכורי ישראל – דער אויבערשטער איז אונזער טאטע

דער צווייטער באציאונג איז, ווי א טאטע און קינד; וואס דאס איז נתגלה געווארן צום ערשטן מאל ביי 'יציאת מצרים' - וואו דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו: "בני בכורי ישראל"- אידן זענען מיינע קינדער! זיי ווערן אנגערופן 'בנים למקום'! דאס איז געווען א חידוש אין דער בריאה, וואס ביז דעמאלט האט קיינער נישט גע'חלומ'ט אויף אזא באגריף.

### אני לדודי ועלי תשוקתו – דער אויבערשטער איז אונזער חתן

דער דריטער באציאונג איז, ווי א חתן און כלה;וואס דאס איז נתגלה געווארן אין בית המקדש; ווי שלמה המלך שטעלט עס פאר אין שיר השירים. און בעיקר וועט דאס נתגלה ווערן בשלימות לעתיד לבוא; ווי דער פסוק זאגט: "כמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך". און דאס איז די העכסטע דרגה פון יחס און קשר צווישן א איד מיטן אויבערשטן.

### ימים הנוראים – 'מלך ועבד'

דאס איז דער 'סדר' פון חודש תשרי: '**ימים הנוראים**'- דעמאלט איז אונזער באציאונג צום אויבערשטן ווי א 'מלך' און מיר זענען די 'עבדים', און דערפאר איז דעמאלט 'ימי הדין', ווייל א מלך איז פארנומען צו משפט'ן די מדינה; ווי עס שטייט (משלי כט, ד): "מלך במשפט יעמיד ארץ".

### סוכות – 'אב ובן'

**יום טוב סוכות**- דעמאלט ווערט אונזער באציאונג צום אויבערשטן ווי קינדער ביים טאטן אין שטוב, מיר זיצן אין די הייליגע סוכה - וועלכע איז

מיטן אויבערשטן, האט נישט קיין שום משל! אלע משלים זענען נישט דומה צום נמשל! ווייל אינ'אמת'ן איז **'קודשא בריך הוא וישראל חד' - מיר זענען ממש איינס מיטן אויבערשטן! 'נשמת ישראל' זענען א 'חלק אלוק ממעל ממש'; ווי עס שטייט** (דברים לב, ט)**: "כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ", און ווי עס שטייט** (בראשית ב, ז)**: "וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים" - "מאן דנפח מתוכו נפח"** (ליקוטי אמרים תניא פ"ב, בשם הזוהר)**, נאר א גאנץ יאר איז אט דער אמת פארדעקט און פארהוילן, אבער היינט אין דעם טאג פון שמיני עצרת און שמחת תורה ווערט עס נתגלה! נו, ווי איז שייך אויף דער וועלט א משל צו דעם?! ממילא, דער 'גילוי האהבה' וועלכע ווערט נתגלה אין דעם טאג פון שמיני עצרת- איז העכער פון יעדן סארט נאנטע באציאונג וואס איז נאר פארהאן! עס ווערט נתגלה אז מיר זענען 'חד ממש'.**

✦

מען וועט אביסל טיפער אפלערנען דעם חידוש פונעם טאג פון שמיני עצרת.

## ואהבת את ה' אלקיך איז דאך א חיוב אויף א גאנץ יאר?

**לכאורה קען מען פרעגן:** די מצוה פון אהבת ה' איז דאך נוגע אויף א גאנץ יאר, אז מען דארף טון מצוות מיט א נאנטקייט און ליבשאפט

---

ווי דער אויבערשטנ'ס הויז, 'צל השכינה', און מיר עסן דארט, שלאפן דארט און לעבן דארט; ווי חז"ל זאגן: "אוכל בסוכה ישן בסוכה מטייל בסוכה", ווייל דעמאלט זענען מיר ווי קינדער וועלכע זענען 'סמוך על שולחן אביהם'.

**שמיני עצרת - 'חתן וכלה'**

**שמיני עצרת**- דעמאלט ווערט אונזער באציאונג צום אויבערשטן ווי א 'כלה' צו איר 'חתן', וואס דאס איז די העכסטע דרגא און דער תכלית פון אלע באציאונגען; ווי מען זעט אז דאס איז דער תקוה אויף לעתיד, אז דעמאלט וועט זיין 'כמשוש חתן על כלה', עס וועט זיין א שלימות'דיגער 'יחוד' צווישן 'כנסת ישראל ודודה'.

צום אויבערשטן, נו, וואס איז אזוי מיוחד שמיני עצרת, וואס דעמאלט איז דער זמן פון אהבה?

## א גאנץ יאר איז עס א מצוה פון 'עשה דבריו מתוך אהבה'

**איז דער בעל התניא מסביר א געוואלדיגן יסוד:** א גאנץ יאר איז אונזער אהבה און קשר מיטן אויבערשטן אלעמאל דורך אן 'אמצעי', מיר זענען זיך מקשר צום אויבערשטן דורך עפעס א זאך- וועלכע איז אונז משדך און מקשר, צי דורך 'לימוד התורה', צי דורך 'מצוות', צי דורך 'דאווענען', צי דורך 'דאנקען', צי דורך 'תשובה', אלעס גייט צו מיט אן 'אמצעי' וועלכע ברענגט אונז צוזאם מיטן אויבערשטן. אזוי אויך, יעדער יום טוב האט עפעס א ספעציעלע מצוה, 'ראש השנה' בלאזט מען שופר, 'יום כיפור' פאסט מען און מען איז עוסק אין 'תשובה ותיקון המעשים', 'סוכות' שאקלט מען נענועים, אלעמאל טוען מיר עבודות פארן אויבערשטן- לויט דעם געוויסן זמן -וואס דאס איז אונז מקשר מיטן אויבערשטן.

## שמיני עצרת איז עס א מצוה פון 'אהבה לשם אהבה'

שמיני עצרת איז דער איינציגסטער יום טוב וועלכע האט נישט קיין ספעציעלע מצוה. ווייל שמיני עצרת זאגט דער אויבערשטער קלאר: **"אני ואתה נשמח ביחד" -איך וויל זיך פרייען מיט 'דיר'! איך דארף נישט קיין שום זאך וואס איז מקשר צווישן מיר מיט דיר, ווייל היינט איז אונזער קשר העכער פון אלע 'אמצעיים'! היינט ווערט נתגלה, אז אינ'אמת'ן זענען מיר 'חד ממש'!** א גאנץ יאר איז נישטא אט דער גילוי, דערפאר מוז מען האבן די'תורה ומצות' זאל אונז מקשר זיין, אבער אין דעם היינטיגן טאג שיינט דער פנימיות'דיגער אמת, אז מיר זענען בעצם איינס!".

> **שמיני עצרת זאגט דער אויבערשטער קלאר: "אני ואתה נשמח ביחד" -איך וויל זיך פרייען מיט 'דיר'! איך דארף נישט קיין שום זאך וואס איז מקשר צווישן מיר מיט דיר, ווייל היינט איז אונזער קשר העכער פון אלע 'אמצעיים'!**

## מען קען נישט אנקומען דערצו אָן די הכנה פון גאנץ חודש תשרי

דער הייליגער חתם סופר (תו"מ שמ"ע ד"ה והיית) זאגט אויך די זעלבע בחינה, נאר אין אנדערע ווערטער: אז אודאי מוז מען האבן אזא גאנצער חודש תשרי פון פריער אלס 'הכנה'; עס מוז זיין קודם די הייליגע טעג- ווען אונזער גוף ווערט אויסגערייניגט פון אלע חטאים און טומאות. דערנאך מוז זיין דער יום טוב סוכות, ווען מיר ברענגען אריין קדושה אין אלע אונזערע אברים- דורכן שאקלען די הייליגע ד' מינים, וועלכע איז א מורא'דיגער 'חפץ של מצוה'; ווי עס שטייט אז דאס איז ממש די ד' אותיות פון שם הוי"ה, און דאס שיינט אריין אין אונזער גוף א געוואלדיגע הויכע 'קדושה' און אן 'אור פנימי'. אזוי אויך מוזן מיר זיך אנטון די הייליגע בגדים פון 'סוכה'; ווי עס שטייט אין אלע ספרים הק', אז די סוכה איז א פלאץ וואו די שכינה רוהט, א בחינה פון 'תחת כנפי השכינה' - וואס דאס איז א בחינה פון א 'מקיף' און א 'לבוש'. און אָן די אלע הכנות וואלטן מיר נישט געקענט אנקומען און זיין גרייט צו דעם געוואלדיגן 'יחוד' פון שמיני עצרת.

## די הכנה איז גורם אז מען דארף שוין גארנישט אינצווישן – נאר 'אני ואתה'

אבער ווען עס קומט שוין ענדליך אָן דער שמיני עצרת- דארף מען שוין גארנישט! **שמיני עצרת איז נישטא קיין 'שופר', קיין 'אתרוג ולולב', קיין 'סוכה', ווייל 'מיר אליינס' זענען יעצט דער 'חפץ של מצוה' וועלכע פארמאגט די העכסטע 'קדושה'! 'מיר אליינס' זענען יעצט דער פלאץ וואו די שכינה רוהט! ווי מען זאגט ביי די פיוטים: "בתוך לבי משכן אבנה לזיוו" - ער וועט וואוינען אין מיין הארץ! ווייל היינט איז נישטא קיינער אינדערמיט, נאר 'אני ואתה'!** (טז)

**טז.** "פעם אחת קודם ההקפות אמר אדומו"ר הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זצוק"ל להרב החסיד ר' רפאל מבערשיד ז"ל בזה הלשון: תדע רפאל שעד עתה עשינו

## זיך אהערשטעלן ביי א חתונה איבער די מאס – איז א סימן אויף א 'חסרון שמחה'

מיט דעם וועט מען פארשטיין די אויבנדערמאנטע שאלה (סוף פרק א'): אויב איז שמיני עצרת אזא גרויסע שמחה, פארוואס זאל מען נישט מאכן א 'סעודה גדולה' לכבוד די גרויסע שמחה? אבער נאך די אלע הקדמות - וועט מען עס פארשטיין זייער פשוט, בדרך משל: ווען מען זעט ווי א מענטש מאכט חתונה א קינד מיט גאר א גרויסן טראסק; ווי מען רופט עס 'ער רייסט זיך אויף' - פארשטייט יעדער בר דעת, אז דא ליגט באגראבן עפעס א 'חסרון'. דאס הייסט, דער מענטש איז בעצם זייער אומצופרידן מיט זיין לעבן, און דערפאר פרובירט ער אנצופילן דעם 'חסרון חיות' מיט א חיצוניות'דיגן מצב. סתם א פשוט'ע חתונה ווי גאנץ כלל ישראל - וועט אים נישט גענוג באפרידיגן און אנפילן זיין חסרון. ווידעראום, טאמער איז ער א צופרידענער מענטש וועלכער דרייט זיך ארום מיט א שמחה - איז אים זייער גוט מיט א פשוט'ע חתונה, ווייל זיין שמחה איז גענוג גרויס און געזונט, אז מען דארף גארנישט צולייגן דערצו.

**שמיני עצרת איז נישטא קיין 'שופר', קיין 'אתרוג ולולב', קיין 'סוכה', ווייל 'מיר אליינס' זענען יעצט דער 'חפץ של מצוה' וועלכע פארמאגט די העכסטע 'קדושה'!**

---

הקפות והיה בידינו מאני קרבא גדולים וחזקים שהם הד' מינים, ועתה אנו הולכים לעשות הקפות בידים ריקניות, כי במה שאנו תופסים הספר תורה בעת ההקפה אין בזה קיום מצות עשה כמו בנטילת לולב, נו זאג מיר רפאל וואס פאר א פנים האט א מענטש אז ער מאכט הקפות מיט ליידיגע הענד, נאר די עצה צו דעם איז אלא **העצה לכך היא שעתה יהיה האדם בעצמו קדוש כקדושת הד' מינים ויהיה לבו בחינת אתרוג ושדרתו בחינת לולב ועיניו בחינת הדסים ושפתותיו בחינת ערבה, ואז יש ביכולת לקבל הספר תורה ולהקיף עמה בשמחה וריקודין**, וכאשר שמע הרב ר' רפאל אלה הדברים זלגו עיניו דמעות, ואמר לו אדומו"ר זצוק"ל בזה הלשון בדרך שחוק מעט, וויין נישט רפאל וויין נישט, דיך וועל איך מיט נעמען אויף מיינע פלייצעס. (אמרי פנחס).

## אהערשטעלן ברייט צו עסן – איז א סימן אז דער צוועק איז נישט גענוג ערנסט

**נאך א דוגמא:** טאמער א מענטש מאכט א געלט אקציע ביי זיך אין שטוב, דארף ער ארײנלייגן גאר אסאך כוחות אין די חיצוניות'דיגע זאכן - כדי צו שלעפן מענטשן. ער דארף אנרופן מענטשן, מפרסם זיין איבעראל, אהערשטעלן גוטע מאכלים, גורלות וכדומה, און כולי האי ואולי וועט דער עולם אנקומען. אויב אבער א מענטש מאכט א ביזנעס מיטינג מיט זיינע שותפים אין ביזנעס, דארף ער גארנישט אהערשטעלן, מען לייגט אראפ אויפן טיש א פלעשל וואסער און גארנישט מער. ווייל אויב רעדט זיך עס פון אן ערנסטן מיטינג - דארף מען שוין גארנישט צולייגן דערצו! די ערנסטקייט און וויכטיגקייט פון די טעמע - איז גענוג פאר זיך! יעדער וועלכער דארף זיין דא - וועט אליינס אנקומען, אָן דעם וואס מען זאל אים באאיינפלוסן מיט זאכן ארום.

**שמיני עצרת זאגט דער רבונו של עולם: "עשו לי סעודה קטנה"– אונזער קשר היינט איז אזוי ערנסט און שטארק, אז מען דארף גארנישט צולייגן דערצו!**

## שמיני עצרת מאכט מען א 'סעודה קטנה' – ווייל נישט דער 'מצב' מאכט עס

**דער נמשל -זאגט דער הייליגער בני יששכר** (מאמר י"ג אות א')(יז): שמיני עצרת זאגט דער

---

**יז.** וזלה"ק: "רז"ל נתנו טעם למה בכל ימי החג מקריבין הרבה פרים, וביומא תמינאה פר אחד איל אחד, ואמרו במשל למלך שעשה סעודה לכל עבדיו כמה ימים, ליום אחרון אמר לאוהבו עשה לי סעודה קטנה כדי שאהנה ממך ע"ש דבריהם, הנה יש להתבונן אדרבה כיון שהוא אוהבו אצלו אדרבה מהראוי להגדיל ולהאריך עמו בסעודה יותר ויותר, וגם מהו הטעם כדי שאהנה ממך, **אבל המשכיל ע"ד סוד שמיני עצרת הוא עיקר יום הנרצה ליחודא שלים, וזהו הנרצה עשה לי סעודה קטנה שלא להאריך בהנאת הסעודה, כי אני מבקש לעשות הסעודה בחפזון, כי רצוני ליהנות ממך כביכול** בקירוב בשר ולא יתערב זר בשמחתינו, הבן הדבר".

רבונו של עולם: "עשו לי סעודה קטנה"- אונזער קשר היינט איז אזוי ערנסט און שטארק, אז מען דארף גארנישט צולייגן דערצו! פארקערט, **טאמער ווערסטו מאכן א גרויסע סעודה -וועט עס אויסזען ווי כאילו מיר דארפן האבן דעם 'מצב' זאל אונז צוזאמברענגען. דעריבער בעט איך דיר: פאַל נישט אריין אין קיין חיצוניות פון ארום און ארום! היינט בויעט זיך דער קשר צווישן אונז אָן קיין שום טראסק! מיר זענען גענוג פרייליך און צופרידן איינער מיטן אנדערן, אז מיר דארפן נישט צולייגן דערצו גארנישט!** לייג אויפן טיש א פלעשל וואסער[יח], און לאמיר בויען דעם קשר כביכול 'איך מיט דיר'! "אני ואתה נשמח ביחד"[יט].

✦

## שמיני עצרת לערנט אונז אויס א 'כלל גדול'

**דער כלל איז:** אן 'אמת' איז אלעמאל אמת. לענינינו מיינט דאס, אז אויב איז דער 'גילוי האהבה' פון שמיני עצרת אן אמת - מוז בעל

---

**יח.** מען זאגט נאך א הייליג ווארט פון סעקלעהעדער רב זצ"ל. א טעם אויף די מצוה פון 'ניסוך המים', וואס דוקא סוכות איז די מצוה צו ברענגען וואסער און גיסן אויפן מזבח - אנדערש פון א גאנץ יאר וואס די מצוה איז צו גיסן וויין. איז ער מסביר: וואסער האט דאך נישט קיין שום חשיבות מצד עצמו, ווייל יעדער איינער קען אליינס גיין און אנשעפן וואסער פאר אומזיסט. נאר דער חשיבות איז בלויז דער 'מענטש' וואס ברענגט די וואסער! און אט דאס האט דער אויבערשטער געוואלט מגלה זיין אינעם יום טוב סוכות, אז ער פריידט זיך מיטן מענטש אליינס, מיט די נשמות ישראל - מער ווי מיט די מצוות וואס זיי טוען פאר אים.

**יט.** "ולהמתיק הענין המשילוהו לדבר מוחש ומורגל אצל האנשים, והוא בהיותם מסובים בסעודה אם יהיה שם רבוי מאכלים, הוא מבואר שאם ימשכו אחרי תענוגי המטעמים ההם יצטרכו זמן רב לאכול מכלם, ולא יהיה להם זמן פנוי להשתעשע יחד הם בהם בדברי רצוי ואהבה וחבה, כי יעצרם הגשם הוא רבוי הסעודה, ונמצא שעיקר ההנאה למסובים אינה מעצם האהוב המסב עמו בחברתו אלא מהאכילה עצמה, אבל בשבתם יחד לקבוע על דבר מועט אשר אם נביט אל כמות הסעודה ודאי במעט רגע תכלה פשוט הוא, כי לא עשה

כרחך זיין אז בעצם איז עס אויך דא א גאנץ יאר. און כאטש וואס א גאנץ יאר מוז מען אודאי יא האבן די 'אמצעים' - תורה ומצוות - וועלכע זענען אונז מקשר זיין מיטן אויבערשטן - דאך איז אודאי דא עפעס א נקודה וואס שמיני עצרת לערנט אונז און עפנט אונז די אויגן אויף א גאנץ יאר, וואס דאס איז דער עיקר וואס מיר דארפן מיטנעמען 'צידה לדרך' אויפן לאנגן ווינטער.

## דער טעות: דער רבוש"ע האט אונז ליב 'צוליב' אונזערע מצוות

**איז דער בעל התניא מסביר:** ריכטיג טאקע, אז א גאנץ יאר מוז א איד האבן די 'אמצעיים', די מצוות און מעשים טובים - וועלכע זענען אים מקשר מיטן אויבערשטן. אבער דא **קען זיך שאפן א טעות ביי א איד, כאילו אז די 'סיבה' און טעם 'פארוואס' דער אויבערשטער האט אים ליב א גאנץ יאר, איז צוליב די מצוות וואס ער טוט. כאילו דאס איז אן 'אהבה התלויה בדבר'**, וואס די גאנצע אהבה הייבט זיך ערשט אָן בלויז דורכדעם און צוליב דעם וואס ער טוט מצוות און מעשים טובים, און אין אויסטויש האט אים דער אויבערשטער ליב. כאילו, די אהבה איז נישט דירעקט צו 'אים' - נאר צו די 'מצוות' וואס קומט ארויס דורך אים.

עיקר אלא מהשתתף בהצמדם יחד, והם נהנים כל אחד מחבירו בנועם שיח ההתוכחות והשתעשע בדברים זה עם זה, כן עשה הוא יתברך על דרך משל והדמיון, כי לגבי עו"ג אשר לא יחשיבם מצד עצמם להיותם בגדר עבדים, אמרו שבקש סעודה גדולה, כי עשה עיקר מהסעודה עצמה, והלואי תספיק בהיותה גדולה, לשישגיח או יביט בהם, כי מצד עצמם אינם כלום, **אבל לישראל שהם בגדר בנים או האהוב, אמר שיעשה סעודה קטנה, שלא לאבד הזמן בעסק האכילה המרובה, ובאר הטעם כדי שאהנה ממך, למען תהיה לי ההנאה הנכספת ממני שהיא ממך עצמך, כי לא אתהנה אלא מעצמותך מידידות חברותך ונועם פניך, ואלו היה הסעודה רבה הייתי משליך רוב הזמן לאכול, ולא אפנה להשתעשע עמך כנפשי שבעי, ולהתעוררות זה צוה לבלתי הקריב בשע"צ זה אלא פר אחד בלבד, כדי להתעצר ולהתעכב בידידות ישראל עמו"**. (בינה לעתים דרוש י"ז דף מ"ג ע"ב).

## דער אמת: דער רבוש"ע האט אונז צוליב אונזער 'עצם איד'

אבער אינ'אמת'ן -זאגט דער בעל התניא- איז דאס נישט ריכטיג. ווייל מען דארף זיין קלאר, אז אינעם באציאונג צווישן אונז מיטן אויבערשטן איז פאראן צוויי באזונדערע יסודות וואס מען טאר נישט אויסמישן. איין יסוד איז: דער אויבערשטער האט אן 'אהבה' צו א איד. דער צווייטער יסוד איז: דער אויבערשטער האט א 'נחת רוח' פון די 'מעשים טובים' פון א איד. און צווישן די צוויי יסודות איז פאראן א גרויסער חילוק, ווייל **די 'אהבה' וואס דער אויבערשטער האט צום איד, איז נישט 'צוליב' זיינע מצוות און מעשים טובים, און נישט 'צוליב' זיין מסירות נפש, נאר 'צוליב' אים אליינס!** ווידעראום, דער 'נחת רוח' וואס דער אויבערשטער כביכול שעפט פון אים - איז דייקא פון זיינע מצוות און מעשים טובים! דער אויבערשטער פריידט זיך מיט א געוואלדיגע שמחה- מיט יעדן דבר טוב וואס א איד טוט! אבער די 'אהבה' און 'קשר' צו אים, איז נישט ווייל ער טוט עפעס, נאר מצד 'עצם נשמת ישראל'. **פונקט ווי די 'אהבה' פון א טאטע צו זיין קינד, איז נישט 'צוליב' זיינע כשרונות און הצלחות, נאר מצד זיין 'עצם מציאות' וואס ער איז זיין זון.** אודאי, יעדער טאטע 'פריידט' זיך גאר שטארק מיט יעדעס מינדעסטע הצלחה פון זיין קינד, און יעדעס מאל וואס דער 'כשרון' פונעם קינד ווערט נתגלה - ווערט ער נאכאמאל פרייליך. אבער דאס איז נישט די 'סיבה' פון דער 'ליבשאפט', והא ראיה, אז **א צווייטנ'ס קינד האט ער נישט אזוי ליב - אפילו אויב יענער איז גאר געלונגען און א געוואלדיגער בעל כשרון, ווייל די אהבה הייבט זיך אָן פון דעם עצם פאקט וואס ער איז זיין זון**, און טאקע צוליב דעם פריידט ער זיך מיט יעדע הצלחה זיינע.

## דורך תומ"צ קומט אריין אין אונז די ידיעה איבער די 'אהבה עצמית' פונעם רבוש"ע צו אונז

וועט איינער פרעגן: וואו אינעם קשר - פעלט אויס דער ענין פון תורה און מצוות?! ענטפערט דער בעל התניא: תורה ומצוות פעלט

אויס פאר 'אונזער' חלק אינעם קשר! דער אויבערשטער איז מקושר צו אונז - אפילו אָן די תורה און מצוות, אבער כדי מיר זאלן זיין מקושר צו אים, מוזן מיר האבן תורה און מצוות! אין אנדערע ווערטער: כדי מיר זאלן קענען אריינברענגען אין אונזער הארץ און מח די דאזיגע אהבה פונעם אויבערשטן צו אונז - מוזן מיר טון מצוות און מעשים טובים, וועלכע זענען משפיע אויף אונז א קדושה און א השפעה עליונה, וואס דעמאלט קענען מיר שפירן און דערהערן די אהבה פונעם אויבערשטן צו אונז. **און אָן תורה און מצוות וואלטן מיר געווען אזוי פארגרעבט און דערווייטערט פון אים, אז מיר וואלטן קיינמאל נישט געקענט אריינברענגען אין אונז די דאזיגע 'אהבה עצמית' פונעם אויבערשטן צו אונז.**

**היינט זאגט דער אויבערשטער: אין אנדערע ווערטער: "שמיני עצרת דארף איך גארנישט 'פון' דיר, איך דארף נאר 'דיר' אליינס!".**

## שמע"צ גיבט מען אונז צו שפירן די אהבה -אָן טון עפעס א מעשה

איינמאל אין יאר, עפנט דער אויבערשטער אויף אלע הימלען, און ער גיבט אונז צו שפירן זיין 'אהבה עצמית' צו אונז -אָן קיין מצוה(כ)! **שמיני עצרת און שמחת תורה איז א טאג וואס דער אויבערשטער האט געמאכט א נס, אז מיר נידריגע מענטשן קענען זוכה זיין צו שפירן זיין אהבה -אָן האלטן אין דער האנט א 'חפץ של מצוה' און אָן 'טון' עפעס א מצוה!** און דעמאלט איז

כ. בספה"ק צבי לצדיק' (בלאזשוב) איתא וז"ל: "עיקר שכר ידוע שהוא לאחר ביאת המשיח וגם לאחר תחיית המתים, ואולם י"ל **שמרוב חביבות ישראל לאבינו שבשמים ביום הלזה מטעים אותנו כביכול בעצם היום הזה קצת תענוגי עולם הבא**, כידוע לצדיקי אמת ולקדושים אשר בארץ המה, ולכן נאמר (במדבר כט לה) ביום השמיני עצרת תהיה - 'תהיה' דייקא, שנוטריקון ימות המשיח תחיית המתים, והרצון, שהגם שעיקר השכר נעצר וכניש לעולם הבא, המרומז במלת תהי"ה אעפ"כ 'לכם', רוצה לומר **אעפ"כ הנני נותן לכם גם בעוה"ז ביום הזה קצת מתענוגי עוה"ב**".

דער זמן וואס מיר דארפן זיך אפשאקלען פון דעם טעות וואס מיר קענען גרייזן דערין אינמיטן יאר, כאילו אז די אהבה איז 'צוליב' אונזערע מצוות, אבער היינט זעען מיר קלאר אז דאס איז נישט אמת, ווייל **היינט זאגט דאך אונז דער אויבערשטער: "איך האב דיר ליב סתם אזוי! טוה נישט גארנישט היינט, ווייל איך האב 'דיר אליינס' ליב!"**. אין אנדערע ווערטער: **"שמיני עצרת דארף איך גארנישט 'פון' דיר, איך דארף נאר 'דיר' אליינס!"**. און פון דעם דארפן מיר מיטנעמען אויף א גאנץ יאר, אז אלע מצוות וואס מיר וועלן טון א גאנץ יאר, וועט נישט זיין די 'סיבה' אויף דער אהבה פונעם אויבערשטן צו אונז, נאר דאס וועט זיין די וועג וויאזוי 'מיר' וועלן ווערן מקושר צו 'אים'! וויאזוי מיר וועלן וויסן אז ער האט אונז טאקע באמת ליב!

## שמע"צ איז מגלה אז מיר געזעגענען זיך נישט

מיט דעם קומט מען צוריק צו פארענטפערן די קושיא וואס מען האט פריער געפרעגט (סוף פרק א'), אויב איז 'קשה עלי פרידתכם', וואס האט מען אויפגעטון מיטן צולייגן נאך א טאג צום יום טוב? דאס געזעגענען נאכדעם, וועט דאך ווערן נאך שווערער? אבער נאך די הקדמות פארשטייט מען שוין דעם עמקות דערפון. ווייל די שוועריקייט פון 'געזעגענען' איז נאר, אויב דער גאנצער 'קשר' בויעט זיך נאר אויף 'מעשים', ווייל דעמאלט שפירט זיך טאקע אזא געפיל: "וואס וועט דא זיין?! אינמיטן יאר וועט עס ווערט נעבעך מקוים די בחינה פון 'ושבו בנים לגבולם', דעמאלט איז דאך נישטא קיין 'שופר', קיין ד' מינים, קיין 'סוכה', נו, וויאזוי וועלן מיר האבן א שייכות און קשר מיטן אויבערשטן?!".

> **שמיני עצרת ווערט נתגלה, אז מען דארף נישט האבן קיין שום זאך צו מאכן דעם קשר, און אויב אזוי, געזעגנט מען זיך נישט!**

אבער **שמיני עצרת ווערט נתגלה, אז מען דארף נישט האבן קיין שום זאך צו מאכן דעם קשר, און אויב אזוי, געזעגנט מען זיך נישט!** און דאס איז,

וויבאלד אונזער קשר איז נישט געבויעט אויף גארנישט פונדרויסן! עס איז נישטא עפעס א געוויסע זאך, וואס 'דאס' מאכט דעם קשר! נאר מיר זענען מקושר מצד עצמו! מצד דעם אמת'ן מציאות, זענען מיר בעצם 'איינס' מיטן אויבערשטן! ממילא אויב אזוי, איז שוין נישטא קיין שוועריקייט פון 'קשה עלי פרידתכם', ווייל אפילו ווען מיר וועלן נישט האבן עפעס וואס זאל מחזק זיין דעם קשר - וועלן מיר נאכאלץ בלייבן מקושר מיט א נאנטקייט א גאנץ יאר! ווייל יעצט באקן מיר זיך אריין די ידיעה, אז דער אויבערשטער האט אונז אלעמאל ליב און ער איז שטענדיג מיט אונז.

## קשה עלי פרידתכם – דאס וואס עטץ מיינט אז איך שייד זיך פון אייך

מיט דעם פארשטייט דעם לשון וואס חז"ל זאגן בדיוק, אז דער אויבערשטער זאגט: "קשה עלי פרידתכם". לכאורה, וואלט געדארפט שטיין 'קשה עלי הפרידה מכם'? נאר: מצד דעם רבונו של עולם איז קיינמאל נישטא קיין 'פרידה', עס איז נאר שווער פארן אויבערשטן כביכול 'פרידתכם', דאס וואס אונז מיינען אז עס איז יא פארהאן אזא מושג ווי 'פרידה'. אבער נאך שמיני עצרת איז שוין נישטא דער חשש, ווייל דעמאלט נעמט זיך אריין אין הארץ די קלארע ידיעה אויף א גאנץ יאר, אז דער אויבערשטער איז אלעמאל נאנט צו אונז.

> **מצד דעם רבונו של עולם איז קיינמאל נישטא קיין 'פרידה', עס איז נאר שווער פארן אויבערשטן כביכול 'פרידתכם', דאס וואס אונז מיינען אז עס איז יא פארהאן אזא מושג ווי 'פרידה'.**

פון דעם דאזיגן קלארקייט אינעם מהות פון שמיני עצרת - גייט דער בעל התניא אריין אין נאך א נקודה. און מיט דעם פארענטפערט ער, פארוואס איז שמיני עצרת בלויז איין טאג, און נישט זיבן טעג, אזוי ווי אלע אנדערע ימים טובים?!

## די 'חילוקי המדרגות' איז בלויז אין דער וועלט פון 'מעשים'

**זאגט דער הייליגער בעל התניא:** ווען מען קוקט אָן דעם כלל ישראל מצד זייער 'מעשים' וואס זיי טוען - איז פאראן זייער אסאך חילוקים און מדרגות צווישן אידן, פאראן צדיקים, גאונים, תלמידי חכמים, לומדי תורה, בעלי חסד, עסקנים, ערליכע בעלי בתים, פשוט'ע אידן און אזוי ווייטער. אזוי אויך, ביי יעדן מענטש אליינס איז פאראן חילוקים צווישן די טעג און יארן, געוויסע טעג איז ער מער דערהויבן, און געוויסע טעג וויייניגער, געוויסע טעג טוט ער מער אין 'תורה', אנדערע טעג - מער אין 'תפלה', אמאל איז ער מער פארנומען מיט 'חסד' און אמאל מיט 'מדות טובות'.

## אין דער וועלט פון אהבת ה' לישראל – איז נישטא קיין חילוקים

דאס אלעס איז בלויז נוגע כלפי דעם חלק וואס דער איד איז זיך מקשר צום אויבערשטן, וואס דארט איז דא מדריגות און חילוקים. אבער ווען מען קוקט אָןכלל ישראל **מצד דעם קשר וואס דער אויבערשטער איז זיך מקשר צו זיי, מצד די אהבה וואס דער אויבערשטער האט זיי ליב - דארט איז נישטא קיין שום חילוקים און מדריגות צווישן איין איד און דעם אנדערן איד! דער אויבערשטער האט ליב דעם שוואכ'סטן איד פונקט ווי דעם גרעסטן צדיק!** און די סיבה דערצו איז, ווייל די ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט צו אידישע קינדער איז צום 'עצם איד' (נישט מצד זיינע לבושים און תכשיטי מצוה), און מצד 'עצם' זענען אלע גלייך! (פונקט ווי איינער וועלכער האט ליב גאלד, וועט נישט זיין קיין חילוק ווי שיין דער גאלד איז אויסגעשניצט און וועלכער סארט כלי מען האט געמאכט פונעם גאלד, ווייל דאס איז אלעס בלויז מצד די

**די אהבה פונעם אויבערשטן צו יעדן איד בפרטיות, איז אלעמאל די זעלבע! די אהבה טוישט זיך נישט לויט זיינע מצבים און מדריגות, זיינע עליות און ירידות, ווייל דער אויבערשטער האט ליב 'אים' – נישט זיין 'ארום'!**

'צורה', אבער מצד דעם 'חומר' און 'עצם' איז אלעס די זעלבע, אלעס איז גאלד). **מצד 'עצם איד', איז נישטא קיין חילוק צווישן איין איד און דעם אנדערן איד, און אויב אזוי, איז אויך נישטא קיין חילוק אין דער אהבה פונעם אויבערשטן צום איד**(כא)**! דער אויבערשטער האט ליב אלע אידישע קינדער מיטן זעלבן מאס אהבה**(כב)**! און די זעלבע זאך בפרטיות -די אהבה פונעם אויבערשטן צו יעדן איד בפרטיות, איז אלעמאל די זעלבע! די אהבה טוישט זיך נישט לויט זיינע מצבים און מדריגות, זיינע עליות און ירידות, ווייל דער אויבערשטער האט ליב 'אים' - נישט זיין 'ארום'!** אודאי, האט דער רבונו של עולם מער 'נחת רוח' פון איינעם וואס איז מרבה בתורה ומצוות, אבער די 'אהבה' איז גלייך צו אלעמען די זעלבע.

## אלע ימים טובים זענען 'זיבן' – קעגן די זיבן מדות

אלע ימים טובים קומען אויסדרוקן דער קשר וואס דער איד

---

**כא.** "וזה שכתוב (מלאכי א' ב') אהבתי אתכם אמר ה', כי אהבה שאהבתי אתכם טמונה היא בתורה, שהיא אמרותי, **ובשמחת תורה נתגלה אהבה הזאת מבלי לבוש התורה, לכן השמחה הזאת היא למעלה מן התורה, אפי' להמוני עם שאינם עוסקים בתורה כלל, כי אהבה הזאת היא למעלה מהתורה,** וזהו הקפות שמקיפין בש"ע עם התורה, להורות כי בזמן הזה אינו בלבוש התורה רק מקיף להם". (מאמרי אדמו"ר הזקן תהלים כ"ט דף ר"ג).

**כב. א נקודה צום באמערקן:** שמחת תורה לייגט מען די לעצטע פּאָר פסוקים פון דער תורה, וואס געווענליך ווערט עס געשריבן דורך אלע סארט אידן וועלכע קומען צו 'כתיבת האותיות', און נישט דורך א ספעציעלן חשוב'ן סופר, און דוקא די דאזיגע פסוקים לייגט מען שמחת תורה - דער טאג ווען מען דרוקט אויס אונזער שעצונג און שמחה מיט תורה. ווייל אט דאס איז דער נקודה פון דעם טאג, אז מען ווייזט ארויס, אז יעדער איד כמו שהוא - האט א שייכות מיט די תורה און מיט אידישקייט.

**נאך א נקודה:** עס איז איינגעפירט, אז די דאזיגע לעצטע פאר פסוקים פון דער תורה - שרייבט דער סופר בלויז דער דרויסנדיגער פארעם פונעם אות,

קניפט אָן מיטן אויבערשטן מצד זיינע 'מעשים', וואס דורך זיינע מצוות און מעשים טובים דרוקט ער אויס זיין ליבשאפט און קשר צום אויבערשטן. און דערפאר באשטייט עס פון זיבן טעג - קעגן די זיבן 'מדות'. ווייל אויב איז דער קשר געוואנדן לויט זיין התנהגות- האט עס שוין פארשידענע הבחנות און דרגות, ווען דער איד טוט אין 'מדת החסד' - שפירט ער דעם קשר אויף דעם אופן, און ווען ער טוט אין 'מדת הגבורה' - שפירט ער עס אויף אן אנדערן אופן.

## גאנץ סוכות איז פארהאן פיר סארט אידן – ד' מינים שבלולב

נאך א בחינה אין דעם ענין - שטייט אין ייטב לב (ייט"פ אות ז'), אז אינעם כלליות פון כלל ישראל איז פארהאן אסאך חילוקים, וואס אויף דעם ווייזן די ד' מינים פון די זיבן טעג סוכות; ווי עס שטייט אין אלע ספרים, אז די חילוקים צווישן דעם 'לולב', 'אתרוג', 'הדסים' און 'ערבה', ווייזט אויף צדיקים, בינונים, און אזוי ווייטער, און אויף נאך פארשידענע רמזים און חילוקי מדרגות וואס איז דא צווישן אידישע קינדער, ווייל מצד דעם סארט קשר - איז יעדער איד אנדערש, און יעדע תקופה איז אנדערש,און קיין איין טאג איז נישט דומה צום צווייטן טאג.

## שמע"צ איז בלויז איין טאג און עס איז נישטא קיין ד' מינים – אלע זענען גלייך

ווידעראום, שמיני עצרת קומט אויסדרוקן דעם קשר מצד דעם

און די אלע אידן פון 'כלל ישראל' קומען און פילן אריין טינט אינעוויניג אינעם אות. דאס ווייזט, אז דאס וואס יעדער איד האט אן אות אין דער תורה – איז דער עיקר דער 'פנימיות' פונעם אות, ווייל דאס ווייזט אויפן 'פנימיות' פונעם איד, דער 'עצם נשמה', וואס דאס איז זיין עיקר קדושה.

אויבערשטן - צו אונז, וואס דער אויבערשטער האט ליב דעם 'עצם איד', און דארט איז נישטא קיין זיבן מדות - נאר איין מדה! דארט איז דא א גלאטע קשר און אהבה צום 'עצם איד'! אין דער אהבה ווערט נישט קיין שינוי צי דער איד טוט אין 'חסד' און 'גבורה', צי דער איד אין אן 'עליה' אדער אין א 'ירידה', און דערפאר איז שמיני עצרת בלויז איין טאג! עס איז א סוד פון 'אחד' - 'פר אחד איל אחד', ווייל עס איז איין איינציגע נקודה - וועלכע כאפט נישט קיין שום השתנות! אזוי אויך, אין דער אהבה איז נישטא קיין חילוק צווישן דעם 'לולב' ביזן 'ערבה', אלעס איז די זעלבע! און דערפאר דארף מען שוין נישט קיין ד' מינים, ווייל גאנץ כלל ישראל איז אויף די זעלבע דרגא!

## שמע"צ איז נישטא קיין 'אויבנאָן' – מעלה ומטה שוין

ווען מען קומט אריין אין א בית המדרש שמיני עצרת און שמחת תורה, זעט מען צוויי גרויסע שינוים פון א גאנץ יאר - וואס דאס שטרייכט אונטער דעם דאזיגן חילוק וועלכע הערשט היינט; ווי דער בעל התניא האט דא געזאגט. ערשטנס: **א גאנץ יאר איז דא אן 'אויבנאָן' און אן 'אונטן', עס איז פאראן א 'מזרח' וואנט - וואו די חשוב'ע אידן זיצן, און עס איז פאראן א 'מערב' וואנט - וואו די פשוט'ע אידן זיצן, און צווישן איז פאראן א גאנצן סדר פון מדריגות. אבער שמיני עצרת נעמט מען ארויס אלע טישן און בענק, עס איז נישטא קיין 'מזרח' און נישט קיין 'מערב'! א גאנצן טאג טאנצט מען אין רינדעכיגע 'עיגולים' - וואו עס איז נישטא קיין אנהייב און קיין סוף, נישטא קיין אויבן און קיין אונטן.** דאס סימבאליזירט אזוי שטארק די

> **א גאנץ יאר איז דא אן 'אויבנאָן' און אן 'אונטן', אבער שמיני עצרת נעמט מען ארויס אלע טישן און בענק, עס איז נישטא קיין 'מזרח' און נישט קיין 'מערב'! א גאנצן טאג טאנצט מען אין רינדעכיגע 'עיגולים' – וואו עס איז נישטא קיין אנהייב און קיין סוף, נישטא קיין אויבן און קיין אונטן.**

דאזיגע נקודה[כג]: **אין דעם טאג קוקט מען נישט אויף וויפיל דו קענסט און וויפיל דו טוסט, נאר בלויז אויף דעם 'עצם איד'! און מצד דעם 'עצם איד' זענען אלע אידן גלייך! קיינער איז נישט חשוב'ער פונעם צווייטן!**

## אויך דער 'קטן' איז 'עולה לתורה' - ער איז אויך אן 'עצם איד'

אזוי זעט מען אויך, ביים 'עולה לתורה' זיין, איז נישטא דער 'סדר' לויטן חשיבות ווי א גאנץ יאר, יעדער איז עולה - נישט בלויז 'שבעה קרואים'! און אפילו 'קטנים' זענען היינט עולה לתורה, ווייל דער 'קטן' איז פונקט אזוי 'עצם איד' - ווי דער 'גדול'!

## דער צוקלאפטער הושענא - איז העכערן ארון הקודש

צווייטנס, אין יעדן בית המדרש וואו מען וועט אריינקומען שמיני עצרת און שמחת תורה, וועט מען זען **ווי עס ליגן העכערן 'ארון הקודש' אויסגעקלאפטע הושענות. און דאס בילד שטייט אונז פאר די אויגן דורכאויס דעם גאנצן טאג פון שמיני עצרת און שמחת תורה.** דאס שרייט אויך ארויס דעם דאזיגן 'נקודה הפנימית' פון שמיני עצרת. ווייל די 'ערבה' ווייזט דאך אויפן נידריגסטן סארט איד, וואס עס 'אין לו טעם ולא ריח'. ווער רעדט נאך, אויב איז די 'ערבה' שוין געווארן אויסגעקלאפט - איז ער שוין גאר נידריג! נישטא קיין נידריגערס פון אים; ווי מען זעט אינעם 'לשון בני אדם', אז ווען מען וויל זאגן אויף איינעם, אז ער איז גארנישט ווערד -נוצט מען דעם אויסשפראך: "ער

---

**כג.** "לכך מתחילין בו להקיף בתורה, כי בדברי תורה לא שייך נמי שום התנשאות מאחד על חבירו, כי בכל נפש מישראל נמצא נקודה מדברי תורה וכו', נמצא שאין בדברי תורה שום התנשאות ויתרון מאחד על הבירו, **ועל זה רומזין ההקפות שאנו מקיפין עם התורה בליל שמיני עצרת, להורות שכולן בשוה.** (סוד ישרים אות ט"ו דף כ"ב ע"ב).

איז אן אויסגעקלאפטע הושענא...". אבער **ווען עס קומט שמחת תורה, נעמט מען דעם אויסגעקלאפטע הושענא, אט דעם קלאמפערשטן 'גארנישט', מען הייבט אים אויף פון דער ערד, פון דער נידריגסטער פלאץ, און מען לייגט אים גאר העכערן 'ארון הקודש'!** דאס ווייזט, אז דער 'עצם איד' - אפילו דער נידריגסטער וואס איז נאר פארהאן - איז נאך העכער פון דער ספר תורה! ווייל **דער 'עצם איד' איז א 'חלק אלוק ממעל', וואס דאס איז די העכסטע זאך אויף דער וועלט! היינט איז א טאג וואס עס ווערט נתגלה די ליבשאפט פונעם אויבערשטן צו אט דעם 'אויסגעקלאפטן הושענא' - פונקט ווי צום גרויסן צדיק.**

**ווען עס קומט שמחת תורה, נעמט מען דעם אויסגעקלאפטע הושענא, און מען לייגט אים גאר העכערן 'ארון הקודש'! דער 'עצם איד' – אפילו דער נידריגסטער וואס איז נאר פארהאן – איז נאך העכער פון דער ספר תורה!**

## אלע ימים טובים און גאנץ תומ"צ צילט ארייינצוברענגען אינעם איד דעם קרבת ה' פון שמע"צ

נאך די אלע הקדמות, פארשטייען מיר אביסל די מורא'דיגע ווערטער וואס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון י"ג): **"כל חגין מתחגגין בה"**-'שמיני עצרת' איז דער יום טוב פון אלע ימים טובים, און אזוי ברענגט אויך דער הייליגער חתם סופר (דרשות חת"ס ח"א דף מ"ז) פונעם רמ"ע מפאנו(כד), אז שמיני עצרת איז די 'נקודה הפנימית' פונעם גאנצן יאר, וואס אלע ימים טובים דרייען זיך 'סובב סובב' ארום דעם דאזיגן

**כד.** בספר עשרה מאמרות (מאמר חיקור דין חלק ב פרק כס) וז"ל שמעו חכמים מלי, אין שמיני עצרת נקרא חג בכל התורה כולה ולא בדברי קבלה, **וזה מעלתו 'שכולם חוגגים וסובבים על נקודת המרכז שהוא מקומו'**, והרמז בו על השלמתם והשגת תכליתם של כל יעודי התורה והנביאים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת לעיני כל ישראל, ובו בילע המות לנצח נצחים, וכאן סייג לחכמה שתיקה".

טאג[כה]. און ער זאגט דארטן, אז שמיני עצרת איז נאך א העכערע דרגה פון יום הקדוש. ווייל דער תכלית פונעם גאנצן יאר און פון 'אלע' ימים טובים - וואס מען איז עוסק אין 'מצות מעשיות' - איז, אז מען זאל אנקומען צו אט דעם 'יחודא שלים', צו דערהערן און דערשפירן אט דעם געוואלדיגן נאנטקייט און קירבה פונעם רבונו של עולם צו 'עצם' נשמתינו.

**כה.** 'שלוש פעמים בשנה' בגימטריא 'ביום השמיני עצרת', לרמז דשמ"ע כולל כל השלש רגלים. (היכל הברכה).

# פרק ג

בבקשה מכם:

## וואס בעט דער אויבערשטער פון אונזער זייט אין שמיני עצרת?

### דער ערשטער חלק: וואס מיינט שמיני עצרת פאר אונז

ביז אהער האט מען גערעדט פונעם 'מהות' פון שמיני עצרת, אז דאס איז נישט קיין 'זכר' אויפן 'עבר', נאר דאס איז א זאך וואס געשעט יעצט פונדאסניי. און אז די נקודה פון שמיני עצרת איז 'יחוד השלם', וואס דער אויבערשטער גיבט אונז צו שפירן זיין אהבה און נאנטקייט צו אונזער 'עצם איד'. דאס איז דער חלק וואס דער אויבערשטער גיבט פאר אונז.

### דער צווייטער חלק: וואס ערווארט שמיני עצרת פון אונז

דארף מען אבער פארשטיין: וואס איז אונזער עבודה אין דעם דאזיגן טאג?! מיר האבן פארשטאנען דעם חלק וועלכע 'געשעט' אין דעם דאזיגן 'עצומו של יום', וואס עס קומט אראפ אן 'אור האהבה' פון אויבן -אָן דעם וואס מיר זאלן עפעס טון דערצו. אבער למעשה, מיר לעבן דאך אין א וועלט פון 'עבודה' און 'בחירה', וואס יעדע זאך אין אידישקייט פאדערט אלעמאל עפעס אן עבודה פון אונזער זייט. נו, וואספארא סארט עבודה דארפן מיר טון אין דעם טאג פון שמיני עצרת?!

## וויאזוי איז מען מהדר שמיני עצרת?

בפרט, אז חסיד'ישע אידן זענען אלעמאל מהדר אויף 'הידור מצוה', ביי יעדן יום טוב - זענען זיי מהדר אויף די 'חומרות' און 'הידורים' פון דעם יום טוב: פסח-איז מען מחמיר אויף די חומרות פון 'כשרות המצות', סוכות- איז מען מחמיר אויף מהודר'דיגע ד' מינים, וכדומה ביי יעדן יום טוב. און בפרט כלפי שמיני עצרת, וואס רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע האט אמאל געזאגט (דברי יואל - הקפות), אז לויטן רמב"ן (פ' אמור) וועלכער זאגט, אז שמיני עצרת דארף מען נישט קיין אתרוג "כי הוא עצמו הדר", קומט אויס, אז פונקט ווי מען איז מהדר סוכות אז דער אתרוג זאל זיין 'נקי מכל', אזוי אויך דארף מען מהדר זיין שמיני עצרת, אז 'אונז' זאלן זיין ריין. איז לכאורה, **טאמער וויל איינער האבן א פרומע און מהודר'דיגע 'שמיני עצרת', וואס זאל ער טון דערצו? וואס זענען די 'חומרות' און 'הידורים' פון שמיני עצרת?!**

**טאמער וויל איינער האבן א פרומע און מהודר'דיגע 'שמיני עצרת', וואס זאל ער טון דערצו? וואס זענען די 'חומרות' און 'הידורים' פון שמיני עצרת?!**

די תשובה דערויף איז צוטיילט אויף צוויי חלקים, עס איז פארהאן איין חלק פון 'סור מרע', און דערנאך א חלק פון 'עשה טוב'. מען וועט קודם אנהייבן מיטן 'עשה טוב' און נאכדעם (פרק ד') איבער דעם חלק פון 'סור מרע'.

## ההשפעה לפי הדביקות

עס איז דא דריי נקודות אויף למעשה - וואס ווערט געברענגט אין די ספרים הק' איבער דער עבודה פון א איד אין די דאזיגע טעג.

**ערשטנס:** דער כלל ביי יעדן יום טוב איז, לויט דעם 'דבקות' וואס מען האט אין דער 'נקודה' פונעם יום טוב- אזויפיל איז מען זוכה

ממשיך צו זיין דעם אור פון דעם יום טוב. ממילא, איז **די פשוט'ע אויפגאבע וואס ליגט אויף א איד שמיני עצרת, צו גלייבן 'באמונה' אין די אלע ווערטער וואס דער אויבערשטער זאגט אונז - דורך חכמינו ז"ל.** און בפרט ביי 'תפילת גשם' - וואס דעמאלט איז דער שפיץ פונעם יום טוב און דעמאלט טוט זיך אפ דער עיקר 'יחוד' - דארף מען ווי מער טראכטן און זיך מעמיק זיין אין דעם ענין פונעם יום טוב.

## שמיני עצרת פאדערט פון אונז א שטארקע אמונה אין דער אהבה

**אויף למעשה:** דער הייליגער 'אמרי נועם' (שמ"ע אות י"ח) זאגט, אז די סעודות פון שמיני עצרת איז א 'סעודת החתונה' צווישן קוב"ה און כנסת ישראל. און ער זאגט דארט, אז פונקט ווי ביי א חתונה דארף מען משמח זיין דעם חתן; ווי די גמרא זאגט: "כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו עובר בחמשה קולות"- אזוי אויך, ביי דער סעודה פון שמיני עצרת, דארף מען משמח זיין דעם 'חתן העליון', דעם רבונו של עולם כביכול. דער אופן וויאזוי מען איז אים משמח איז, דורכדעם וואס א איד גלייבט באמונה שלימה אז דער אויבערשטער האט ליב דעם 'עצם איד', און ער וויל האבן אים אליינס - כמו שהוא! און **דאס איז די עבודה פון שמיני עצרת, אז א איד זאל גלייבן, אז אט יעצט טוט זיך אפ דער 'רצוני שאהנה מכם', אט יעצט האט דער אויבערשטער הנאה פון מיר! אט יעצט קומט פאר דער 'אני ואתה נשמח ביחד'! און ווי מער א איד גלייבט דערין און טראכט דערפון - אלץ מער מהודר'דיג איז זיין שמיני עצרת.** א חסיד'ישער איד וועלכער וויל 'מחמיר' זיין אין שמיני עצרת, זאל ממש נישט מסיח דעת זיין פון דער אהבה! וואו ער גייט און וואו ער שטייט - זאל אים ליגן פאר די אויגן די דיבורי אהבה פון חכמינו ז"ל און דאס וואס חסיד'ישע ספרים זענען מגלה דערין; ווי אויבנדערמאנט. סיי אין בית המדרש ביים דאווענען, סיי ביים טאנצן הקפות, סיי ווען ער איז אינדערהיים און זיצט ביי די סעודות יום טוב וכדומה, א גאנצן צייט זאל ער טראכטן דערפון, גלייבן דערין באמונה שלימה, זיך מתבונן זיין דערין און לעבן דערין.

## דער טאטע ווערט אנטוישט טאמער דאס קינד זיצט נישט מיט אים

עס ווערט געברענגט פון צדיקים לקרב אל השכל- צו מסביר זיין די עבודה פון א איד אום שמיני עצרת: על דרך משל צו א קינד וועלכער האט חתונה געהאט און געוואוינט אין אן אנדערן לאנד פונעם טאטן, און עס זענען דורכגעגאנגען יארן לאנג וואס דער טאטע האט נישט געזען דעם קינד. עס איז אנגעקומען א טאג וואס דער טאטע האט זיך זייער פארבענקט צו זיין קינד, האט דער טאטע געשריבן א בריוו צום קינד, אז ער מוז אים שוין זען, דעריבער וועט ער זיך ארויסלאזן אויפן וועג, און דעמאלט און דעמאלט וועט ער אנקומען צו אים אינדערהיים. נו, דער זון האט זיך אודאי זייער געפריידט, און באלד האט ער אנגעהויבן מאכן געוואלדיגע הכנות צום טאטנ'ס באזוך, ער האט אויפגערוימט דעם גאנצן הויז, ער האט איבערגעקאלעכט די ווענט, פארראכטן אלע צובראכענע טירן און שענק. אזוי אויך, האט ער אויסגעוואשן זיינע בגדים און זיך אנגעטון שיינע און ריינע בגדים, א שיינעם הוט און רעקל, וכדומה. אזוי אויך, האט ער אנגעגרייט ספעציעלע פיינע מאכלים - וואס ער ווייסט אז דער טאטע גלייכט זייער. ענדליך, נאך וואכן פון הכנות איז דער טאטע ענדליך אנגעקומען, דער פרייד און עקסטאז איז געווען אין לשער. דער טאטע האט זיך אראפגעזעצט טרינקען א קאווע, און דער זון שטייט און איז אים משמש, ער ברענגט אים מילך און צוקער, דערנאך ברענגט ער אים מזונות, און אזוי לויפט ער אהין און אהער,ער ברענגט נאך און ברענגט נאך, אלעס מיט א געוואלדיגע געטריישאפט צו באדינען דעם טאטן. עס גייט דורך אפאָר שעה זאגט דער טאטע פארן זון: "**קינד מיינס, איך בין טאקע זייער נתפעל פון דיין געטריישאפט צו מיר, אבער נישט וועגן דעם בין איך געקומען! שוין יארן וואס איך בענק זיך צו 'דיר' -נישט צו דיין קאווע און מזונות, און נישט צו דיין געטריישאפט צו מיר, נאר צו דיר אליינס! איך בין געקומען פארברענגען מיט דיר! דו לויפסט אהער און אהין - אלעס פאר מיינעט וועגן - אבער, איך האב נישט 'דיר'! דו קענסט זיך אפשר אראפזעצן אפאָר מינוט און פארברענגען צוזאמען?!** פאר דעם

בין איך געקומען אזא לאנגע וועג, פשוט צו זיצן צוזאמען און שמועסן מיט דיר! אויב דו ווילסט מיר זיין געטריי - לאז אפ אלעס, און קום זיך רואיג נעבן מיר!".

## טאמער דער איד זיצט נישט מיטן רבוש"ע - איז עס כביכול א צער למעלה

**פונקט ווי אין 'הלכות יחוד' איז די הלכה, אז אויב איז דא דארט נאך איינער - הייסט עס שוין נישט קיין 'יחוד', אזוי אויך דא, שמיני עצרת איז א טאג וואס עס קומט פאר דער יחוד צווישן אידישע קינדער מיטן אויבערשטן, און דעריבער טאר נישט דארט זיין נאך איינער**

דער ענין איז זעלבסט פארשטענדליך: א גאנץ יאר זענען פאראן 'מסכים המבדילים' צווישן דעם איד מיטן אויבערשטן, און עס איז נישטא קיין שלימות אין דער נאנטקייט צווישן זיי. און כביכול דער אויבערשטער בענקט זיך צום איד, ער בעט אים 'קום צוריק צו מיר'- וואס דאס איז דער ענין פון דער 'תשובה' פון חודש אלול און ימים הנוראים. ענדליך קומט אָן דער חודש תשרי, ווען דער מלך איז שוין דא, עס הערשט א געוואלדיגע נאנטקייט צווישן אידן מיטן אויבערשטן. אבער דער איד איז כסדר פארנומען צו באדינען דעם אויבערשטן, דא מיט א שופר, דא מיט תפלות ותענית, דא מיט סוכה און ד' מינים - וואס דאס איז אלץ זייער חשוב און טייער, און מען מוז דאס טאקע טון אלס א הכנה אויף שמיני עצרת. אבער ווען עס קומט שמיני עצרת, זאגט דער אויבערשטער פארן איד: "זייער גוט אז דו רוהסט נישט איין, דו קומסט און גייסט, דו טוסט און מאכסט, דו ברענגסט קרבנות פאר די שבעים אומות, אלעס פיין און וואויל, אבער נישט פאר דעם בין איך געקומען צו דיר; ווי דער לשון המדרש (תנחומא פנחס טז): **"כך הקב"ה אמר לישראל, כל קרבנות שהקרבתם בשבעת ימי החג על אומות העולם הייתם מקריבים, אבל ביום השמיני 'נגלגל אני ואתם' במה שאתם מוצאין**

**בפר אחד ואיל אחד**"-אפשר קענסטו זיצן אביסל און כביכול בויען דעם קשר מיט מיר?! אפשר קענען מיר הנאה האבן האבן איינער פונעם אנדערן?! **"רצוני שאהנה מכם", איך דארף יעצט גארנישט 'פון' דיר! איך וויל פשוט זיין צוזאמען 'מיט' דיר!".**

### ולא אתערבין אחרנין: דער 'יחודא שלים' דארף שטימען מיט 'הלכות יחוד'

מיט דעם פארשטייט מען דעם לשון פון זוהר הק' (ח"א סד:): **"ואחדי מלכא עם רחימוי בלחודוהי ולא אתערבין אחרנין בינייהו", "ומאן דיתיב ליה עם מלכא ונטל ליה בלחודיה"**-דער מלך איז זיך 'מייחד' מיט זיין פריינט אליין, און קיינער מישט זיך נישט אריין צווישן זיי. דאס הייסט, פונקט ווי אין 'הלכות יחוד' איז די הלכה, אז אויב איז דא דארט נאך איינער - הייסט עס שוין נישט קיין 'יחוד', אזוי אויך דא, שמיני עצרת איז א טאג וואס עס קומט פאר דער יחוד צווישן אידישע קינדער מיטן אויבערשטן, און דעריבער טאר נישט דארט זיין נאך איינער, ווייל דאס וועט שטערן פארן 'יחוד' (כו).

**דער עומק און תכלית פון געוויסע 'יסורי הנפש' וואס א איד גייט דורך אינמיטן יאר, וואס אין געוויסע צייטן שפירט ער אז קיינער אויף דער וועלט פארשטייט אים נישט, ער שפירט אז ער איז איינער 'אליין' אויף דער וועלט, און 'נאר' דער אויבערשטער פארשטייט אים, און ער ווענדט זיך טאקע 'אינגאנצן' נאר צום רבונו של עולם**

**כו.** בדרך אגב: דאס איז אויך דער עומק און תכלית פון געוויסע 'יסורי הנפש' וואס א איד גייט דורך אינמיטן יאר, וואס **אין געוויסע צייטן שפירט ער אז קיינער אויף דער וועלט פארשטייט אים נישט, ער שפירט אז ער איז איינער 'אליין' אויף דער וועלט, און 'נאר' דער אויבערשטער פארשטייט אים, און ער ווענדט זיך טאקע 'אינגאנצן' נאר צום רבונו של עולם.** דאס אויך א בחינה פון יחוד צווישן דעם איד מיטן אויבערשטן-אָן קיינעם אינדערמיט.

## די 'אמצעיים' און 'שדכנים' שטערן צום 'יחודא שלים'

אבער לכאורה, ווען מיינט מען דא לאפוקי?! ווער איז דער וועלכער קען זיך ווען אריינמישן אין דער קשר צווישן דעם אויבערשטן מיט אידישע קינדער?! נאר דאס מיינט מען די מצוות און מעשים טובים - וואס א גאנץ יאר זענען זיי די 'שדכנים' וועלכע ברענגן צוזאם אידן מיטן אויבערשטן. אבער יעצט טאר מען זיי אויך נישט אריינמישן דא, ווייל יעצט איז עס א קשר -אָן קיין שדכנים! און דעריבער, טארן מיר נישט יעצט זיין פארנומען מיט קיין זייטיגע ענינים- וועלכע האבן נישט קיין דירעקטן שייכות צו דעם סארט עצם'דיגער קשר און אהבה צווישן אונז מיטן אויבערשטן. און אט דאס איז דער עיקר 'חלק העבודה' וואס דער אויבערשטער בעט פון אונז, אז מיר זאלן לעבן מיט דער נקודה פונעם יום טוב! מיר זאלן לעבן אין א מצב פון נאנטקייט צום אויבערשטן! און ווי מער מען לעבט דערמיט - אלץ מער איז מען זוכה צום אור פונעם יום טוב.

## א גאנץ יאר איז דער שפראך 'גיין ווייטער'

עס קען זיך אפשר הערן ווי גלייך די עבודה פון שמיני עצרת איז גאנץ א לייכטע עבודה, אבער באמת איז עס גארנישט אזוי גרינג! נישט אומזיסט דארף זיך דער אויבערשטער אזוי בעטן מיטן לשון 'בבקשה מכם', ווייל **דאס הארץ וויל נישט אזוי שנעל מקבל זיין אז ער איז גוט אזויווי ער איז, און אז דער אויבערשטער האט אים ליב כמו שהוא -אָן טון עפעס א גאנצן צייט.** דער מענטש איז אלעמאל צוגעוואוינט, אז מען דארף א גאנצן צייט 'טון' און נישט שטיין ליידיג פאר א מינוט. און דעריבער, ווען עס קומט שמיני עצרת און מען זאגט אים 'אני ואתה נשמח ביחד', פרעגט ער: "וואו קומט מען אָן דערמיט?! וואס איז מען זוכה דורכדעם?! צו וואס איז דאס מסוגל?!".

## שמיני עצרת איז דער שפראך 'בלייבן דא'

אבער מען דארף פארשטיין, אז פונקט ווי ביי א גשמיות'דיגע נישואין, וואס קודם גרייט מען זיך א לאנגע צייט דערצו מיט אזויפיל הכנות פון 'טון' און 'ערלעדיגן', און דערנאך ווען עס קומט שוין ענדליך די חתונה- איז נאכאלץ דא וואס צו 'טון', יעצט גייט מען צו דער חופה, יעצט טאנצט מען און יעצט עסט מען וכדומה. אבער איינמאל מען קומט אָן צום תכלית פון בויען א אידישע שטוב, איינמאל מען האט שוין געבויעט דעם קשר- איז שוין נישטא גארנישט צו 'טון', אלעס איז שוין 'געטון'! אויף דעם האט מען געווארט און צו דעם ציל איז מען שוין ענדליך אנגעקומען! אזוי אויך, **ווען מען קומט שוין אָן צום שמיני עצרת- דארף מען שוין גארנישט טון, דער ציל איז געווען דער 'דא' און דער 'יעצט'!**[כז] ווייל דא שטעלט זיך אוועק די התחלה פון דער קשר און יחוד מיטן אויבערשטן.

---

**כז.** אין אר"י הק' שטייט, אז ווען נישט דער 'חטא עץ הדעת' וואלטן אלע תיקונים געווארן פארטיג אינעם ערשטן שבת פון בריאת העולם, אבער וויבאלד ער האט געזינדיגט - האט מען צוטיילט די אלע תיקונים אויף א סדר פון זעקס טויזנט יאר, און יעדעס יאר אין חודש תשרי - פון ראש השנה ביז שמיני עצרת - זענען מיר מתקן איין חלק פונעם תיקון.

פארן חטא איז געווען דער פלאן, אז אדם הראשון זאל יעדן טאג לעבן מיטן 'הוה', ווייל אויב איז נישטא וואס צו מתקן זיין - איז דער גאנצער 'לעבדה ולשמרה' א שטיק תענוג פון עבודה! א דביקות מיטן אור פון 'יעצט'! אבער וויבאלד ער שלעפט זיך שוין ארום מיט אזא פעקל פונעם 'עבר' - איז געווארן א נייע מציאות, וואס דאס איז אויך א חלק פונעם 'עונש' און 'תיקון', אז אנשטאט צו לעבן מיטן 'הוה' - איז ער פארנומען מיטן 'עבר'! ער מוז כסדר פארריכטן דעם 'עבר'. און אזוי אויך, איז ער שטענדיג פארנומען מיט דאגות אויפן 'עתיד' - צי ער וועט מצליח זיין אדער נישט, וואס דאס איז די קללה פון 'בזיעת אפך תאכל לחם', צו זיין פארדאגה'ט אויפן עתיד, און נישט זיך קענען אינגאנצן מחבר זיין מיטן 'הוה'.

אבער היינט אינעם הייליגן טאג פון שמיני עצרת - וואס מען ענדיגט דעם גאנצן תיקון, אין דעם טאג קומט די בריאה אן צו א דרגא פון 'תיקון השלם',

## אויב מען קען נישט גיין העכער – איז מען שוין אנגעקומען

א חסיד'ישער איד האט אמאל געזאגט א זיסע הגדרה: שמיני עצרת איז גלייך צו איינער וועלכער האט געהאט חשק ארויפצוגיין אויף א הויכן בנין פון הונדערט שטאק- וואס פון דארט אויבן אויפן דאך, קען מען זען א הערליכן פאנאראמע. דער בנין האט נישט געהאט קיין עלעוועיטאר, נו, הייבט ער אָן ארויפצוגיין נאך א שטאק און נאך א שטאק, אבער ער איז נישט צופרידן, ער וויל גיין נאך העכער און נאך העכער. ביז ער קומט אָן אויבן אויפן דאך, אבער ער איז נאכאלץ נישט צופרידן, ער זוכט וואו מען קען ארויפגיין נאך א שטאק. זאגט אים איינער דארט: "עס איז שוין נישטא וואו צו גיין! דו ביסט שוין אויפן העכסטן שטאק!". ווי נאר ער הערט דאס - כאפט ער זיך: "אה, יעצט איז נישט קיין צייט צו זוכן וואו צו גיין! יעצט בין איך ביים ציל! מען גייט נישט ארויף און מען גייט נישט אראפ, נאר מען דרייט זיך ארום אויפן דאך און מען האט הנאה פון די שיינע פאנאראמע! מען באטראכט די הויכע בערג און טאלן פון מזרח, די ים'ען און וואסערן פון מערב, און מען שעפט פרישע לופט".

> **שמיני עצרת איז גלייך צו א בנין פון הונדערט שטאק "עס איז שוין נישטא וואו צו גיין! דו ביסט שוין אויפן העכסטן שטאק!" אה, יעצט איז נישט קיין צייט צו זוכן וואו צו גיין! יעצט בין איך ביים ציל! מען דרייט זיך ארום אויפן דאך און מען האט הנאה פון די שיינע פאנאראמע!**

## מען דרייט זיך ארום און מען 'לעבט' אינעם קרבת אלקים

**לענייננו:** גאנץ חודש תשרי גייען מיר ארויף העכער און העכער, מען גייט נאך א שטאק און

---

און עס שיינט דער אור פון 'קודם החטא' - לעבט מען אויפן ריכטיגן צורה פון 'הווה'! מען טראכט נישט פון 'עבר' און 'עתיד', נאר מען איז דבוק יעצט! מען איז זיך מתענג מיטן רבונו של עולם וועלכער שיינט אונז אריין א ליכטיגקייט אינעם 'הווה'!

נאך א שטאק, דער קשר מיטן אויבערשטן בויעט זיך שטארקער און שטארקער, און מען ווערט נענטער און נענטער צום אויבערשטן. ביז עס קומט שמיני עצרת- ווען מיר דערגרייכן דעם 'יחודא שלים', מיר ווערן ממש איינס מיטן אויבערשטן. אבער אסאך מאל, ווען עס קומט אָן שמיני עצרת, פרעגט א איד: "נו, וויאזוי איז מען זוכה זיך צו דערהייבן?! איך וויל זיין נאנט צום אויבערשטן?! וואספארא מצוה קען מען יעצט טון זיך אויפצוהייבן העכער?!". זאגט מען פאר דעם איד: "דו ביסט שוין ביים שפיץ! א איד קען נישט אנקומען העכער ווי שמיני עצרת!". ווען דער מענטש דערהערט דאס, הייבט ער אָן מאכן הקפות! ער הייבט זיך אָן ארומצודרייען(כח) אין דער אהבה! "אני ואתה נשמח ביחד"-ער פריידט זיך מיטן אויבערשטן! נישט אז ער גייט זיך ווייטער - ווייל ער איז שוין אנגעקומען, עס איז שוין ערלעדיגט, נאר פונקט פארקערט, **יעצט 'לעבט' ער אין דעם מציאות וואס ער האט זוכה געווען! יעצט 'ווייקט' ער זיך אין דעם קרבת אלקים וואס הערשט היינט!**

**ווען דער מענטש דערהערט דאס, הייבט ער אָן מאכן הקפות! יעצט 'לעבט' ער אין דעם מציאות וואס ער האט זוכה געווען! יעצט 'ווייקט' ער זיך אין דעם קרבת אלקים וואס הערשט היינט!**

✦

## דאס אידיש הארץ שפיגלט צוריק די אהבה צום רבוש"ע

**צווייטנס:** עס שטייט אין פסוק (משלי כז, יט): **"כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים**

---

**כח.** עס איז פארהאן צוויי סארטן אופנים וויאזוי א מענטש קען גיין, איינס רופט זיך **'הליכה'** - גיין, און דאס צווייטע רופט זיך **'טיול'** - שפאצירן. וואס איז דער חילוק צווישן זיי? ביי ביידע אופנים רוקט ער זיינע פוס פון דא צו דארט? אבער דער חילוק צווישן זיי איז הימל און ערד: **'הליכה'** מיינט, אז 'דא' איז מיר נישט גוט און 'דארט' איז מיר יא גוט, און כדי אוועקצוגיין פון 'דא' און אנקומען

**כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם"** - א הארץ פון א מענטש, שפיגלט אפ צו יענעם דעם געפיל וואס יענער האט צו אים. און די חסיד'ישע ספרים טייטשן דאס, כלפי די אהבה וואס א איד באקומט צום אויבערשטן - דורכדעם וואס דער אויבערשטער האט אים ליב.

## היינט דארפן מיר צוריקגעבן אהבה צום רבוש"ע אָן קיין פארמיטלער

**לענייננו:** מיר האבן אויבן ארומגערעדט (פרק ב), אז שמיני עצרת איז די אהבה פונעם אויבערשטן צו אונז אָן קיין 'שדכנים' און 'אמצעיים' -

---

'דארט' - האב איך נישט קיין ברירה און איך מוז רוקן מיינע פוס און 'גיין' ביז אהין. קומט אויס, דאס גיין איז בכלל נישט קיין תענוג, נאר דאס איז דער מיטל און 'היכי תמצא' וויאזוי אנצוקומען צום 'מקום התענוג'.

ווידעראום, **'טיול'** מיינט, 'דא' איז מיר גוט, 'דארט' איז מיר גוט און איבעראל וואו איך גיי - איז מיר גוט! און דערפאר כאפ איך א שפאציר כדי צו הנאה האבן פונעם גוטס וואס איך האב איבעראל! קומט אויס, דאס גיין איז נישט כדי אנצוקומען ערגעץ, נאר דאס איז כדי צו גיין! דער עצם גיין שפאצירן איז דער תענוג! דאס זעלבסט איז דער תכלית הנרצה, און נישט עפעס אנדערש פון 'דארט' אדער 'שפעטער'. און אויף דעם איז געזאגט געווארן די געוואלדיגע הבטחה אויף דער זמן הגאולה (רש"י ויקרא כו, יב): **"והתהלכתי בתוככם - 'אטייל' עמכם בגן עדן כאחד מכם"**, ווייל דער גן עדן איז שוין דער פלאץ וואו מען איז אנגעקומען צום ציל! דארט איז דער תכלית פון אלע תכליתים, און מען דארף שוין אין ערגעץ נישט 'גיין'.

און אט דאס איז דער ענין פון די 'הקפות' - וואס מען רוקט טאקע די פוס פון 'דא' צו 'דארט', אבער מען זוכט נישט אנצוקומען ערגעץ! מען האט נישט קיין ציל צו גיין אהין - אנשטאט דא, 'דארט' איז נישט בעסער ווי 'דא', נאר מען דרייט זיך 'ארום און ארום', און מען קומט א גאנצן צייט צוריק אהער! דאס ווייזט, אז מיר זענען יעצט אין א גוט פלאץ - וואו מען דארף שוין נישט אנקומען ערגעץ אנדערש, מיר זענען יעצט ביים 'ציל' - נישט ביים 'מיטל'! מיר דרייען זיך א גאנצן צייט אינעם 'מקום התענוג', אינעם 'יחוד' און 'קירבה' מיטן אויבערשטן ביחודא שלים.

וואס דאס זענען 'תורה ומצוות' - נאר דאס איז אן אהבה דירעקט צו אונז. און לויטן חשבון פון 'כמים הפנים לפנים' -פאדערט דער פסוק פון אונז, אז מיר זאלן צוריקצוגעבן פארן אויבערשטן די זעלבע סארט אהבה -אָן קיין 'אמצעיים' און אָן קיין זייטיגע סיבות -פונקט אזוי ווי ער גיבט אונז דער סארט אהבה. און דאס איז דער 'חלק העבודה' וואס מיר דארפן צושטעלן שמיני עצרת.

### ווי שטארק טוט וויי אויב דאס קינד האט ליב דעם טאטן צוליב זיין געלט

מען וועט עס מסביר זיין מיט א משל: איינער פון די גרויסע רבי'ס האט געהאט א קינד א פיינער בחור'ל. איין טאג זיצט דער טאטע-רבי אינעם פאדערשטן צימער, און ער הערט זיך אונטער ווי איינער פרעגט דעם קינד: "וואס זאגסטו צו דיין טאטע? דו האסט אים ליב?". זאגט דער בחור'ל: "אודאי האב איך אים ליב, ער איז דאך אזא גרויסער רבי! ער האט דאך אזויפיל חסידים!". וויאזוי וואלט דער טאטע געשפירט?! עס איז נישט קיין ספק, אז דער טאטע וואלט געהאט א מורא'דיגן צער פון דער ענטפער פונעם קינד. ער וואלט געוואלט זאגן פארן קינד: "דאס איז מיין גאנצע שייכות מיט דיר?! דו האסט מיר ליב בלויז ווייל איך האב אסאך חסידים?! דאס פאסט פאר א בחור'ל א חסיד, אבער דו זאלסט אזוי רעדן?! איך בין דאך דיין טאטע! דו ביסט דאך מיין פלייש און בלוט! דיין אהבה צו מיר דארף זיין אָן קיין שום סיבה!". דער זעלבער משל קען מען אויך מאכן מיט א קינד פון אן עושר, וועלכער האט ליב זיין טאטע בלויז ווייל ער האט אסאך געלט.

### ווי שטארק טוט וויי פאר כביכול אויב א איד האט אים ליב צוליב זיין גרויסקייט אדער ישועות

א גאנץ יאר - ווען דער קשר צווישן א איד מיטן אויבערשטן קומט דורך די 'אמצעיים' פון 'תורה ומצוות'- איז נאך דערהערט אז א

איד זאל צוריק ליב האבן דעם אויבערשטן דורך אן 'אמצעי', צי איז דאס צוליב זיינע חסדים וואס ער טוט מיט אים, צי צוליב די ישועות וואס דער אויבערשטער האט אים געהאלפן, צי צוליב א גוט שטיקל גמרא וואס ער האט געלערנט, אדער אפילו צוליב התפעלות פונעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט. אבער שמיני עצרת - ווען דער אויבערשטער האט ליב דעם איד פאר זיין 'עצם מציאות' אָן קיין שום אמצעי -אויב די אהבה אויף צוריק ווערט זיין געבויעט אויף חשבונות און אמצעיים קען עס חלילה גורם זיין א צער למעלה. דעריבער פאדערט זיך פון אונז, אויפצואוועקן אין הארץ אן אריגינאלע ליבשאפט צום אויבערשטן כביכול: **"רבונו של עולם, איך האב דיר ליב ווייל דאס איז דער אמת! איך האב דיר ליב ווייל דו האסט מיר ליב! איך האב דיר ליב ווייל מיר זענען ממש איינס! איך האב דיר ליב ווייל מיין פנימיות'דיגע מציאות - וועלכע ווערט היינט נתגלה - איז א שטיק אהבה צו דיר**, אָן קיין שום חשבונות און סיבות!" (כט).

◆

## טאמער איז עס טאקע א בשורה טובה - ווערט מען פרייליך

**דריטנס:** עס איז אמאל פארהאן א מענטש וואס מען זאגט אים א גוטע בשורה, און ער האט הנאה דערפון, אבער ער גייט זיך ווייטער מיט זיין טאג טעגליכן לעבן. עס איז אבער פארהאן א צווייטער, וואס מען זאגט אים ממש א בשורה טובה וואס ער לעכצט דערצו שוין יארן לאנג, אזא מענטש וועט נישט אזוי שנעל גיין ווייטער, נאר ער וועט דאס אריינגעמען אין הארץ און ווערן זייער פרייליך! ער וועט זיך אויפשטעלן און מאכן א טענצל פון גרויס שמחה! וואו ער וועט גיין

---

**כט.** עיין בלקט אמרי קודש לשמ"ע ממהרי"ד מבעלזא זי"ע ד"ה וביום השמיני עצרת וגו' וז"ל: ורשיז"ל פי על שם עצרת דאמר הקב"ה קשה עלי פרידתכם והראה לנו חיבה יתירה בזה וכמים הפנים אל הפנים צריכים אנו ג"כ להראות להקב"ה אותות אהבה עכ"ל.

און שטיין, וועט ער דערציילן פאר יעדן איינעם איבער דעם געוואלדיגן ישועה וואס ער האט זוכה געווען.

## שמיני עצרת ווערן מיר שיכור פון אהבה

אינעם פיוט 'ידיד נפש' (וואס מען זאגט טאקע שמחת תורה בעפאר די הקפות) זאגט מען: **"כי זה כמה נכסוף נכספתי לראות מהרה בתפארת עוזך"** - איך האב שוין אזוי לאנג געווארט און געבענקט צו זען דיין שיינקייט. דאס הייסט, אינערליך אינעם הארץ פון א איד דרייט זיך שטענדיג א מורא'דיגער בענקשאפט צום אויבערשטן! ער וואלט אזוי געוואלט מיטהאלטן די נאנטקייט און חביבות פונעם אויבערשטן צו אים. און דערפאר, ווען עס קומט שמיני עצרת, און דער אויבערשטער זאגט אונז א בשורה טובה: 'אני ואתה נשמח ביחד', ער זאגט אונז: "היינט זענען מיר זיך מייחד באהבה גמורה" - דארפן מיר אריינשלעפן די דאזיגע 'בשורה טובה' אין א שמחה אריין! **מיר קענען נישט זיצן גלייכגילטיג און שאקלען מיטן קאפ, נאר מיר דארפן ווערן אויפגעלעבט דערפון! מיר דארפן זיך אויפשטעלן און כאפן א טענצל פון גרויס שמחה!**

## פון גרויס שמחה כאפט מען א טענצל

**מענטשן פרעגן:** וואס טוט מען בשעת די הקפות?! מען טאנצט דאך פאר לאנגע שעות?! וואס זאל מען דעמאלט טראכטן און אינזין האבן?! מען וועט שפעטער צוריקקומען צו די נקודה פון הקפות און אויסשמועסן מער באריכות (פרק ה), אבער לויט ווי מען האט יעצט גערעדט איז די תשובה דערויף זייער פשוט: ביי די הקפות טראכט מען אריין אין דער אהבה וואס דער אויבערשטער האט היינט ליב אונזער 'עצם מציאות כמו שהוא', און ער וויל

> **מען דערמאנט זיך ווי א גאנץ יאר האט מען אזויפיל געבענקט און געלעכצט צו אביסל קרבת ה', און היינט גיסט זיך עס מיט אזא שפע און אזא גילוי**

זיין מיט אונז, ער וויל אונזער נאנטקייט. מען פארטיפט זיך דערין און מען לעבט דערין, מען דערמאנט זיך ווי **א גאנץ יאר האט מען אזויפיל געבענקט און געלעכצט צו אביסל קרבת ה', און היינט גיסט זיך עס מיט אזא שפע און אזא גילוי, אט האבן מיר דעם אויבערשטן דא ביי אונז, אזוי נאנט, אזוי ליבליך און אזוי פאראיינציגט מיט אונז.** און דורך די סארט מחשבות ברענגט מען זיך אריין צוביסלעך אין דער שמחה, ביז די פוס הייבן אויך אָן צו נעמען א חלק אין דער שמחה, און עס ווערט א בחינה פון 'לבו נשא את רגליו', די שמחה פון הארץ - הייבט אויף די פוס, און עס טאנצט זיך שעות ארוכות מיט גרויס דביקות.

## די שמחה פון 'למען לא ניגע לריק'

א טריט טיפער אינעם ענין פון 'כי זה כמה נכסוף נכספתי' -**בדרך משל:** אמאל איז פארהאן איינער וועלכער דארף זייער וויכטיג אנקומען צו א געוויסן 'עסקן' פאר א געוויסע טובה. ער רופט אים אויפן טעלעפאן, עס קלינגט א פאָר מאל, אבער ער הייבט נישט אויף, מארגן פרובירט ער נאכאמאל, ער הייבט ווייטער נישט אויף, בלית ברירה לאזט ער איבער א מעסעדזש מיט א בקשה אז ער זאל אים צוריק רופן. עס גייט דורך א פאָר טעג און ער רופט נישט צוריק, רופט ער אים נאכאמאל, און דאסמאל זאגט ער שוין אריין אינעם מעסעדזש פונקטליך וואס ער וויל פון אים מיט אלע פרטים, און ער בעט אים צוריק צו רופן און מעלדן צי ער נעמט אָן די בקשה. עס גייט דורך א פאָר טעג און ער הערט נאכאלץ נישט פון אים, רופט ער אים נאכאמאל, דאסמאל הייבט ער גראדע יא אויף דעם טעלעפאן, אבער דער סערוויס איז נישט גוט, עס האקט און זעצט, און מען הערט בלויז יעדע פערטעווארט, ער ווארט יענער זאל צוריק רופן ווען די סערוויס איז בעסער, אבער 'אין קול ואין עונה'. בלית ברירה הייבט ער זיך אויף און פארט אריבער צו יענעם עסקן אינדערהיים און קלאפט אריין, יענער קומט צו צום טיר און זאגט אים: "טייערער איד, איך האב שוין באלד ביים ערשטן טעלעפאן קאל געוואוסט פאר וואס דו רופסט, און איך האב

שוין דעמאלט אנגעהויבן צו עסק'ענען און שתדל'ען פאר דיר, אזוי אויך אלע דיינע מעסעדזשעס האב איך אויסגעהערט, אויך ווען דער סערוויס איז געווען צוהאקט - האב איך 'יא' געהערט יעדעס ווארט. יעדע טעלעפאן קאל דיינע האט מיר געגעבן א שטופ צו טון ווייטער אין דעם ענין, און ברוך השם אז איך קען דיר שוין אנזאגן די 'בשורה טובה', אז די זאך איז שוין מסודר! אלץ וואס דו האסט מיר געבעטן - איז ערלעדיגט אויף הונדערט פראצענט!". זעלבסט פארשטענדליך, אז די שמחה פון דעם איד איז גאר גרויס, נישט בלויז מיט דער ישועה וואס ער האט ענדליך זוכה געווען, נאר נאכמער, דייקא ווייל ער האט אריינגעלייגט אזויפיל כוחות דערין, און א גאנצן צייט האט ער נישט געוואוסט צי ער האט עפעס אויפגעטון מיט זיין 'יגיעה', און יעצט ווערט ער געוואויר אז קיין איין משהו יגיעה איז נישט געגאנגען לריק, אלעס האט אויפגעטון - דאס ברענגט א געוואלדיגע שמחה.

### שוין צוויי חדשים וואס מיר לויפן נאך דער רבוש"ע - אבער מיר הערן נישט אויף צוריק

**דער נמשל שטייט אין קדושת יום טוב** (ד"ה ביום השמיני): די מעשה הייבט זיך אָן פון חודש אלול, אידן טוען אין 'עבודת התשובה', מען וויל ווערן נאנט צום אויבערשטן און זוכה זיין צום 'קרבת אלקים לי טוב', אבער מען ווייסט נישט וואו מען שטייט און מען האלט, עס קומט ראש השנה, אידן בלאזן שופר און מען פרובירט 'מרצה בתרועה' זיין, אבער מען הערט גארנישט אויף צוריק, עס קומט יום כפור, מען פאסט און מען איז מתפלל א גאנצן טאג, אבער מען האט נישט קיין אהנונג וואס עס טוט זיך דארט אויבן, עס קומט סוכות, מען זיצט אין סוכה און מען שאקלט נענועים, דערנאך קומט הושענא רבא מען שרייט אזויפיל מאל "הושע נא, הושע נא", און נאכאלץ ווייסט מען נישט צי עס איז דא א

> **אויב דארף מען זיך געזעגענען, און נאכמער, אויב איז אזוי שווער זיך צו געזעגענען – איז א סימן אז דא איז א גאנצן צייט געווען א געוואלדיגן קשר!**

קשר, צי דער סערוויס ארבעט גוט, צי דער אויבערשטער האט אונז יא מקבל געווען ברצון אדער נישט. און דאס הארץ איז שוין זייער פארבענקט און פאר'דאגה'ט.

## יעצט ווערן מיר געוואויר אז דער אויבערשטער האט אונז א גאנצן צייט אנגענומען באהבה

אבער ווי עס קומט אָן דער יום טוב שמיני עצרת, טרעפן מיר זיך פנים אל פנים מיט כביכול, 'אני ואתה', און דער אויבערשטער זאגט אונז: "**קשה עלי פרידתכם**"-עטץ האט געמיינט אז איך בין אייך נישט מקבל ברצון, איך האב פאר אייך א בשורה טובה, אז איך האלט שוין ביים געזעגענען! און **אויב דארף מען זיך געזעגענען, און נאכמער, אויב איז אזוי שווער זיך צו געזעגענען - איז א סימן אז דא איז א גאנצן צייט געווען א געוואלדיגן קשר!** דער אויבערשטער זאגט: איך האב ביז יעצט פארברענגט מיט אייך! די לעצטע איין און צוואנציג טעג זענען מיר געווען צוזאמען מיט א מורא'דיגן קשר! און יעצט בעט איך אייך 'עכבו עלי יום אחד', איך וויל בלייבן מיט אייך נאך איין טאג- בנוסף צו די אלע טעג וואס מיר האבן ביז יעצט פארברענגט אינאיינעם!". דאס הייסט, דער איד ווארט א גאנץ יאר אויף קרבת ה', און ווען עס קומט אלול און תשרי ווערן זיינע כיסופים נאך שטארקער, ער טוט אזויפיל עבודת ה' - כדי אנצוקומען צו דעם קרבה, אבער ביז שמיני עצרת האט ער נישט קיין אהנונג וואו ער שטייט, און דא זאגט מען אים: "דו האסט עס געהאט א גאנצן צייט! דער רבונו של עולם איז שוין געווען נאנט צו דיר פונעם ערשטן 'ברכו' פון ראש השנה!". **פון אזא 'כי זה כמה נכסוף נכספתי' - ווערט א געוואלדיגע 'והיתה לה שמחת עולם'! ווייל אויב**

> **ווייל אויב ווערט יעצט נתגלה למפרע, אז דער גאנצער חודש תשרי איז א גאנצן צייט נתקבל געווארן לרחמים ולרצון-ווערט ביי אונז א מורא'דיגע שמחה שאין לשער.**

**ווערט יעצט נתגלה למפרע, אז דער גאנצער חודש תשרי איז א גאנצן צייט נתקבל געווארן לרחמים ולרצון-ווערט ביי אונז א מורא'דיגע שמחה שאין לשער.**

**על כל פנים:** דאס איז די פשטות פון דער 'עבודת ההקפות' אין דעם טאג, וואס אידן טאנצן אזויפיל שעות מיט אזא שמחה, ווייל מיר פרייען זיך מיט דער שמחה פון דעם טאג, אז דער אויבערשטער איז יעצט מגלה צו אונז א מורא'דיגע אהבה, ער איז בוחר אין יעדן איד און ער וויל כביכול זיין צוזאמען מיט אים פארנאך איין טאג.

✦

## די שמחה נאכן פארשטיין א שווערע סוגיא – קומט נישט אן ביז צו די פוס

**נאך א נקודה - על דרך משל:** ווען א מענטש לערנט א שווערע סוגיא, ער מוטשעט זיך דעם קאפ צו פארשטיין די שיטות הראשונים, און ער איז ממש צומישט און אומקלאר, און פלוצלינג העלפט דער אויבערשטער, עס גיבט אים א בליץ אויף א ליכטיגקייט אין דער גאנצער סוגיא, און אלעס ווערט קלאר און מיושב. די טבע הדברים איז, אז דער מענטש ווערט זייער פרייליך, און ער גיבט א קלאפ צוזאם די הענט פון גרויס שמחה. אבער ער וועט זיך נישט ארויסלאזן אין א טענצל, ווייל די שמחה איז בעיקר אין קאפ - נישט אין הארץ און די איבריגע חלקים פונעם מענטש.

## די שמחה נאכן הערן גוטע נייעס פונעם דאקטער – קומט יא אן ביז צו די פוס

**אבער למשל:** טאמער א מענטש האט געליטן פון כסדר'דיגע קאפ ווייטאג, און די דאקטוירים האבן אים אפגעשראקן אז דאס קען מעגליך אנדייטן אויף א געוויקסט אין מח לא עלינו, און ער

גייט אין שפיטאל צו דורכפירן פארשידענע אונטערזוכונגען, און ער דארף כסדר גיין פון איין שפיטאל צום צווייטן, דא מאכט מען אזא סארט אונטערזוכונג, און דארט מאכט מען א צווייטע סארט, און אזוי גייט דורך צוויי אנגעצויגענע וואכן - וואס ער ווייסט נישט וואס זיין גורל איז. אינעם באשטימטן טאג האט ער אן אוידענץ ביים גרויסן פראפעסאר וועלכער האט איבערגעקוקט אלע אונטערזוכונגען, און ער וועט אים יעצט לאזן וויסן וואס דער מצב מיט אים איז. זעלבסט פארשטענדליך אז דער מענטש ציטערט צו הערן וואספארא רעזולטאטן די אלע אונטערזוכונגען האבן געוויזן, אלעס דרייט זיך אים פון גרויס נערוועזיטעט. והנה, דער דאקטער קומט אריין אין צימער, ער זעצט זיך אראפ אויפן בענקל, און זאגט אים געמיטליך: "מיר האבן דורכגעפירט צענדליגער אונטערזוכונגען מיט אלע סארט מהלכים און מעטאדן, מיר האבן דיר דורכגענישטערט פון קאפ ביז פוס, און דו ביסט ריין! דו האסט נישט קיין שום שפור פון דער ביטערער מחלה! דו ביסט געזונט און שטארק!". אין אזא פאל, וועט דער מענטש זיך נעמען טאנצן פאר שמחה! און אפילו אויב ער שעמט זיך דאס צו טון פארנט פונעם פראפעסאר, אבער ער וועט מאכן זיכער צו טרעפן היינט נאכט א חתונה וואו צו גיין טאנצן... ווייל די שמחה איז נישט בלויז אין קאפ, נאר דאס נעמט איבער דעם גאנצן הארץ און מענטש פון אויבן ביז אונטן. און די סיבה דערצו איז פשוט: וויבאלד דער פריערדיגער 'פחד' און 'אנגעצויגנקייט' האט ארומגענומען זיין גאנצן מציאות און זיין גאנצער 'נפש' - דערפאר וועט די שמחה שפעטער אויך ארומנעמען דעם גאנצן מענטש, אויך זיין 'חלק הנפש'.

## שמיני עצרת הערן מיר די געוואלדיגע בשורה טובה אז מיר זענען מרוצה פארן אויבערשטן

דער נמשל: דער גרויסער און הייליגער פראפעסאר, דער רבונו של עולם, פירט דורך אויף אונז אונטערזוכונגען דורכאויס דעם חודש

תשרי, און דער 'גאנצער' מענטש פון אויבן ביז אונטן - איז נערוועז און אנגעצויגן וואס די רעזולטאטן פון די אלע אונטערזוכונגען וועלן ברענגען. אבער ווען עס קומט שמיני עצרת און דער אויבערשטער זאגט: "קשה עלי פרידתכם" - דו ביסט אנגענומען און באליבט ביי מיר, און נישט סתם 'אנגענומען', נאר עס איז מיר אזוי געשמאק דיין אנוועזנהייט, אז עס איז מיר גאר שווער זיך צו געזעגענען - איז דאס די גרעסטע 'בשורה טובה'! דאס איז א 'שמחה בעצם', דאס פארציילט אונז אז דא האט געהערשט א געוואלדיגער קשר דורכאויס דעם גאנצן צייט פון די משפטים. און וויבאלד דער גאנצער מענטש ווערט אנגעפילט מיט שמחה - דערהייבן זיך די פוס צו טאנצן מיט א שמחה - אויך מיטן 'חלק הנפש'.

"קשה עלי פרידתכם" – דו ביסט אנגענומען און באליבט ביי מיר, און נישט סתם 'אנגענומען', נאר עס איז מיר אזוי געשמאק דיין אנוועזנהייט, אז עס איז מיר גאר שווער זיך צו געזעגענען – איז דאס די גרעסטע 'בשורה טובה'!

✦

## דער מלך זאגט: עס איז מיר א פערזענליכע טובה, ביטע מאך זיכער עס צו ערלעדיגן

ווען א מלך זאגט פאר איינעם: 'ביטע טוה עס פאר מיר' - אנשטאט: 'איך באפעל דיר דאס צו טון' - פארשטייט יעדער בד דעת, אז דא ליגט א שטארקן דגוש אויף 'התחזקות'. ווי כאילו דער מלך וואלט ווען געזאגט: "איך ווייס אז עס וועט נישט גיין אזוי לייכט, מיינע שונאים וועלן נישט פארגינען און עס נישט צולאזן, און דו וועסט קענען האבן אסאך אמת'ע 'טענות אונס' אויף דער זאך, דערפאר בעט איך דיר א פערזענליכע בקשה, ביטע טוה עס פאר מיר! מאך זיכער אז דער זאך זאל יא ווערן אויסגעפירט!".

## דער רבוש"ע זאגט שוין פון פאראויס אז מען וועט דארפן אסאך חיזוק

לענייננו: **אויב דער אויבערשטער האט אונז געזאגט: "בבקשה מכם" - איז א סימן אז דער ענין פון שמיני עצרת פאדערט אסאך 'התחזקות'.** ווייל עס זענען פארהאן פארשידענע בלבולים וועלכע קענען שטערן און אוועקנעמען דעם קאפּ און הארץ פון לעבן אינעם 'יחודא שלים'- ווי מען וועט שוין אויסרעכענען עטליכע דערפון- און אויף אלעם מוז מען זיך פשוט מחזק זיין, און זיך נישט פארלירן פון גארנישט.

## דער יצר הרע פון ספיקות: מען מיינט טאקע מיר?

דער גרעסטער 'בלבול הדעת', איז דער באקאנטער יצר הרע, וואס ער זינגט אלעמאל דעם באקאנטן 'מי יימר' ניגון- און בפרט יעדעס מאל ווען עס קומט א גרויסער זמן: "אודאי, אלעס איז אמת! אויב עס שטייט אין חז"ל, אז היינט איז א טאג פון 'אני ואתה נשמח ביחד' - איז עס בלי ספק א גרויסער טאג! אויב עס שטייט אין אלע ספרי חסידות, אז אין דעם טאג איז דער אויבערשטער מגלה די גרעסטע מאס אהבה צו אידישע קינדער- ביז צו אן ענין פון 'יחודא שלים' -פאסירט עס זיכער! אבער די שאלה איז, צי מיינט עס טאקע מיר? אפשר מיינט דאס בלויז די פריערדיגע דורות? אדער אפשר רעדט מען פון די גאר גרויסע אידן פונעם דור? און אפילו אויב עס מיינט יעדן איינעם -אבער אפשר מיינט עס נאר גאנץ כלל ישראל צוזאמען, אבער נישט מיר פריוואט אלס יחיד? און אזוי איז דאך טאקע מסתבר, ווייל איך בין דאך אזא פשוט'ער איד! עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אז מיר מיינט מען דא!".

> **אויב דער פסוק חומש פון 'עצרת תהיה לכם' מיינט מיר פערזענליך -איז דער רש"י פון 'קשה עלי פרידתכם', מיינט אויך מיר פערזענליך!**

## אויב ביסטו מחויב צו האלטן היינט יו"ט - מיינט מען טאקע דיר!

ווייבאלד דער אויבערשטער האט געוואוסט מיט וועלכן חברה-מאן מען האט דא צוטון, וואס ער וועט קומען פארדרייען דעם קאפ מיט אזעלכע בלבולים, **דערפאר האט דער אויבערשטער געזאגט 'בבקשה מכם', לאזט אייך נישט פארפירן פון דעם בעל דבר! א איד דארף גיין מיט א 'תוקף דקדושה' און נישט מורא האבן** צו זאגן: "יא, מיר האט מען געמיינט! איך בין נישט קיין פשוט'ער איד, איך בין א 'חלק אלוק ממעל'! איך האב א אידישע נשמה וועלכע איז 'קודש קדשים'! אויב בין איך מחויב צו האלטן היינט דעם יום טוב פון שמיני עצרת, איך טאר נישט טון קיין מלאכה, און אויב בין איך עובר חס ושלום - בין איך עובר אן 'איסור דאורייתא' - מיינט מען מיר פערזענליך! **אויב דער פסוק חומש פון 'עצרת תהיה לכם' מיינט מיר פערזענליך -איז דער רש"י פון 'קשה עלי פרידתכם', מיינט אויך מיר פערזענליך!** און אט דאס איז דאך דער עיקר גילוי פון שמיני עצרת, אז די אהבה האט נישט מיט 'מעשים'- נאר מיט 'עצם נשמות ישראל'! מען מיינט טאקע יעדן איינעם בפרטיות, בלי שום יוצא מן הכלל!".

**די פשוטע 'אלף בית' פון עבודת ה' און פון גאנץ חסידות, אז מען בויעט נישט אויף געפילן**

## פארוואס שפיר איך גארנישט?

דערנאך איז פארהאן א פשוט'ע בלבול הדעת - וואס אסאך מענטשן ליידן דערויף: מען זאגט אים אז היינט קען מען שפירן א געוואלדיגער אהבה און קרבה, אבער למעשה איז ער פארלאשן און פיהלט נישט גארנישט! און אמאל קען דאס שוין קומען נאך אן אנגעגעסנקייט פונעם גאנצן חודש תשרי - וואס ער האט געוואלט שפירן א טעם דערין - און ער האט גארנישט געשפירט. אבער אויף דעם דארף מען וויסן די פשוטע 'אלף בית' פון עבודת ה' און פון גאנץ חסידות, אז מען בויעט נישט אויף געפילן, ווייל דאס איז פון הימל אנגעשריבן צי מען

זאל יא פיהלן אדער נישט, און דאס ווייזט נישט אויף קיין 'מעלה' אדער 'חסרון', עס ווייזט נישט אויף א העכערע מדריגה אדער אויף א נידריגערע מדריגה. א איד דארף זיך שטארק מחזק זיין: "מיין עבודה היינט איז צו 'גלייבן'! אבער מיין 'שפירן' האט נישט קיין שום שייכות מיטן מציאות וואס טוט זיך היינט אפ! **ווילאנג איך לעב מיט דער אמונה אינעם 'רצוני שאהנה מכם' און 'אני ואתם נשמח ביחד', איך גלייב אז דער אויבערשטער דער אויבערשטער האט ליב דעם 'עצם' פון יעדן איד, און אז ער וויל זיין צוזאמען מיט 'נשמת ישראל' - בין איך דורכדעם זוכה צום גאנצן אור און קדושה פון דעם יום טוב!**".

> **מיין עבודה היינט איז צו 'גלייבן'! אבער מיין 'שפירן' האט נישט קיין שום שייכות מיטן מציאות וואס טוט זיך היינט אפ!**

## פארוואס מוז דער יו"ט גיין צוזאמען מיט גשמיות?

פארהאן אזעלכע וועלכע מוטשען זיך מיט א בלבול הדעת: "טאמער איז דאס אזא גרויסן טאג, נו, ווי קען זיין אז מען איז פארנומען מיט 'אכילה ושתיה', מען עסט א סעודה און מען מאכט קידושים. ווי קומט עס דא אריין? מען רעדט דאך דא פון אזא דערהויבענער זמן?!".

## דיר אויסצולערנען אז 'גשמיות' זאל דיר נישט שטערן פון דביקות!

אויף דעם בלבול מוז מען אנקומען צום הסבר וואס די תלמידי בעש"ט זענען מסביר: "ווי קען זיין, אז ווען מען קומט אָן צום שפיץ פון שמיני עצרת, איז מען מתפלל אויף גשמיות, אויף 'גשם' און 'פרנסה'?!". זענען זיי מסביר: אדרבה, דוקא ווען מען עוסק אין גשמיות אויפן ריכטיגן אופן - קומט ארויס דער אמת'ער דבקות. ווייל **אט דאס איז טאקע דער ריכטיגער דביקות, אז קיין שום זאך אויף דער וועלט טיילט נישט אפ דעם איד פונעם אויבערשטן! ער קען עסן, שלאפן און ארבעטן, און ער בלייבט אלעמאל דבוק!** און דערפאר, וויבאלד שמיני

עצרת איז דער טאג פון דביקות אינעם אויבערשטן- דעריבער מוז מען אריינברענגען אלערליי גשמיות דערין, כדי צו ווייזן, אז גארנישט וועט נישט אפטיילן דעם קשר!

## פארוואס מוז דער יו"ט זיין אזוי צופארן -אָן קיין זייגער?

מען קומט אָן צום שפיץ פון שמיני עצרת, איז מען מתפלל אויף גשמיות, אויף 'גשם' און 'פרנסה'?!". דאס איז טאקע דער ריכטיגער דביקות, אז קיין שום זאך אויף דער וועלט טיילט נישט אפ דעם איד פונעם אויבערשטן! ער קען עסן, שלאפן און ארבעטן, און ער בלייבט אלעמאל דבוק!

און דאס איז אויך דער 'התחזקות' פאר די אלע סארט מענטשן וועלכע זענען אלעמאל זייער 'מסודר', זיי האבן אלעמאל אן אויסגערעכנטן טאג מיט שיעורי תורה אויפן זייגער, און דא פלוצלינג קומט שמיני עצרת און שמחת תורה, און אלעס איז צופארן...מען קומט און מען גייט, מען טאנצט שעות עס איז נישטא קיין צייט צו לערנען וכדומה, און בכלל, עס נישטא קיין זייגער, און דאס צומישט זייער גאנצער נפש. דארף מען אבער וויסן, אז דאס איז נישט קיין טעות און בדיעבד, נאר מן השמים האט מען דאס אויסגערעכנט לכתחילה! ווייל במשך פונעם יאר גייט א איד דורך פארשידענע מצבים וואס עס איז נישטא קיין 'סדר' און קיין 'זמנים'. און פון הימל וויל מען, אז אינעם טאג פון שמיני עצרת - וועלכע איז דער שפיץ דביקות -זאל מען זיך צוגרייטן אויף א גאנץ יאר! מען זאל זיך אוועקשטעלן מיטן ריכטיגן דבקות אויף יעדן סארט מציאות וואס זאל זיך נאר מאכן! און דערפאר, אינעם טאג פון 'דביקות' און 'קשר' - איז אלעס צופארן און צוטומלט, כדי אזא גאנץ יאר זאל מען זוכה זיין צו זיין דבוק אינעם אויבערשטן- טראץ אלע צופאָרנקייטן.

# פרק ד

## אתה הראת לדעת:
## ׳יחודא שלים׳ מיינט - ׳ביטול׳ צום אויבערשטן וואס קומט פון אנערקענונג אז ׳אין עוד מלבדו׳

### אונזער עבודה אינעם חלק פון ׳סור מרע׳

אין די ספרים הק׳ ווערט געברענגט א גרויסן יסוד אין דער עבודה פון שמיני עצרת - וועלכע איז נענטער צום גדר פון ׳סור מרע׳, אוועקצונעמען די עיכובים וועלכע שטערן צום ׳יחודא שלים׳. און דאס וועט מען יעצט אביסל אויסשמועסן וואס עס איז נוגע פאר אונז היינט.

### אלעס איז א הכנה פארן ׳אתה הראת׳

יעדער אינגערמאן קען די חסיד׳ישע מימרא, אז די גאנצע עבודה פון די לעצטע צוויי חדשים - אנגעהויבן פון ׳חמשה עשר באב׳, ׳חודש אלול׳, ׳ראש השנה׳, ׳עשרת ימי תשובה׳, ׳יום הקדוש׳ און ׳סוכות׳ - איז אלעס נאר געווען א הכנה צום "אתה הראת"! און בשעת ווען מען האלט פארן עפענען דעם ארון הקודש פאר די הקפות, און מען הייבט אָן צו זאגן "אתה הראת לדעת" - קומט ארויף אין קאפ פון יעדן חסיד׳ישן איד, אז יעצט איז דער שפיץ פון די הייליגע טעג, אויף דעם האט מען זיך געגרייט מיט ׳סליחות׳, ׳ראש השנה׳, ׳יום כיפור׳ און ׳סוכות׳, און דאס מאכט דעם ערנסטקייט און דערהויבנקייט פון דעם

מעמד. מען דארף אבער פארשטיין: וואס ליגט דא אין די ווערטער 'אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו'?! וואס איז דא די טיפקייט פון דעם- וואס צוליב דעם דארף מען אזא גרויסע הכנה פון צוויי חדשים?! און וואס האט דאס א שייכות מיט דעם 'יחודא שלים' פון שמיני עצרת[ל]?!

## יחוד מיינט 'איך בין נישט אפגעטיילט פון אים'

מען וועט אביסל מרחיב זיין דעם ענין- וואס בעצם שטייט עס זייער קלאר אין ספרי חסידות:דער פשוט'ער אידישער אפטייטש פונעם ווארט יחוד מיינט 'איינס', דאס מיינט, אז ווען מען איז זוכה צו 'יחודא שלים', איז נישט פשט אז עס איז דא צוויי מציאות'ן וועלכע זענען געווארן נאנט איינער צום אנדערן. נאר פשט איז, אז עס איז נאר דא 'איינס'! 'יחודא שלים' מיינט, א איד זאל ווערן 'איינס' כביכול מיטן אויבערשטן! און דאס געשעט דורכדעם וואס אונז ווערן נכלל און בטל צום אויבערשטן! אודאי, קומט דאס פון גרויס 'אהבה' וואס הערשט צווישן אים מיטן רבונו של עולם, אבער ווילאנג דער מענטש שפירט ביי זיך א 'ישות', **ווילאנג ער שפירט זיך ווי א זעלבסטשטענדיגע מציאות וועלכע האט זיך אן אייגענע וועלט פאר זיך, ער לעבט זיך זיין לעבן און פירט זיך זיין רעדל מיט זיינע אייגענע כוחות און עצות - איז נישט שייך קיין 'יחוד'! עס איז נישט שייך אז ער**

> **די פשוטע 'אלף בית' פון עבודת ה' און פון גאנץ חסידות, אז מען בויעט נישט אויף געפילן**

---

**ל.** "בחג הסוכות ממשיך שבע ומזון וחיים ביחוד החיצוני, כי היחוד אינו אלא בשמ"ע, אשר זה נעלם במשנה תורה, מחמת כיסופא וענוה וכו', וסוד (דברים ט"ז ט"ז) שלו"ש פעמי"ם בשנ"ה במספר ביו"ם השמינ"י עצר"ת כי כן נעלם במשנה תורה שמיני עצרת, מרוב ענוה וכסופא דאתוון ונהורין קדישין להעלים יחודה, ונרמז במספר שלוש פעמים בשנה". (היכל הברכה פ' ראה ד"ה חג דף ק"ב ע"א).

**זאל ווערן 'איינס' מיטן אויבערשטן, וויבאלד ער קוקט זיך דאך אָן ווי א 'נפרד' פונעם אויבערשטן! ער קוקט זיך דאך אָן ווי א מענטש פאר זיך, וועלכער איז אפגעטיילט און איז א מציאות פאר זיך!** ווידעראום, 'יחוד' מיינט פארקערט: "איך בין נישט בכלל קיין מציאות פאר מיר! איך בין 'איינס' מיט כביכול!" [לא].

## א כלה מוז זיך מבטל זיין צום חתן

**די דוגמא דערצו - אין א אידישע שטוב:** ווען א כלה ווערט איינס

---

**גל עיני:**

**לא.** אין דער פנימיות'דיגער שפראך פון חסיד'ישע ספרים רופט זיך אט דער ענין: 'בנין קומת המלכות'. אז דורכאויס גאנץ חודש תשרי בויעט מען אויף די 'קומה' פון 'נשמת ישראל', וואס דאס זענען טאקע 'אונז' אידישע קינדער. און דאס איז אלעס מיטן ציל, אז מיר זאלן זיין ראוי פאר דעם יחוד פון שמיני עצרת. און די אלע 'מצוות דאורייתא'; ווי 'שופר', 'פאסטן יום הקדוש', 'זיצן אין די סוכה', 'ארבע מינים', און אלע 'מצוות דרבנן'; ווי 'לולב כל שבעה', 'נענועים', 'הושענות', און אפילו אלע 'מנהגים'; ווי 'תשליך', 'כפרות' וכדומה - יעדע זאך האט א פונקטליכער מכוון לויטן אר"י הק', וועלכער נקודה פונעם 'בנין המלכות' דער מצוה און פעולה טוט אויף. וועלכער 'אור' און 'תיקון' איז מען ממשיך דורך דער מצוה און מנהג. (ביי הושענא רבה האט מען גערעדט, אז ווען עס קומט הושענא רבה און מען טרעפט זיך אז מען איז נישט ראוי און נישט איפגעבויעט צום יחוד - שרייט מען "הושע נא" און מען בעט זיך א 'מתנת חנם' פונעם אויבערשטן, אז ער זאל אונז געבן דעם שמיני עצרת במתנה. אבער דאס איז נאר בדיעבד ווען עס איז שוין הושענא רבה, ווייל לכתחילה איז דא א 'סדר הדברים', אז יעדן טאג פונעם גאנצן חודש בויעט מען זיך נאך און נאך, מדרגה לדרגה, ביז מען קומט אן צום שפיץ, מען קומט אן צום שמיני עצרת מיט א 'קומה שלימה', און דעמאלט איז דער רבונו של עולם מגלה די גרויסע אהבה וואס ער האט צו אונז, און ער זאגט "רצוני שאהנה מכם" - איך וויל כביכול זיין מיט אייך, און עס ווערט דער 'יחודא שלים' וואס דאס איז דער 'תכלית הבריאה').

דאס הייסט: דער 'יחודא שלים' קען נישט זיין מיט א 'קומה' וואס איז נישט אינגאנצן פארענדיגט. דעריבער, כדי דער אויבערשטער זאל אונז טאקע וועלן און בעטן: "עכבו עמי יום אחד" - מוזן מיר זיין אויפגעבויעט ווי עס דארף צו זיין. און אויף דעם אז דא דער גאנצער סדר מועדים פון חודש תשרי. אלעס, כדי אז ווען עס וועט אנקומען שמיני עצרת, זאל דער אויבערשטער טאקע

מיטן חתן אויפצושטעלן צוזאמען א אידישע שטוב, איז נישט גענוג אז זי איז עושה 'רצון' בעלה, וואס דאס מאכט איר פאר אן אשה כשירה, נאר **כדי עס זאל ווערן דער ריכטיגער קשר- מוז זיך די כלה אינגאנצן מבטל זיין! זי מוז אינגאנצן זיך 'מקנה' זיין און זיך אוועקגעבן** - כדי צו קענען אויספירן דעם תכלית פונעם שטוב! און דערפאר גיבט זי אפילו אוועק איר געוועזענע 'משפחה נאמען'-וואס דאס ווייזט אויפן 'עצם מענטש' - ווייל נאר מיטן כח פון ביטול קען זיך בויען דער ריכטיגער קשר.

## עס פאדערט זיך די הכרה פון 'אין עוד מלבדו'

**דער נמשל איז פשוט:** "כנסת ישראל כלה קרויה בנעימה" - אידן ווערן אנגערופן א 'כלה' צום אויבערשטן כביכול. און דערפאר, כדי אז א איד זאל זיין ראוי און גרייט צום 'יחודא שלים' - מוז ער ארבעטן אויף זיך, אריינצוברענגען אין זיך א 'ביטול', אז ער זאל זיך שפירן 'בטל' צום אויבערשטן! ער זאל אנקומען צו א קלארע הכרה אז 'אין עוד מלבדו'! עס איז נישטא גארנישט אויף דער וועלט אויסער דעם אויבערשטן! 'השם הוא האלקים' - דער אויבערשטער אליינס פירט אלעס פון אנפאנג ביזן סוף! איך האב נישט קיין שום אייגענע מציאות און קיין שום אייגענעם כח! און נאר נאכדעם וואס דער איד איז אינגאנצן דורכגענומען מיט דער דאזיגער הכרה - וואס דאס מאכט

זאגן "איך וויל זיין מיט אייך נאך א טאג!", און עס זאל טאקע זיין דער גרויסער 'התקרבות' און 'יחוד' וואס דער אויבערשטער איז מגלה זיין אהבה צו אידישע קינדער בכלליות, און צו יעדן איד בפרטיות, און עס זאל אנקומען צו דער גרויסער שמחה פון שמחת תורה.

דער ענין פון בויען די 'קומת המלכות', איז דער זעלבער ענין וואס די חסיד'ישע ספרים זענען מסביר, אז עס פאדערט זיך א 'ביטול הרצונות', כדי עס זאל קענען זיין דער יחוד. ווייל 'מלכות' מיינט, 'לית לה מגרמה כלום', זי האט גארנישט קיין חיות פון זיך אליינס, און ווילאנג א מענטש האט נאך עפעס א משהו 'ישות' אין זיך, איז זיין 'מלכות' נאך א 'בעלת מום'. און בלויז נאכן שלימות הביטול, איז זיין 'קומת המלכות' אויפגעבויעט בשלימות.

אים ווערן 'בטל' צום אויבערשטן - ווערט ער גרייט צום 'יחודא שלים' וואו ער ווערט פאראייניציגט מיטן כביכול מיט א געוואלדיגע אהבה און קרבה. ווייל **אט דער 'הכרה' וואס דער מענטש אנערקענט, אז זיין גאנצער 'חיות' און זיין גאנצע 'מציאות' יעדע רגע- איז 'נאר' פונעם אויבערשטן- איז דער גרעסטער חיבור און יחוד!** ווייל דאס גיבט אים א געפיל, אז אָן זיין מחובר צום אויבערשטן האט ער בכלל נישט קיין מציאות.

## דורכאויס דאס יאר האט ער זיך געשפירט ווי א 'יש' און א 'נפרד'

**אין פשוט'ע ווערטער:** א גאנץ יאר איז מען שוין צוגעוואוינט צו לעבן און טראכטן מיט א ישות'דיגע מהלך המחשבה: "ברוך השם, מער ווייניגער האב 'איך' קאנטראל אויף מיין לעבן! ברוך השם, 'איך' גיב זיך גאנץ פיין אן עצה אין ביזנעס! ברוך השם, 'איך' פארשטיי גאנץ גוט צו חינוך! ברוך השם, 'איך' האב זיך אויסגעשטעלט גאנץ א פיינע מהלך אין עבודת ה'! ברוך השם, 'איך' האב א גוטן קאפ און פארשטיי גוט לערנען! ברוך השם, איך האב א גוטן זכרון און געדענק גוט דאס לערנען! אודאי, איך מוז אנקומען צום אויבערשטנ'ס 'סייעתא דשמיא', ווייל אליינס קען איך גארנישט, אבער מער ווייניגער - אונטער די נעמען פון 'בחירה' און 'השתדלות' -בין 'איך' דער וועלכער פירט מיין לעבן...". אזוי זענען מיר ליידער צוגעוואוינט פון א גאנץ יאר - וואס דורך די סארט מחשבות, פאלן מיר נעבעך אריין אין א קליפה פון 'פירוד'.

> **אט דער 'הכרה' וואס דער מענטש אנערקענט, אז זיין גאנצער 'חיות' און זיין גאנצע 'מציאות' יעדע רגע- איז 'נאר' פונעם אויבערשטן- איז דער גרעסטער חיבור און יחוד!**

## מיט א 'דעת' פון א גאנץ יאר קען נישט ווערן קיין 'יחודא שלים'

טאמער קומט מען אָן צום שמיני עצרת מיט אזא סארט קאפ פון א גאנץ יאר - איז נישט שייך צו דערגרייכן דא קיין 'יחודא שלים',

ווייל עס איז ממש פארקערט דערפון! עס איז דא כאילו צוויי זאכן חס ושלום, פון אונטן שטייט דא דער מענטש- וואס ער האט כאילו א כח צו טון און מסדר זיין, און פון אויבן שטייט דא כביכול דער אויבערשטער- וואס ער גיבט אים דעם הילף און שטופ! נו, **ווי איז שייך אז דער מענטש זאל ווערן 'איינס' מיטן אויבערשטן כביכול, אין דער צייט וואס ער איז זיך 'מפריד' מיטן בויען זיין מציאות אלס זעלבסטשטענדיגער מציאות וועלכע שטייט אפגעטיילט און עקסטער פאר זיך?!**

## מען מוז אנקומען צום 'דעת' פון 'אין עוד מלבדו'

**קומט אויס:** ווען עס קומען אָן די צוויי טעג שמיני עצרת און שמחת תורה, און א איד איז דעמאלט זוכה צו א דרגא פון 'יחודא שלים' - גייט עס צוזאמען מיט א 'הכרה' וואס דער איד באקומט דעמאלט פון אויבן, וואס מען שיינט אריין אין אים **א הויכן דעת וועלכע רופט זיך 'אתה הראת לדעת'. וואס דער 'דעת' איז א טיפע אנערקענונג וואס דער מענטש איז מכיר דעם אמת, אז "ה' הוא האלקים" - מיין גאנצע חיות יעדע רגע, איז נאר וואס איך באקום פונעם אויבערשטן!** "אין עוד מלבדו"- עס איז גארנישט דא אויסער אים! איך האב נישט קיין שום אייגענע עקזיסטענץ, קיין שום אייגענעם שכל, קיין שום אייגענעם כח! אלעס איז נאר ער! איך האב גארנישט און איך קען גארנישט!

## מען דארף אויפבויען דעם 'דעת' צוביסלעך - דורכאויס חודש תשרי

אבער מען קען נישט אריינשיינען אין א מענטש אט דעם 'ביטול' - נאר אויב ער מאכט כאטש די 'הכנה' דערצו! ער מוז זיך מאכן פאר א 'כלי' דערצו! און אט דער 'הכנה' הייבט זיך שוין אָן פון 'חמשה עשר באב'. ווייל כדי צו צוקומען צו אט דער הכרה און צו קענען לעבן מיט אט דעם אמת-דארף מען אסאך הארעווען צו טוישן דעם 'מהלך המחשבה', און דאס טוישט זיך נישט פון איין מינוט אויפן צווייטן. מען

קען נישט אזוי שנעל געבן א טויש דעם נפש וועלכע איז צוגעוואוינט צו 'ישות' - אנצוקומען צו 'ביטול'! און דערפאר ארבעט מען אויף דעם א גאנץ חודש אלול און תשרי. מען וועט אויסשמועסן בפרטיות, וואס עס געשעט אינעם סדר הזמנים פונעם חודש תשרי:

### דער 'דין' פון ר"ה דערמאנט: אלעס ווערט באשטימט פון אנפאנג יאר

**ראש השנה**- דעמאלט איז א 'יום הדין'. דאס הייסט, דער מענטש דערהערט אז עס איז יעצט דא א 'משפט' וואו מען באשטימט פונקטליך וואס עס זאל זיך אפטון דורכאויס די קומענדיגע יאר. אין אנדערע ווערטער: **אלץ וואס וועט פאסירן אינעם גאנצן יאר - וועט קלאר נישט זיין געוואנדן אין זיין געלונגענע השתדלות'ן און ביזנעס עצות, נאר אלעס ווענדט זיך אינעם 'משפט' וואס מען פסק'נט יעצט.** פון דעם כאפט דער מענטש די פשוט'ע א-ב פון 'ביטול', אז זיין לעבן ווענדט זיך בכלל נישט אין אים, נאר עס ווענדט זיך אין דער הנהגה פונעם אויבערשטן.

**ביים סוף פונעם פיוט 'ונתנה תוקף', ענדיגט מען צו: "אדם יסודו מעפר וסופו לעפר וכו' וואו קומט דא אריין א שטיקל 'רבינו יונה' אינמיטן 'ונתנה תוקף'?!**

### וואו קומט אריין דא דער 'אדם יסודו מעפר'?

**ונתנה תוקף**-ביים סוף פונעם פיוט 'ונתנה תוקף', וואו מען שמועסט אויס דעם פאקט פונעם היינטיגן טאג, וואס עס קומט פאר א מורא'דיגער משפט 'כמה יבראון, מי יחיה, מי ישליו ומי ירום' - ענדיגט מען צו: **"אדם יסודו מעפר וסופו לעפר וכו' משול כחרס הנשבר וכו' כאבק פורח וכחלום יעוף"**- דער מענטש איז נישט מער ווי א שטיקל ערד, ווי אביסל שטויב און ווי א דורכלויפנדער חלום. לכאורה איז שווער: וואו קומט דא אריין א שטיקל 'רבינו יונה' אינמיטן 'ונתנה תוקף'?! מען לערנט דען מוסר יעצט?! מען רעדט דאך

יעצט צום אויבערשטן, נו, וואס רעדט מען יעצט פונעם 'אפסיות האדם'?!

## אויב איז דא א 'משפט' איז דאך א מענטש נישט מער ווי א 'צל עובר'

נאר דער פשט איז: א גאנץ יאר דרייט זיך א מענטש ארום מיטן קאפ אין דער הייעך, עס דוכט זיך אים, אז ער טוט און מאכט, ער פארשטייט און ווייסט, ער קאנטראלירט און גיבט אכטונג, ער איז מסדר און ערלעדיגט אלץ זאל קלאפן. קומט אבער ראש השנה ביי 'ונתנה תוקף', און עס כאפט אים אָן א פחד פונעם 'יום הדין'! 'וחיל ורעדה יאחזון', און יעצט מוז ער איינמאל פאר אלעמאל מודה זיין אויפן אמת, אז עס הייבט זיך נישט אָן די גאנצע מעשה! ווייל עס איז דא א באשעפער וואס ער מאכט היינט א 'משפט', און ער פארשרייבט אלץ וואס זאל יא אדער נישט ווערן ערלעדיגט און מסודר דאס יאר! און בלויז אין דעם ווענדט זיך אלעס! עס ווענדט זיך גארנישט אינעם מענטש! און **דעמאלט זאגט דער מענטש: "אַהַ, איך האב פארשטאנען ווער איך בין! איך בין בכלל נישט דער וועלכער איז 'קובע' עפעס אין מיין לעבן! נאר וואס דען בין איך? 'כחרס הנשבר וכציץ נובל'**- גארנישט מיט גארנישט!

> **מוליך ומביא למי שהארבע רוחות שלו מעלה ומוריד למי שהשמים והארץ שלו" - מיט דעם שאקלען איז מען מגלה, אז עס איז נישטא קיין ווינקל וואו א איד טרעפט זיך דורכאויס דאס יאר - וואס דארט איז ער זיך אליינס מסדר! אלעס איז דער אויבערשטער!**

## עבודת התשובה - זיך צוריק קערן צום שורש

**יום הקדוש**-דעמאלט איז א 'זמן תשובה'. ווייל ווי נאר מען דערהערט דעם פשוט'ן אמת פון 'ביטול' צום אויבערשטן, אז אונזער

חיות איז בלויז פונעם אויבערשטן, און עס איז נישטא קיין שום חיות און מציאות אויף דער וועלט אויסער דעם אויבערשטן - ווערט מען זייער נתעורר צו 'תשובה'! מען האט זייער חרטה אויף יעדן 'חטא' וואס מען האט געזינדיגט - וואס דאס רופט אויס פארקערט, אז עס איז חלילה פארהאן עפעס א מציאות אויף דער וועלט, און עפעס א הנאה און חיות אויסער דעם רבונו של עולם. און דערפאר, ווי נאר מען באקומט א שטארקע 'הכרה' אז אלעס איז בלויז מציאות ה' - גייט מען אויטאמאטיש צוריק צום אויבערשטן! דער 'ענף' קערט זיך צוריק צו זיין 'שורש'! צום 'מקור החיות'! און דערפאר איז די תורה מדגיש דעם לשון 'לפני ה' תטהרו', און אזוי אויך, גאנץ יום כיפור זענען מיר פארנומען צו זאגן על חטא שחטאנו 'לפניך', ווייל יום הקדוש אנערקענען מיר און שפירן אמת'דיג אין הארצן, אז אונזער גאנצער מציאות און חיות, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, קומט אלעס מלפני ה'! אלעס איז פונעם אויבערשטן און מיר קענען גארנישט אליינס! און אט די הכרה זעצט זיך אריין אין הארץ אזוי שטארק, ביז מיר קערן זיך צוריק מיט א תשובה שלימה צום אויבערשטן וואס ער איז אונזער שורש.

## שמים וארץ שלו – אלעס איז ער און נאר ער

**סוכות נענועים**- גייט מען אריין אין אסאך א העכערע דרגה פון 'ביטול'. מען מאכט די 'נענועים' אויף אלע זייטן פון דער וועלט; ווי די גמרא זאגט: **"מוליך ומביא למי שהארבע רוחות שלו מעלה ומוריד למי שהשמים והארץ שלו"** - מיט דעם שאקלען איז מען מגלה, אז **עס איז נישטא קיין ווינקל וואו א איד טרעפט זיך דורכאויס דאס יאר - וואס דארט איז ער זיך אליינס מסדר! אלעס איז דער אויבערשטער!** ער ברענגט אריין די קלארקייט און זיכערקייט פון די 'ארבע אותיות הוי"ה', וואס דאס איז די אמונה אין 'מציאות השם' - אין אלע זיינע איברים פון קאפ ביז פוס.

## סוכה דירת עראי – דו האסט נישט קיין שום קביעות אויף דער וועלט

**ישיבה בסוכה** -דאס איז אויך די עבודה פון דער סוכה; ווי די גמרא זאגט: **"צא מדירת קבע ושב בדירת עראי"**- עס איז נישט גענוג דער 'שב בדירת ארעי', נאר קודם מוז מען מקיים זיין דעם 'צא מדירת קבע' - לאז איבער דיין גאנצע מציאות און 'קביעות', און פארשטיי אז דו האסט נישט גארנישט! דו מוזט דערהערן דעם 'חלק השלילי', אז מען האט נישט קיין שום קביעות אויף דער וועלט! דיין גאנצע עקזיסטענץ און לעבן, איז אלעס עראי'דיג!

## הבל הבלים הכל הבל

דערפאר ליינט מען דעמאלט 'מגילת קהלת', וואס דארט ברענגט מען ארויס דעם "הכל הבל" -מען איז מכיר אז די גאנצע וועלט איז גארנישט! דער מענטש קען גארנישט! און **וויפיל א מענטש רעדט זיך נאך איין אז פארט קען ער יא עפעס, אבער ווען ער ליינט קהלת זעט ער איין, אז 'גם זה הבל'! דאס קען ער אויך נישט!** ער האט נישט קיין שום אייגענע מציאות אויף דער וועלט.

**שמיני עצרת- שטעלט מען זיך אוועק און מען שרייט אויס בקול גדול: "אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו"- ביסטו שוין געווארן איבערגעצייגט און קלאר, אז דו ביסט גארנישט און עס איז נאר דער אויבערשטער. נו אויב אזוי, קען מען שוין צוגיין צום 'יחודא שלים' - צו ווערן 'איינס' מיטן אויבערשטן כביכול!**

## אין עוד מלבדו – נישטא עפעס אנדערש אויסער אים

שמיני עצרת-שטעלט מען זיך אוועק און מען שרייט אויס בקול גדול: **"אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו"**- נאך אזא חודש תשרי, **ביסטו שוין געווארן איבערגעצייגט**

**און קלאר, אז דו ביסט גארנישט און עס איז נאר דער אויבערשטער. נו אויב אזוי, קען מען שוין צוגיין צום 'יחודא שלים' - צו ווערן 'איינס' מיטן אויבערשטן כביכול!** ווייל ווי נאר דער מענטש איז שוין נישט קיין אייגענע מציאות פאר זיך- איז ער זיך שוין נישט מפריד פונעם אויבערשטן! ער שטערט שוין נישט דעם 'יחודא שלים'(לב)!

## לא תעשו – מען האט נאך גארנישט געטון

נישט בלויז ביים זאגן 'אתה הראת' דארף מען לעבן מיט דער 'ביטול הישות', נאר דאס דארף מען אנהאלטן א גאנצן טאג. ווייל דאס איז בעצם דער מהות פונעם שמיני עצרת, וועלכע איז א 'מהות' פון 'ענוה' און 'ביטול'; ווי **רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט אמאל געזאגט א הייליג ווארט**- דאס איז געווען נאך אין אורשיווא, אין א יאר ווען עס איז געפאלן שמיני עצרת אום שבת קודש, און דער רבי האט געזאגט א קורצע תורה ביי שלש סעודות, די תורה האט געדויערט ממש איין מינוט- האט ער געטייטשט: "**ביום השמיני**"- ווען עס קומט דער אכטער טאג- נאך א גאנצן תשרי "**עצרת תהיה לכם**"- דארף מען

---

**לב.** "לזה תקנו לנו בחדש אלול מה שפגמנו כל ימות השנה וכו' לבוא ע"י התשובה בחדש הזה לדביקות הדודים כנ"ל ואח"כ בר"ה הוא מצות תקיעת שופר הוא לעורר מורשי הלב וכו', ואז לאחר התשובה של חדש אלול בהסיר מסך המבדיל הוא כעין הקיצה משינה, ואז תוקעין בשופר לבוא לדביקות הנפלא וכו', ואח"כ כל עשי"ת הוא הכנה לשנה הבאה לעיין בתקנת נפשו ולהכין כל כחות שבאדם להמליך ד', ואח"כ השי"ת ברוב רחמיו שולח ממקור התשובה ועצומו של יום מכפר ומעביר אשמתינו, ונשארו ב"י נקיים, ולכן אח"כ המצוה לשמוח בשמחה זו, אשר זכינו להפטר מעוות ולזיכוך הנפש, והנפש מלא משמחת המצוה, ולזה המצוה לשמות בארבע מינין כנגד ד' אותיות הקדושים כידוע, ובצל כנפי המצוה נתלונן בסכת שלם, אור תקדושה החופה עלינו, אך **כל זה הכנה לעצם הקדושה ודביקות בשמ"ע, שהוא עצרו נא ועשו לי סעודה קטנה, ואז נדבקין מקור נשמתן של ישראל בשרשם, שהוא רק דביקות מצוה נפשית שכלית עד כלות הנפש**, ולזה מקרי סעודה קטנה שהוא תוכן האהבה בנקודה עיקרית, שמקרי נקודה קטנה שהיא ראש לכל האותיות והנקודות כמבואר בזוה"ק". (ספה"ק דברי חיים ראה).

צוריקהאלטן דעם 'לכם', דער 'זיך', "**כל מלאכת עבודה**"-די גאנצע עבודה פון דעם טאג איז, "**לא תעשו**"-איר זאלט האלטן ביי זיך כאילו עטץ האט גארנישט געטון. ענליך דערצו שטייט פון אסאך צדיקים (אמרי נועם ד"ה א"י):"**והיית 'אך' שמח - לרבות ליל אחרון של חג**"-דער עיקר עבודה פון 'שמיני עצרת' איז 'אך למעט', זיך ממעט זיין און וויסן אז מען איז גארנישט! און אט דער 'ביטול' איז די א-ב פון דער עבודה פון 'שמיני עצרת', וואס אָן דעם איז נישט שייך קיין 'יחודא שלים'[לג].

## ה' אחד – אויסגיין אויף קידוש השם איז דער גרעסטער 'יחוד'

**קדושת כתר**-מען האט פריער גערעדט (פרק ב'), אז דער עיקר שפיץ פונעם 'יחודא שלים' איז, בשעת ווען מען זאגט ביי 'קדושת כתר' דעם פסוק: "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד". און כלפי דעם ענין פון 'ביטול' - וואס מען רעדט יעצט - איז אויך דעמאלט די העכסטע מדרגה פון 'ביטול'; ווי דער אר"י הק' זאגט, אז ביי 'אחד' דארף מען מקבל זיין אויף זיך 'מסירות נפש', זיין גרייט צו גיין אויף קידוש השם, און דורכדעם איז מען גורם דעם 'יחודא שלים'[לד].

---

**לג.** "שמעתי מהגה"צ ר' משה האלבערשטאם מקיוויאשד (שליט"א) [זצ"ל], ששמע מחותנו הגה"צ מקיווייאשד זצ"ל שהרה"ק מראזוואדוב זצ"ל אמר פעם בשמיני עצרת בזה"ל, "אזוי ווי היינט איז שמיני עצרת ביי גאט, אזוי בין איך דער ארגסטער דא אין בית המדרש". (שיח זקנים).

**לד.** כתב האריה"ק בשער הכוונות - בקדושת כתר במוסף שבת וזלה"ק: "והנה זווגם עתה הוא ממש כעין זווג וכו' כי הרי ירשו את מקומם וכבר נודע כי אין זווג וכו' אלא ע"י מ"ן של **נשמות התחתונות המוסרים עצמם להריגה על קידוש השם** ע"ד יחוד וכו' בפסוק שמע ישראל כמ"ש בק"ש דשחרית דימי החול **ולכן עתה אנו אומרים פסוק שמע ישראל** וצריך לכיון להעלות מ"ן וכו' על ידי מסירת נפשינו על קידוש השם במלת אחד בפסוק שמע ישראל כמ"ש בק"ש של שחרית דחול". (שער הכוונות דף ע"ד ע"א).

דאס איז דער ענין פארוואס מען זאגט 'אב הרחמים' יעדן שבת בעפאר מוסף, כדי אויפצואוועקן דעם כח פון די הייליגע נשמות וועלכע האבן זיך מוסר

## דער 'רצון עצמי' איז א 'מפריד' פונעם אויבערשטן

די סיבה פארוואס 'קבלת מסירת נפש' איז גורם דעם 'יחודא שלים' - שטייט אין ספר ליקוטי תורה: א מענטש וועלכער איז נישט בטל צום אויבערשטן און מיינט אז ער פירט זיין לעבן אליינס - איז אפגעטיילט פונעם אויבערשטן נישט בלויז אין 'דעת', נאר אפילו אין 'רצון' איז ער אפגעטיילט! ווייל **אויב קוקט ער אָן זיין מציאות ווי אן אייגענע מציאות, איז דאס גורם אז ער וויל 'זיך' און נישט דעם אויבערשטן. און אזא מענטש איז פול מיט רצונות פון 'קנאה', 'תאוה' און 'כבוד' - וואס דאס איז ממש פארקערט פון רצון ה'. און די דאזיגע רצונות טיילן אפ צווישן אים מיטן אויבערשטן.** און אויף דעם האט מען געארבעט גאנץ חודש תשרי, וואס מען האט געטוישט דעם גאנצן בליק און 'דעת' פונעם מענטש, און צוזאמען מיט דעם איז אויך דער נפש נתעורר געווארן צו מבטל זיין אלע זיינע 'רצונות' צום רצון ה'. און שטייענדיג יעצט אין שמיני עצרת - איז ער שוין זייער נאנט צום אויבערשטן און ער איז שוין כמעט גרייט צום 'יחודא שלים', וויבאלד ער האט שוין נישט קיין 'דעת' וואס טיילט אפ, און ער האט שוין נישט קיין 'רצונות' וועלכע טיילן אפ.

---

נפש געווען אויף קידוש השם, וואס דורכדעם קענען מיר צוטרעטן צום 'קדושת כתר' און גורם זיין דעם 'יחוד' למעלה. און אזוי אויך געפונט מען ביים דאווענען פון ראש השנה און יום כיפור, אז איידער מען זאגט כתר - זאגט מען קודם 'ונתנה תוקף' - וועלכע איז נתחבר געווארן רבי אמנון פון מאגענצא איידער ער איז געגאנגען אויף קידוש השם, און מען פירט אויך אויס דעם שטיקל מיט די ווערטער: **"וקדש את שמך על מקדישי שמך"**, און ערשט נאכדעם וואס מען האט מעורר געווען דעם כח פון קידוש השם קען מען צוגיין צום 'כתר'.

אויך שטייט פון צמח צדק, אז דערפאר איז מען מקפיד נישט אויסצולאזן קיין 'אב הרחמים' אין די שבתים בעפאר שבועות (אפילו אויב עס איז שבת מברכים), ווייל שבועות טוט זיך אפ א גאר גרויסע און הויכע 'יחוד'; ווי עס שטייט פון אר"י הק', און דערפאר גרייט מען זיך דערצו מיט די אלע שבתים פריער וואס מען זאגט 'אב הרחמים', און מען איז זיך מקשר צו די אלע נשמות וועלכע זענען געגאנגען אויף קידוש השם.

## דער רצון צו לעבן – דער טיפסטער רצון בפנימיות האדם

אבער עס איז נאכאלץ פארהאן איין טיפער 'רצון' - וואס דאס טיילט נאכאלץ אפ און לאזט נישט ווערן קיין 'יחוד' צווישן אים מיטן אויבערשטן: דאס איז דער רצון צום 'עצם לעבן'! נישט וואס ער וויל האבן 'צום' לעבן, נאר דאס וואס ער 'וויל לעבן'! וואס דאס איז דער שטארקסטער רצון וואס איז דא אינערליך אין א מענטש, און אט דער רצון איז א דינע מחיצה וועלכע לאזט אים נישט אינגאנצן נתאחד ווערן מיטן אויבערשטן, וויבאלד ער לעבט נאך אביסל פאר זיך. און דערפאר, **כדי עס זאל ווערן א 'יחוד' - מוז דער מענטש מקבל זיין אויף זיך 'מסירת נפש', דאס הייסט, אז אפילו אט דעם טיפסטן 'רצון' וואס ער 'וויל לעבן' - גיבט ער אויך אוועק פארן אויבערשטן!** ער רופט אויס: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" -אָן דעם אויבערשטן וויל איך גארנישט! אפילו לעבן וויל איך נישט!". נו אויב אזוי, איז שוין די דאזיגע דינע מחיצה אויך נישטא! גארנישט איז שוין נישט 'מפריד' צווישן אים מיטן אויבערשטן! און ער קען שוין ווערן 'איינס' מיטן אויבערשטן כביכול ביחודא שלים! און דעמאלט גיבט אונז דער אויבערשטער איבער א שפע פון 'גשם' - וואס דאס איז א געוואלדיגע השפעה טובה ברוחניות ובגשמיות אויף א גאנץ יאר- וועלכע קומט פון גרויס 'אחדות' און אהבה פונעם אויבערשטן צום כלל ישראל(לה).

**אויב קוקט ער אָן זיין מציאות ווי אן אייגענע מציאות, איז דאס גורם אז ער וויל 'זיך' און נישט דעם אויבערשטן. און אזא מענטש איז פול מיט רצונות פון 'קנאה', 'תאוה' און 'כבוד' – וואס דאס איז ממש פארקערט פון רצון ה'. און די דאזיגע רצונות טיילן אפ צווישן אים מיטן אויבערשטן**

---

לה. **מען קען זיך וואונדערן:** א גאנץ סוכות איז דאך די עבודה צו ממשיך זיין נאך און נאך 'דעת'. שפעטער ווען מען ענדיגט דעם יום טוב סוכות און מען גייט אריין אינעם יום טוב פון שמיני עצרת - טוישט זיך גאר דער נוסח, אז מען דארף גאר

מבטל זיין דעם דעת?! וואס איז דא דער תכלית, אויסבויען 'דעת' אדער מבטל זיין דעם 'דעת'?!

**דער תירוץ איז:** כדי צו קענען מבטל זיין דעם אייגענעם 'דעת', און פארשטיין אז דער אייגענער 'דעת' איז נישט קיין ריכטיגע דעת, נאר עס איז בלויז דמיון - דארף מען פריער האבן אסאך ריכטיגע דעת! אנדערש קען מען נישט צוקומען צום 'ביטול הדעת'! און אט דאס גרייט מען צו דורכאויס דעם גאנצן יום טוב סוכות, וואס דעמאלט איז מען ממשיך דעת.

בשייכות דערצו פארציילט מען ביי חסידים א מעשה: עס האבן זיך אמאל געטראפן א געהויבענער חסיד'ישער איד מיט א ליטווישער ראש ישיבה. האט דער ראש ישיבה געפרעגט, פארוואס איז מען נישט מחנך א קטן צו לייגן תפילין - וויבאלד ער האט נאכנישט קיין דעת, אין דער צייט וואס מען איז אים יא מחנך צו 'לימוד התורה'; ווי די משנה זאגט: "בן חמש למקרא, בן עשר למשנה", לכאורה וואלט געדארפט זיין פארקערט, ווייל צו לימוד התורה דארף מען דאך האבן 'דעת' צו פארשטיין וואס מען לערנט, משא"כ צו לייגן תפילין, דארף מען לכאורה נישט האבן קיין דעת, נו, וואלט מען געדארפט זיין מחויב שוין אלס קינד? האט דער חסיד'ישער איד געענטפערט גאר א שטארקע און טיפע תירוץ: צו לערנען תורה דארף טאקע האבן דעת און שכל צו פארשטיין, אבער א קינד האט אויך עפעס שכל, און דערפאר האבן חז"ל אפגעשאצט און קובע געווען וויפל מען זאל לערנען מיט א קטן לויט זיין דרגא, און ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער אלעס איבערלערנען מיט א שטארקערע הבנה. משא"כ ביי 'קיום המצות' דארף מען האבן אזא סארט שכל פון 'ביטול השכל', ווייל אונזער שכל פארשטייט דאך בכלל נישט פארוואס מען דארף לייגן תפילין וכדו', נאר מיר זענען 'מבטל' אונזער שכל צום 'דעת המְצַוֶה' און פאלגן אים מיט א ביטול. און דאס צו קענען טון - צו 'מבטל' זיין דעם אייגענעם שכל - דארף האבן א גרויסן 'דעת' פון א 'גדול', ווייל א 'קטן' האט נאכנישט אזא גרויסן דעת, און דערפאר איז ער פטור מן המצות.

> **קומט אויס אין איין ווארט: דער 'דעת' פון סוכות איז א הכנה צום 'ביטול הדעת' פון שמיני עצרת.**

**לעניננו:** כדי צו אנקומען אום שמיני עצרת צום ריכטיגן 'ביטול', וואס דער מענטש זאל ממש אנערקענען אז עס איז 'אין עוד מלבדו' - דארף ער האבן אסאך 'דעת', און דאס זענען מיר ממשיך אינעם יום טוב סוכות. און דערנאך, נוצן מיר דעם גאנצן 'דעת' און השגה פון סוכות - צו מבטל זיין

### לכאורה וואלט שמיני עצרת געדארפט זיין דער עיקר עבודה צו טראכטן מיט התבוננות?

נאך דער גאנצער הקדמה פארשטייט מען: פארוואס דער עיקר עבודה פון שמיני עצרת איז 'טאנצן' מיט די פוס - וואס דאס איז דער נידריגסטער חלק פונעם מענטש, און עס איז גאר א פשוט'ע און איינפאכע עבודה, אן קיין שום 'מוחין'. לכאורה, אזא דערהויבענער טאג וואס מיר האבן נאר איינמאל אין יאר - וואלט געדארפט זיין די עבודה צו זיצן און מוח'ענען מיט מחשבות און התבוננות - וואס דאס איז דאך מיטן קאפ, דער העכסטער חלק פונעם מענטש?

### מען וויל נוצן די פוס און צוקומען צום 'ביטול' – איך בין א פשוט'ער טאנצער

אבער וויבאלד דער עיקר נקודה פון דעם טאג איז דער 'יחודא שלים' - וואס ווי געזאגט איז דאס אן ענין פון 'ביטול' וואס דער מענטש שפירט ביי זיך 'איך בין גארנישט' - דערפאר האט מען אוועקגעשטעלט דייקא אזא סארט עבודה פון 'ביטול', וואס דער מענטש באנוצט זיך מיטן פשוט'סטן חלק פונעם מענטש - די פוס, און ער טוט אזא פשוט'ע עבודה פון טאנצן וואס עס האט נישט דערין קיין דערהויבענע 'מוחין', כדי ארייינצוברענגען אינעם מענטש דעם פשוט'קייט און ביטול, אז ער איז 'גארנישט'.

✦

### איז 'ביטול' א הכנה צום יחוד, אדער איז דאס דער יחוד אליינס?

ביז אהער האט מען גערעדט דעם ענין פון 'ביטול' ווי אן ענין

---

אלעס צום 'שורש', און אנערקענען אז מיר האבן נישט גארנישט. קומט אויס אין איין ווארט: דער **'דעת'** פון סוכות איז א הכנה צום **'ביטול הדעת'** פון שמיני עצרת.

פון 'סור מרע', אוועקצונעמען דעם 'חציצה' און 'מסך המבדיל', און דערנאך דארף נאך געשען א באזונדערער ענין פון 'עשה טוב', וואס דאס איז דער ענין פון 'אהבה' און 'אחדות', וואס דאס איז גורם דער יחוד. אבער אינ'אמת'ן, ווען מען לערנט עס אפ מער בעמקות, איז דער פשט, אז דער 'ביטול' אליינס איז נישט בלויז דער 'סור מרע', נאר ער איז אויך דער 'עשה טוב' וועלכע איז שוין גורם דעם 'יחוד', און מען דארף שוין גארנישט מער ווי דעם:

## א איד איז בעצם איינס מיטן אויבערשטן

מען דארף אלעמאל געדענקען דעם יסוד וואס שטייט אין זוהר הק' און אין אלע חסיד'ישע ספרים, אז באמת איז דער מציאות און מהות פון א איד 'איינס' מיטן אויבערשטן בעצם-אָן גארנישט טון דערצו! ווי אלע ספרים הק' ברענגען דעם לשון הזוהר הק': **"ויפח באפיו נשמת חיים -מאן דנפח מתוכו נפח"** - כביכול דער אויבערשטער האט אריינגעבלאזן אינעם 'אדם' א נשמה, זאגט דער זוהר: "ווען איינער בלאזט - בלאזט ער פון אינעווייניג!". דאס הייסט, אויב דער אויבערשטער האט אין אונז אריינגעבלאזן א נשמה, האט ער עס גענומען פון זיך אליינס כביכול! אונזער נשמה איז א 'חלק אלוק ממעל ממש'! 'קוב"ה וישראל חד'! קומט אויס, **מיר דארפן גארנישט טון צו ווערן 'מאוחד ביחודא שלים' מיטן אויבערשטן, ווייל דאס זענען מיר! דאס איז אונזער עכטע מציאות! עס איז ווי א מאגנעט וועלכע קלעבט צום צווייטן מאגנעט מצד טבעה.**

## ווי נאר דער גוף איז נישט מפריד – ווערן מיר איינס 'מצד עצמנו'

נאר וואס דען?! אונזער נשמה געפונט זיך אין א 'גוף' וועלכע קומט פון 'עולם הפירוד'! דער גוף שפירט זיך ווי א גאנצער קנאקער, א 'מציאות נפרד' פאר זיך, וועלכער איז אפגעטיילט פונעם אויבערשטן! דער גוף איז פול מיט 'רצונות' פון 'איך' און 'זיך' -רצונות וואס זענען

פארקערט פון רצון ה'! און דאס שטערט א גאנץ יאר פון זיין 'מאוחד ביחודא שלים' מיטן אויבערשטן. דער גוף רייסט אפ דעם מאגנעט פון זיך צוזאמקלעבן מיטן צווייטן מאגנעט. אבער נאכדעם וואס דער איד האט עוסק געווען א גאנץ חודש תשרי אין 'תשובה ותיקון המעשים', ער האט צוביסלעך מכיר געווען דעם 'דעת' אז דער אויבערשטער איז אלעס, און ער האט צוביסלעך מבטל געווען זיינע אייגענע 'רצונות' צום רצון ה', און יעצט שמיני עצרת קומט ער צו צום שפיץ, וואס ער גיבט אוועק פארן אויבערשטן דעם לעצטן אייגענעם רצון וואס איז נאך געבליבן ביי אים 'צו לעבן' -**איז די נשמה געווארן באפרייט פון אלע שטערונגען, און נאטורליך ווערט זי באלד צוריק 'נכלל' אינעם אויבערשטן! זי דארף נישט עפעס זאל איר 'מאחד' זיין, ווייל זי איז בעצם 'מאוחד'! ווי נאר די גופניות'דיגע 'מפרידים' פאלן אוועק -ווערט נתגלה דער אמת'ער מציאות, אז דער איד מיטן אויבערשטן זענען בעצם 'איינס'!** דער מאגנעט קלעבט זיך אויטאמאטיש צוריק צוזאם מיטן אנדערן מאגנעט כביכול. (שפעטער וועט מען מסביר זיין, אז אויך די פנימיות'דיגע עבודה ביי די 'הקפות', גייט אויף דעם מהלך, אויסצוקלארן ביי זיך די 'רצונות', אז מען זאל נאר וועלן זאכן וואס זענען מצד הקדושה, און נישט פארקערט, וואס ווי געזאגט, איז דאס ממש איין ענין מיטן 'יחודא שלים' וואס טוט זיך אין דעם טאג).

**איז די נשמה געווארן באפרייט פון אלע שטערונגען, און נאטורליך ווערט זי באלד צוריק 'נכלל' אינעם אויבערשטן! זי דארף נישט עפעס זאל איר 'מאחד' זיין, ווייל זי איז בעצם 'מאוחד'! ווי נאר די גופניות'דיגע 'מפרידים' פאלן אוועק -ווערט נתגלה דער אמת'ער מציאות, אז דער איד מיטן אויבערשטן זענען בעצם 'איינס'!**

## דער 'עצם הנשמה' איז 'חלק אלוק ממעל' און איז דבוק בתמידיות

**א משהו טיפער:** די אידישע נשמה איז דאך א 'חלק אלוק ממעל', דאס הייסט, אז 'מצד עצמו' איז די נשמה ממש 'איינס' מיטן

אויבערשטן. און די אלע 'הסתרות' און 'פירוד' וואס א מענטש שפירט זיך אפגעטיילט פאר זיך - איז נישט דער 'עצם הנשמה', נאר דאס קומט פון די 'לבושי הנשמה' - די 'מחשבה', 'דיבור' און 'מעשה' וואו די נשמה ווערט מלובש און איז זיך מדבק דורך זיי צום אויבערשטן.

## שמיני עצרת איז א טאג פון 'עצם הנשמה' – נישט 'לבושי הנשמה'

**דא כאפט דער חילוק:** א גאנץ יאר איז אונזער פליכט צו דינען דעם אויבערשטן דורך די 'לבושים' פון די נשמה, טראכטן גוטע מחשבות, רעדן הייליגע דיבורים און טון מעשים טובים - וואס דאס איז כולל דעם גאנצן 'קיום תורה ומצוות'. אבער אינעם טאג פון שמיני עצרת, איז איין טאג אין יאר ווען עס ווערט נתגלה דער 'עצם הנשמה' - אן די לבושים! עס ווערט נתגלה אז די נשמה 'מצד עצמו' איז דבוק אינעם אויבערשטן - אן גארנישט טראכטן, רעדן אדער טון! און דערפאר איז נישטא קיין 'מצוה מיוחדת' פאר דעם טאג! און אויף דער בחינה שטייט אין ספרים הק', דער טייטש פון "שמיני רגל בפני עצמו" - עס איז א יום טוב פון 'עצמו'! דער 'עצם הנשמה' ווערט נתגלה אין דעם טאג! און דערפאר איז היינט דער יחוד מיט אזא 'התגלות' - אן קיין לבושים און הסתרות.

**די אלע 'הסתרות' און 'פירוד' וואס א מענטש שפירט זיך אפגעטיילט פאר זיך – איז נישט דער 'עצם הנשמה', נאר דאס קומט פון די 'לבושי הנשמה' - די 'מחשבה', 'דיבור' און 'מעשה' וואו די נשמה ווערט מלובש**

# שמחת תורה - די שמחה מיט 'קבלת התורה' פון 'לוחות שניות'

## פארוואס מאכט מען היינט א גרעסערע שמחה ווי שבועות?

אסאך מאל קלערט א מענטש: לכאורה וואלט מען ענדערש געדארפט מאכן די הקפות אום 'שבועות' - דער טאג פון 'קבלת התורה'?! און אפילו אויב מען וועט זאגן, אז די שמחה היינט איז צוליב 'סיום קריאת התורה' - קען מען נאכאלץ פרעגן: הא גופא קשיא, פארוואס זאל מען נישט אויסשטעלן דעם סדר קריאת התורה אויף אן אופן אז דער 'סיום הקריאה' זאל זיין אינאיינעם מיטן יום טוב שבועות - ווען מען האט מקבל געווען די תורה, און דעמאלט וואלט געווען דער גאנצער מצב פון הקפות - אום 'שבועות'?!

## יום כיפור רופט זיך 'יום מתן תורה' צוליב די 'לוחות שניות'

כדי צו פארענטפערן די דאזיגע שאלה - דארף מען מקדים זיין א הקדמה: די משנה זאגט (תענית כו:) **"לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים וכו' וכן הוא אומר צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו, ביום חתונתו זה מתן תורה"** - יום כיפור איז געווען פון די פרייליכסטע טעג ביי כלל ישראל, וויבאלד דעמאלט איז געווען 'מתן תורה'. זאגט רש"י: **"זה מתן תורה - יום הכפורים שניתנו בו לוחות האחרונות"**. דאס הייסט, אז פונקט ווי שבועות איז א טאג פון 'קבלת התורה' - איז יום כיפור אויך א טאג פון 'קבלת התורה', ווייל דעמאלט איז דער אויבערשטער נתרצה געווארן מרצון צו אידישע קינדער און זיי געגעבן די 'לוחות האחרונות'. און באלד נאך יום כיפור האט מען אנגעהויבן בויען דעם 'משכן העדות' - דער פלאץ וואוהין מען האט אריינגעלייגט די 'לוחות האחרונות' אינעם ארון אין קדשי קדשים - וועלכע איז קודם

געווארן אויפגעשטעלט 'בדרך דירת עראי' פאר זיבן טעג - די 'שבעת ימי המילואים', און 'ביום השמיני' -ראש חודש ניסן- איז דאס געווארן אויפגעשטעלט 'בדרך דירת קבע', און מיט דעם איז נשלם געווארן די שמחה פון די 'לוחות האחרונות' וואס מען האט באקומען יום כיפור; ווי די גמרא זאגט (מגילה י:): **"אותו היום היתה שמחה לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ"**.

## נאך יום כיפור שטעלן מיר אויף א סוכה און שפעטער אונזער הויז – אלס א משכן פאר די 'לוחות שניות'

עס איז באקאנט דער כלל וועלכע ווערט אסאך איבערגע'חזר'ט אין אלע חסיד'ישע ספרים: יעדע זאך וואס די תורה האט געהייסן מאכן א זכר דערצו - איז דאס נישט בלויז א 'זכר', נאר בפנימיות שפילט זיך דאס אפ היינט אויך. דערפאר, פונקט ווי דעמאלט האט דער אויבערשטער געגעבן די 'לוחות האחרונות' אין יום כיפור - איז היינט צוטאג אויך דא א השפעה פון 'לוחות האחרונות'. און פונקט ווי דעמאלט האט מען באלד באקומען דעם ציווי פון 'מלאכת המשכן' וואו צו האלטן די 'לוחות האחרונות' - איז היינט צוטאג אויך דא דער ענין פון 'מלאכת המשכן', וואס דאס איז די מצוה פון 'סוכה דירת עראי' - וואו די שכינה הק' רוהט און וואוינט מיט אונז פאר זיבן טעג - קעגן די 'שבעת ימי המילואים', און אינעם אכטן טאג - שמיני עצרת - גייט מען אריין אינדערהיים, אינעם 'דירת קבע', און דארט ברענגט מען אריין די 'לוחות האחרונות' וואס מיר האבן באקומען יום כיפור, און מען לעבט דערמיט א גאנץ יאר. קומט אויס, אז שמיני עצרת ווערט 'נשלם' די שמחה פון די 'לוחות האחרונות' וואס מען האט באקומען יום כיפור, און דערפאר איז דעמאלט דער טאג ווען עס קומט ארויס בגלוי די שמחה פון 'יום חתונתו זה מתן תורה', דעמאלט טאנצט מען און מען פריידט זיך מיט דער תורה און מיט דער השראת השכינה וועלכע קומט וואוינען ביי אונז אינדערהיים.

## שבועות איז א יו"ט פון 'צדיקים גמורים' – שמע"צ איז א יו"ט פון 'בעלי תשובה'

**קומט אויס:** דער יום טוב 'שבועות' דרוקט אויס א כלל ישראל פון 'לוחות הראשונות', ווידער דער יום טוב 'שמיני עצרת' דרוקט אויס א כלל ישראל פון 'לוחות האחרונות'[לו].

**אין אנדערע ווערטער:** שבועות איז א יום טוב פון 'צדיקים גמורים' - ווען כלל ישראל איז געווען ריין אן קיין שום חטא, א גילוי פון 'אני ה' קודם שיחטא'. ווידעראום, שמיני עצרת איז א יום טוב פון 'במקום שבעלי תשובה עומדים' - ווען כלל ישראל האט תשובה געטון און זיך אפגעוואשן פון אלע עבירות, און איז נתקרב געווארן צום אויבערשטן ביתר שאת, א גילוי פון 'אני ה' לאחר שיחטא'.

**שבועות איז א יום טוב פון 'צדיקים גמורים' – ווען כלל ישראל איז געווען ריין אן קיין שום חטא, א גילוי פון 'אני ה' קודם שיחטא'. ווידעראום, שמיני עצרת איז א יום טוב פון 'במקום שבעלי תשובה עומדים' – ווען כלל ישראל האט תשובה געטון און זיך אפגעוואשן פון אלע עבירות, א גילוי פון 'אני ה' לאחר שיחטא'.**

## צו געבן א לוחות נאכן זינדיגן איז אסאך א גרעסערער חידוש און איז מעורר מער שמחה

**דער פשט איז:** די 'לוחות האחרונות' איז מיטגעקומען מיט א גילוי פון 'שלש עשרה מדות של רחמים', וואס דער רבונו של עולם האט מוחל געווען פאר אידן אויף זייער חטא. און מיט דעם איז נתגלה געווארן אסאך א שטארקערן קשר צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן! דער 'אני ה' אחר

**לו.** "בענין שמחת תורה בשמיני עצרת כתבנו כבר, כי הוא ענין לוחות אחרונות שניתנו ביוה"כ, בבחינת בעלי תשובה, ויש מקום לב' הקבלות בכל שנה, בחג השבועות הוא הראשונות, ובשמ"ע האחרונות". (שפת אמת סוכות תרמ"ז ד"ה בענין דף ק"ה ע"ד).

שיחטא' איז אסאך א גרעסערע הארה - ווי דער 'אני ה' קודם שיחטא', ווייל דאס איז אזא סארט 'קשר נצחי' פון רחמים - וועלכע ווערט נישט אפגעהאקט דורך קיין שום חטאים! די לוחות הראשונות' איז געקומען נאך פופציג טעג פון קדושה וטהרה, אבער די לוחות שניות איז געקומען נאכן זינדיגן און תשובה טון! און דערפאר, דער 'גילוי האהבה' פון שמיני עצרת, איז אסאך א גרעסערע 'גילוי האהבה' ווי שבועות, ווייל דא איז נתגלה געווארן די בחינה פון **"עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה"**, אז דער קשר האלט אָן אפילו נאכן חטא, און דאס איז נאכנישט נתגלה געווארן אין שבועות!

## יעדעס יאר ווערט דער 'חידוש' פון דער סליחה פון יוה"כ גרעסער

יעדעס יאר יום כיפור, ווערט נתגלה נאך א טיפערע גילוי פונעם 'אני ה' לאחר שיחטא'. ווייל די וועלט גייט דאך כסדר נידריגער און נידריגער, און **דער 'לאחר שיחטא' פון פאראיאר - איז נישט דער זעלבער 'לאחר שיחטא' פון היי יאר. און ווען עס שטעלט זיך ארויס, אז אויך דאס יאר איז דער אויבערשטער ברוב אהבתו וחמלתו מוחל אויף די חטאים - ווערט נתגלה א נייע גילוי פון 'שלש עשרה מדות של רחמים' - וועלכע איז נאך קיינמאל נישט נתגלה געווארן ביז היינט! עס שטעלט זיך ארויס נאך א טיפערע קשר של אהבה פון 'על כל פשעים תכסה אהבה'!** עס שטעלט זיך ארויס נאך א שטארקערע 'נצחיות' אינעם צוגעבינדנקייט צווישן אידישע נשמות מיטן אויבערשטן - וואס אפילו אזעלכע חשכות'ן און נידריגקייטן ווי דאס וואס עס איז פארגעקומען דאס יאר - קען נאכאלץ נישט אפטיילן צווישן זיי! סוף כל סוף טוען אידן

**און דער 'לאחר שיחטא' פון פאראיאר – איז נישט דער זעלבער 'לאחר שיחטא' פון היי יאר. און ווען עס שטעלט זיך ארויס, אז אויך דאס יאר איז דער אויבערשטער ברוב אהבתו וחמלתו מוחל אויף די חטאים – ווערט נתגלה א נייע גילוי פון 'שלש עשרה מדות של רחמים' – וועלכע איז נאך קיינמאל נישט נתגלה געווארן ביז היינט!**

תשובה מעומק הלב און דער אויבערשטער איז זיי מוחל במחילה גמורה! און דערפאר, ביי נעילה - וואס דעמאלט איז דער עיקר צייט ווען דער אויבערשטער איז מכפר אויף זיינע קינדער - פירט מען זיך צו איבערזאגן זייער אסאך מאל די 'שלש עשרה מדות של רחמים', ווייל דארט ליגט דער גאנצער סוד פון דעם שטארקן און טיפן קשר - וועלכע קען דורכלעבן אלע סארט חטאים עונות ופשעים, ווייל גארנישט וועט נישט מפריד זיין צווישן אידן מיטן אויבערשטן.

## 'סוכות' און שמע"צ איז יעדעס יאר א גרעסערע שמחה

פונקט ווי יעדעס יאר איז דא א נייע גילוי פון יום כיפור - וועלכע איז נאך קיינמאל נישט נתגלה געווארן ביז היינט, אזוי אויך, נאך יום כיפור איז יעדעס יאר דא א נייע גילוי פון 'סוכות' - וועלכע איז נאכנישט נתגלה געווארן ביז היינט. עס ווערט נתגלה א נייער חידוש פון 'השראת השכינה', וואס דער אויבערשטער כביכול קומט וואוינען מיט זיינע קינדער אין דער סוכה - אפילו אין אזא נידריג דור מיטן גאנצן 'הסתרת פנים'! דער **'עדות לישראל שויתר להם הקב"ה על מעשה העגל שהרי השרה שכינתו ביניהם'** - איז דאס יאר אסאך א גרעסערע פלא ווי פאראיאר! און דערנאך קומט א נייער גילוי פון 'שמיני עצרת' - וועלכע איז נאכנישט נתגלה געווארן ביז היינט, אז אפילו אין אונזער מצב וויאזוי מיר זעען אויס, איז כביכול שווער פארן אויבערשטן זיך צו געזעגענען פון אונז, און ער הייבט אונז אויף צו זיך - אויף א בחינה פון יחוד[לז] מיט די תורה הקדושה! מיר

> **פונקט ווי יעדעס יאר איז דא א נייע גילוי פון יום כיפור – וועלכע איז נאך קיינמאל נישט נתגלה געווארן ביז היינט, אזוי אויך, נאך יום כיפור איז יעדעס יאר דא א נייע גילוי פון 'סוכות' – וועלכע איז נאכנישט נתגלה געווארן ביז היינט. עס ווערט נתגלה א נייער חידוש פון 'השראת השכינה'**

**לז.** "ונחזור לענין שכל עניני מצות החג הוא להשפיע לשבעים אומות וגם הז' הקפות

## ווערן נתעצם(לח) כביכול מיט'ן רבוש"ע און ער בלייבט וואוינען ביי אונז אינדערהיים 'בדרך קבע'! דאס איז דאך א חידוש פלא וואס שרייט אויס דעם גרעסטן גילוי פון 'שלש עשרה מדות של רחמים'(לט)!

של ימי החג שהוא הקפה בלולב ובמיניו הוא גם כן רמז אל האומות העולם, הגם שד' מינים אלו מרומזים אל ד' אותיות הוי"ה, עם כל זה הם רק הארות משם וענפים מהאילן גופא, כי שורשם הם צמחים שהם תחת המזלות, כמו שאמרו רז"ל (ב"ר י ו) אין לך כל עשב ועשב שאין לו מזל ברקיע המכה ואומר לו גדל וכו', נמצא כי כל הקפות החג הוא לתועלת השבעים שרים כי הם שורשן, ולכן הם גדלים וצומחין על ידי הכוכבים ומזלות וכו', אבל **בשמיני עצרת שההקפות תועלת ישראל שהם אחוזים ומושרשים 'בגוף האילן' שהם שמות 'הוי"ה בעצם' לכן ההקפות של שמיני עצרת הם בספר תורה עצמה** וכו' וזהו שסיים זוהר [ח"א דף ס"ד עא] ביום השמיני עצרת תהיה לכם לכם דייקא ולא לאומות העולם שאין להם אחיזה בזה החג כלל ועיקר". (מגיד דבריו ליעקב. אות רס"ח ד"ה והנה דף צ"ח ע"ב).

**לח.** הרמ"ק ביאר דברי הזוה"ק (אמור צו:): "ובגיניה הוא יומא חד עצרת, חדוותא דאורייתא, **חדוותא דאילנא דהוא 'גופא'**. ולהלן [שם קד:] ועל דא כתיב עצרת תרגומו כנישו, וביאר הרמ"ק שהכוונה בזה היא, שביום זה עולים נשמת ישראל לשורשם העליון ונתעצמים בגוף האילן שהוא עצם הנשמה, ואיתכנשו שם למעלה בשורשן, ובדרגא זו היא היחוד. עכתו"ד הק'." (רמ"ק).

**לט.** "והנה מה שיום ש"ת בא אחר יו"כ ביום י"ג כי ד' ימים שבין יו"כ לסוכות וח' ימי הסוכה י"ב, **ושמחת תורה יום הי"ג, היינו לפי שי"ג מדת הרחמים שנמשכו ביו"כ בלוחות האחרונים שירדו,** הרי שרשם בא בבחינת אור חוזר מעצמות אור אין סוף, אך שנשארין למעלה בבחינת העלם עדיין, מטעם שאי אפשר להיות בחינת מקיף ממקיף בלתי אמצעות וכו', אבל בש"ת מאיר ובא אור זה בבחינת מקיף ע"י הקו הנ"ל, והוא ע"י בחינת מקיף הישר הנ"ל, וא"כ נמצא דהארת מקיף הכללי בש"ת, היינו בחינת הארת המקיף שביו"כ, שעל ידי תשובה, והא בהא תליא שלפי ערך התשובה כמ"ש [תהלים ק"ל א] ממעמקים קראתיך כנ"ל וד"ל, **לעורר אתערותא דלעילא בעצמות האור אין סוף להאיר בבחינת מקיף בי"ג מדה"ר, כך ערך בחינת התגלות זה האור ממש ביום 'שמחת תורה', בשמחה של תורה ומצות, שהוא בחינת גלוי אור מקיף הישר כנ"ל**, ומכל זה יובן שאין ענין הפרש כלל בעצם בין עשרת ימי תשובה לשמחת תורה, אלא שבעשי"ת בהעלם עדיין, דהיינו דמשכי ליה בחילא יתיר וכו', ובש"ת כבר נמשך ובא בבחינת מקיף כללי כנ"ל". (סידור הרב שער האלול בד"ה להכין דף רכ"ח ע"ד).

"והנה איתא בסידור הרב הקדוש זצוקלה"ה **שיום שמחת תורה הוא יום י"ג**

## די שמחה פון שמע"צ איז מער ווי שבועות - ווייל דא האבן מיר א גרעסערן קשר צו תורה

דערפאר איז שמחת תורה אסאך א גרעסערע שמחה ווי שבועות, ווייל דער עיקר שמחה וואס מיר פרייען זיך מיט די תורה, איז מיט אונזער 'קשר בל ינתק' - וואס גארנישט קען אונז נישט אפטיילן פון דער תורה! מיר פרייען זיך מיט דער גרויסער אהבה וואס דער אויבערשטער האט אונז ארויסגעוויזן מיטן געבן די 'לוחות האחרונות' נאכן זינדיגן! ער האט אונז געוויזן אז ער איז 'שוכן אתם בתוך טומאותם'! וואס דאס מיינט אז מיר וועלן קיינמאל נישט פארלירן די תורה! עולם ועד לא תהיה בינינו פרידה.

**דערפאר איז שמחת תורה אסאך א גרעסערע שמחה ווי שבועות, ווייל דער עיקר שמחה וואס מיר פרייען זיך מיט די תורה, איז מיט אונזער 'קשר בל ינתק' וואס דער אויבערשטער האט אונז ארויסגעוויזן מיטן געבן די 'לוחות האחרונות' עולם ועד לא תהיה בינינו פרידה.**

## שמע"צ איז נישט בלויז די שטארקייט פונעם קשר - נאר אויך דער מהות פונעם קשר

**א טריט טיפער:** לויט די הקדמה וואס מען האט פריער גערעדט, אז 'שמיני רגל' - דער יום טוב פון שמיני עצרת, איז 'בפני עצמו' - מיטן 'עצם הנשמה' און נישט מיט די 'לבושי הנשמה' - באקומט דער גאנצער ענין פון דער שייכות צווישן שמיני עצרת מיט די 'לוחות האחרונות' - א טיפערן באדייט.

---

**מיום הכפורים מפני שאז נגמר השפעת הי"ג מכילן דרחמי שהמשיך משה רבינו ע"ה 'בלוחות שניות' על ידי אתערותא דלתתא** כנ"ל והגם שקודם החורבן לא היה רק י"ב ימים עד יום שמיני עצרת אמנם **המגיד מראשית אחרית יתברך היה צפוי לפניו יתברך מה שיהיה באחרית הימים בזמן הגלות שיהיה נגמר השפעת הי"ג מדת הרחמים דייקא ביום הי"ג שיהיה יום אחרון של יום טוב".** (תורת אמת תרמ"ח ד"ה י"ל דף פ"ז ע"א).

## שמע"צ ווערט נתגלה אז דער קשר איז אן 'עצם' – דערפאר איז עס נישט תלוי אין מעשים

ווייל דאס וואס א חטא איז גורם א 'מסך המבדיל' צווישן דעם איד מיטן אויבערשטן - איז בלויז כלפי די 'לבושי הנשמה', אבער מצד דעם 'עצם הנשמה' איז נישט שייך קיין שום 'פירוד' און 'ריחוק', ווייל דארט אינעם שורש איז דער איד 'איינס' מיטן אויבערשטן - אפגעזען וויאזוי די מעשים זעען אויס! דארט איז די מעשה נישט מעלה ומוריד! און פון אט דעם שורש איז געקומען די 'לוחות האחרונות' און דער גילוי פון 'שלש עשרה מדות של רחמים' - וועלכע האט פשוט מגלה געווען, אז דא איז פאראן א קשר וועלכע איז נישט געוואנדן אין 'מעשים' און 'לבושים', נאר איז 'עצם בעצם יגשו'. און אט דאס קומט ארויס בתוקפה אום שמיני עצרת - ווען עס ווערט נשלם דער גמר פון די 'לוחות האחרונות' און דער גמר פון די 'שלש עשרה מדות של רחמים'. און **דערפאר איז דעמאלט די גרויסע 'שמחת התורה' וואס מען פריידט זיך מיט דעם גילוי פון 'לוחות האחרונות'. און דערפאר האבן די אנשי כנסת הגדולה אויסגעשטעלט אז דער 'סיום קריאת התורה' זאל זיין אום שמחת תורה - נישט אין שבועות**, ווייל דער עיקר ענין פון 'מתן תורה' איז דאך כדי צו בויען דעם יחוד און אהבה צווישן 'נשמות ישראל' מיטן אויבערשטן, און אט דער קשר - ווערט נתגלה אסאך טיפער און שורש'דיגער אום שמיני עצרת ווי אום שבועות. ווייל שבועות קען מען נאך מיינען אז דער קשר איז געבויעט בלויז אויף 'מעשים', אבער שמיני עצרת שטעלט זיך ארויס אז דער קשר איז אסאך טיפער ווי מעשים, נאר איז אן עצם'דיגער קשר וועלכע קען נישט צושטערט ווערן דורך מעשים.

## שבירת הלוחות – משה רבינו האט מגלה געווען אז דער קשר הפנימי עקזעסטירט נאכאלץ

דער לעצטער פסוק אין דער תורה - וואס מיט דעם ענדיגט מען די קריאה אום שמחת תורה - איז: **"וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה**

**משֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל"**. זאגט רש"י: **"לעיני כל ישראל - שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם שנאמר ואשברם לעיניכם"**. דער ענין פון 'שבירת הלוחות' האט דירעקט א שייכות מיטן גאנצן ענין פון שמיני עצרת, ווייל פונקט ווי משה רבינו האט אראפגעברענגט די לוחות פון הימל - אזוי וואלט ער געקענט צוריק ארויפטראגן די לוחות אין הימל. אבער ער האט נישט אזוי געטון, נאר ער האט עס דוקא דא געלאזט ביי אונז, נאר עס 'צובראכן' - וואס מיט דעם האט ער שוין געמאכט א הכנה אויף די לוחות שניות; ווי עס שטייט אין ספרים[מ]. קומט אויס, אז דייקא אינמיטן די ערגסטע צייט ביי אידישע קינדער - ווען מען האט געהאלטן אינמיטן דעם חטא העגל - דארט האט שוין משה רבינו מגלה געווען אז דער 'קשר העצמי' צווישן אידן מיט דער תורה - האלט אָן ווייטער און ווערט נישט בטל. און דאס איז אונזער שמחה פון שמחת תורה, אז מיר זענען מקושר צום אויבערשטן אויף אן עצם'דיגער אופן. און דערפאר ענדיגט זיך די תורה מיט די ווערטער: **"לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל"** - יעדער איד איז א איד, און וועט בלייבן א איד לנצח נצחים!

---

**מ.** "שני לוחות העדות. במדרש (שמו"ר מא) ולמה שנים נגד שמים וארץ, נגד חתן וכלה, נגד שני שושבינים. הנה גילו לנו רבותינו הסוד שכתב הרעיא מהימנא פרשת תצא דשבירת הלוחות היו כחתן דתבר בתולים דיליה עי"ש באורך, כי ידוע על פי מ"ש בכמה מקומות שנשמות ישראל לא חטאו, ומפורש אמרו בגמרא (ע"ז ד ע"ב) לא היו ישראל ראוין לאותה מעשה אלא כדי להורות תשובה. ומצינו בגמרא (כתובות יב.) שהיו מיחדים חתן וכלה בעדים. והגם שעכשיו אין היחוד בעדים, עכ"ז עיקר היחוד הראשון והזיווג הוא על ידי שושבינים וברוב עם והוא פרהסיא ומשם ואילך הוא בהסתר. וגם עת טבילה מחויבת להסתיר כדאיתא בש"ע (יו"ד סימן קצח סעיף מח). והענין הוא ידוע, אמרו רז"ל (יבמות לד.) שאין אשה מתעברת מביאה ראשונה ולזה לא איכפת לן הפרהסיא. מה שאין כן אחרי כן שהיחוד הוא שיבא לידי לידה אז צריך להיות בהצנע. על כן לוחות הראשונות היו בפרהסיא וכדאיתא גם בגמרא ומטעם שכתבנו לעיל בשם הרעיא מהימנא. מה שאין כן בלוחות שניות אמרו במדרש (תנחומא כי תשא, לא) אמר הקב"ה אין לך יפה מן הצניעות. וגם יפ"ה ר"ת יו"ד פעמים ה' גימטריא נ' שערי בינה על כן צריך להיות בצניעות. וזהו שאמר המד"ר נגד חתן וכלה ונגד שושבינים והבן" (עבודת ישראל פר' כי תשא).

און דערפאר איז מען אין דעם טאג פון שמחת תורה פארנומען מיט די קליינע קינדער, און מען מאכט א שטארקע עסק אפילו מיט די גאר קליינע קינדער, זיי זאלן עולה זיין און זיי זאלן זינגען ניגונים, וכדומה - ווייל זיי האבן דאך נאכנישט קיין שום מעלה מצד 'מעשים' - זייענדיג פטור מכל המצוות, און זייער גאנצע מעלה איז בלויז ווייל זיי זענען אידישע קינדער, און דערמיט דערמאנען זיך אויך די עלטערע מענטשן, אז היינט זענען מיר אלע קינדער! היינט איז אונזער גאנצע יחוס בלויז דאס וואס מיר זענען אידן!

**אין דעם טאג פון שמחת תורה פארנומען מיט די קליינע קינדער, ווייל זיי האבן דאך נאכנישט קיין שום מעלה מצד 'מעשים' זייער גאנצע מעלה איז בלויז ווייל זיי זענען אידישע קינדער, און דערמיט דערמאנען זיך אויך די עלטערע מענטשן, אז היינט זענען מיר אלע קינדער!**

✦

## דער 'קטנות המוחין' אום שמחת תורה

זייער אסאך מאל מאכט זיך, אז דוקא דערפאר וואס דער מענטש וויל אזוי שטארק זיין בשמחה און שפירן א העכערקייט אין שמחת תורה - דאס גופא פארמאכט אים דאס הארץ און מוח, ער פאלט אריין אין א 'קטנות', און דער יצר הרע הייבט באלד אן מיט זיין 'דרשת התרחקות', אז דאס אלעס קומט פון דעם וואס דו האסט נישט געלערנט גענוג פלייסיג דאס יאר, און דו האסט נישט קיין שום שייכות און קשר צו דער תורה, און דערפאר פילסטו גארנישט.

## אויב איז עס אן 'עצם' – מוז מען גארנישט פיהלן

פון דעם גאנצן שמועס - קומט אבער ארויס א גרויסן חיזוק אויף די אלע סארט קטנות'ן פון שמחת תורה. ווייל דא דערהערט מען

פונקט פארקערט, אז דער קשר פון שמחת תורה איז אן 'עצם'! עס איז דער פאקט און מציאות פון א אידישע נשמה - אפילו אויב ער פילט עס נישט און אפילו אויב ער האלט 'אחר החטא' און ער פילט פארקערט!

**אסאך מאל מאכט זיך, אז דוקא דערפאר וואס דער מענטש וויל אזוי שטארק זיין בשמחה און שפירן א העכערקייט אין שמחת תורה - דאס גופא פארמאכט אים דאס הארץ און מוח, ער פאלט אריין אין א 'קטנות'**

## אויב איז עס אן עצם - האט עס נישט צוטון וויפיל מען האט געלערנט דאס יאר

אויך דערהערט מען דא א פירכא אויפן גאנצן טענת הבעל דבר 'דו האסט נישט געלערנט געגוג פלייסיג דאס יאר, און דו האסט נישט קיין שום שייכות און קשר צו דער תורה', ווייל דער גאנצער מהות פון דער היינטיגער שמחה איז נישט מיט וויפיל מען האט געלערנט, אדער מיט אנדערע מדרגות און השגות - נאר בלויז מיט זיין 'עצם נשמה' אז ער איז א איד! און דערפאר איז זיין עבודה אין אזא צייט, זיך אויפצופרישן די פשוט'ע אמונה אין 'קדושת ישראל' און 'קדושת התורה', צו גלייבן אז יעדע אידישע נשמה איז מקושר צום אויבערשטן שטענדיג און אלעמאל.

## פון הימל שענקט מען אים 'קטנות' - כדי ער זאל זיך פרייען מיט זיין פשוט'ע אידישקייט

**נאכמער:** עס קען גאר זיין, אז דאס איז טאקע די כונה פון הימל, אז מען האט אים דירעקט ארייינגעלייגט אין אזא 'קטנות', כדי אז 'בלית ברירה' זאל ער זיך מחזק זיין מיט זיין פשוט'ע 'עצם היהדות'! ווען ער וואלט געהאט 'מוחין' - וואלט ער באלד געלאפן צו מחשבות פון 'ישות', אז ער האט געענדיגט אזויפיל און אזויפיל מסכתות דאס יאר, און אז ער איז אנגעקומען ערגעץ אין עבודת ה', וכדומה - וואס

אינ'אמת'ן איז דאס דער גרעסטער סתירה צו שמיני עצרת וועלכע איז אן עצם'דיגע שמחה 'לאחר שיחטא'. און דערפאר האט מען רחמנות געהאט אויף אים במתנת חנם, און מען האט אים צוגענומען אלע מוחין און געפילן, כדי ער זאל צוקומען צום אמת און זיך פרייען מיטן 'עצם יהדות', 'עצם הנשמה' און 'עצם התורה' - וואס דאס איז די עכטע שמחה וואס האט נישט קיין סוף און גרעניץ.

# פרק ה

## למחדי במאריכון:
# די פנימיות פון די פרייליכע 'הקפות' - א חלק פונעם 'יחודא שלים'

### וואס איז הקפות?

מיר זענען אלע אויפגעוואקסן פון אלס קליין קינד מיטן מושג, אז שמחת תורה באשטייט פון 'הקפות'. דאס איז דער עיקר 'עבודת היום והלילה', רוב שעות פון דער טאג און נאכט איז מיוחד אויף דער עבודה פון טאנצן און טאנצן מיט א געוואלדיגע שמחה;[מא] און **ווי מער שמחה**

**מא.** און ווי דער חתם סופר זאגט - און אזוי שטייט אויך פון גר"א - אז פונקט ווי ראש השנה האט א מצוה פון שופר, וואס דורכן שופר איז מען ממשיך דעם אור פון ראש השנה, און אזוי אויך יעדער יום טוב האט זיך א געוויסע מצוה, וואס דורך דער מצוה איז מען ממשיך דעם אור פון יענעם יום טוב - אזוי אויך, שמיני עצרת האט א ספעציעלע מצוה. וואס איז דער 'מצוה המיוחדת' פון שמיני עצרת? זאגט דער חתם סופר א מורא'דיגע זאך: די ספעציעלע מצוה פון דעם טאג איז די מצוה פון 'שמחה'! און ער בויעט עס אויפן פסוק: "והיית אך שמח" - וואס דאס גייט ארויף אויף יום טוב אחרון; ווי די גמרא זאגט -'אך' איז א 'מיעוט', ווייל דער פסוק זאגט: "אין דעם טאג האב איך דיר נישט געהייסן קיין שום אנדערע מצוה מיוחדת, נאר בלויז צו זיין פרייליך! דאס איז דער 'מצות היום' פון שמיני עצרת און שמחת תורה!".

### והיית אך שמח – דער 'מצות היום' פון שמ"ע – איז 'שמחה'

לויט דעם חתם סופר קומט אויס, אז פונקט ווי מען ווייסט ביי יעדן יום טוב, אז כדי צו האבן שייכות מיטן יום טוב - דארף מען זיך ארייגלייגן בלב

מען לייגט אריין ביי די הקפות, ווי מער די שמחה איז נישט בלויז אין חיצוניות, נאר מען מאכט זיכער אז דאס הארץ זאל טאקע ווערן באמת פרייליך און טאנצן מיט אן עכטע שמחה - אלץ מער איז מען ממשיך דעם אור פון דעם גרויסן יום טוב- וועלכער איז דער שפיץ פון חודש תשרי.

## די השתשלות פון אלע עניני הקפות דארף א קלארקייט

מען דארף זיך אבער אביסל אויסקלארן, און מסדר זיין די אלע ענינים - יעדע זאך אויף זיין פלאץ: אין חומש און אין גמרא שטייט נישט קיין זכר איבער דעם גאנצן ענין פון הקפות, נו, פון וואנעט נעמט זיך צו אונז דער גאנצער מנהג פון הקפות?! בכלל, וואס איז יעצט געשען אז פלוצלינג זענען מיר געווארן אזוי פרייליך ביז ארויסצוגיין אין ריקודין?! האט דאס עפעס א שייכות מיטן גאנצן ענין פון 'יחודא שלים' וואס מען האט ביז יעצט גערעדט, אדער איז דאס א נייער ענין?! פארוואס טאנצט מען דוקא מיט אספר תורה אין דער האנט?! פארוואס טאנצט מען דוקא ארום די בימה - וואס דאס גיבט עס דעם נאמען 'הקפות', מען רינגלט ארום דעם בימה?! פארוואס פונקט דער נומבער 'זיבן' הקפות?! **וואס דארף א איד טראכטן דורכאויס די אלע שעות וואס ער טאנצט?!** עס שטייט

> **פון וואנעט נעמט זיך צו אונז דער גאנצער מנהג פון הקפות?! עפעס א שייכות מיטן גאנצן ענין פון 'יחודא שלים' אדער איז דאס א נייער ענין?! וואס דארף א איד טראכטן דורכאויס די אלע שעות וואס ער טאנצט?!**

ונפש אין דער 'מצוה' פונעם יום טוב, ווייל דארט איז דער שליסל פונעם יום טוב, און ווי מער הארץ און מח מען לייגט אריין אין דער מצות היום - אלץ מער קען מען שפירן די ליכטיגקייט פונעם יום טוב, אזוי אויך ביים יום טוב שמיני עצרת און שמחת תורה, כדי צו באקומען דעם אור פונעם יום טוב - דארף מען עוסק זיין אינעם 'מצות היום', וואס דאס איז שמחה!

פון צדיקים, אז בשעת די הקפות איז אן 'עת רצון', וואס מען קען אויס'פועל'ן ישועות ברוחניות ובגשמיות -נאכמער ווי אין די גאנצע הייליגע טעג(מב), וואס איז דער ביאור דערין?!

## הקפות איז א מנהג

דער גאנצער ענין פון די הקפות און פון דער 'שמחת התורה' וואס טוט זיך אפ אין דעם טאג - איז נישט קיין 'חיוב דאורייתא' און נישט קיין 'חיוב דרבנן', עס ווערט בכלל נישט דערמאנט אין דברי חז"ל, נאר דאס איז אויסדרוקליך אן ענין פון א 'מנהג ישראל' וואס אידן האבן זיך אליינס איינגעפירט מרצונם הטוב דורכאויס אלע דורות. שפעטער וועלן מיר זען דעם טיפקייט וואס ליגט אין דעם, אז דוקא אום שמחת תורה איז מען פארנומען א גאנצן טאג מיט א 'מנהג ישראל'.

## צוויי באזונדערע ענינים וועלכע מען האט צוזאמגעשטעלט אינאיינעם

דער מנהג פון הקפות איז בעצם א צוזאמשטעל פון 'צוויי' באזונדערע ענינים,

**דער ערשטער ענין:** 'שמחת התורה' -ווי דער טור זאגט, אז מען פירט זיך צו זאגן און זינגן פיוטים פון 'שבח התורה', מען מאכט א גרויסן קידוש פון 'משתה ושמחה'. און פון דעם נעמט זיך אויך דער ענין פון 'ריקודין', זיך צו פרייען מיט די תורה. און דאס דארף נישט זיין דוקא ארום די בימה, נאר עס קען זיין סתם טענץ אזויווי מען טאנצט ביי א חתונה וכדומה.

**מב.** סיפרו לי כמה תלמידים ששמעו מרבינו בעהמח"ס קדושת יר"ט, בימים אחרונים של סוכות שאמר, **"כשאדם מגביה רגל אחת לרקוד בשמחת תורה בזה מתקן אדם יותר ממה שעשה מר"ה עד אחר הימים טובים"** (צדיק כתמר יפרח, בד"ה וגם, דף י"ב)

**דער צווייטער ענין:** 'להקיף הבימה' - וואס דאס דארף בכלל נישט זיין אויפן אופן פון 'טאנצן', נאר סתם ארומגיין די בימה מיטן ספר תורה אין דער האנט. און שפעטער האט מען צוזאמגעשטעלט דיביידע מנהגים אינאיינעם, אז מען דרייט זיך ארום די בימה מיט די ספרי תורה אין דער האנט, אבער נישט מען שפאצירט סתם ארום, נאר מען טאנצט מיט א געוואלדיגע שמחה. און דאס איז דער מנהג ביי גאנץ כלל ישראל, אלע קרייזן און שיכטן, איבעראל איז איינגעפירט אין דעם טאג צו טאנצן מיט ספרי תורה ארום די בימה.

לאמיר צוטיילן די צוויי ענינים, און רעדן קודם וועגן דעם חלק וואס מען טאנצט 'ריקודין של שמחה', און שפעטער (פרק ו') וועט מען רעדן וועגן דעם חלק פון 'מקיפין הבימה'.

## אז מען ווייסט פארוואס מען טאנצט – טאנצט זיך אנדערש

מען האט פריער געפרעגט א שאלה: מה היום מיומיים, פארוואס פונקט היינט הערשט אזא גרויסע שמחה ביי כלל ישראל, אז ממש מען טאנצט פאר שמחה? אויף דעם איז פאראן קודם כל דער פשטות'דיגער ענין און טעם אויפן ענין פון 'שמחת התורה'. און דערנאך איז פאראן מער א פנימיות'דיגער ענין - וואס מען טרעפט אין די חסיד'ישע ספרים. **ווי פארשטענדליך, איז דאס נישט בלויז א טעם 'פארוואס' מען טאנצט, נאר דאס דארף זיין די כונה 'מיט וואס' מען טאנצט! מען קען דאך נישט זיין פריילירך אָן וויסן 'מיט וואס' צו זיין פריילירך. און דערפאר איז זייער וויכטיג זיך צו צוגרייטן פון פריער און גוט אפלערנען וואס די שמחה איז.**

> **ווי פארשטענדליך, איז דאס נישט בלויז א טעם 'פארוואס' מען טאנצט, נאר דאס דארף זיין די כונה 'מיט וואס' מען טאנצט! מען קען דאך נישט זיין פריילירך אָן וויסן 'מיט וואס' צו זיין פריילירך.**

# מען פריידט זיך מיטן 'סיום התורה'

## א שמחה צוליב דעם 'סיום כל התורה כולה'

**דער פשטות'דיגער טעם:** שטייט אין טור (או"ח סי' תרס"ט): **"וקורין אותו 'שמחת תורה' לפי שמסיימין בו התורה וראוי לשמוח בסיומה וכו' ועושין משתה ושמחה ויום טוב לסיומה של תורה ולהתחלתה"**- וויבאלד מען ענדיגט אין דעם טאג צו ליינען די גאנצע תורה(מג)- וואס יעדן שבת ליינט מען א אנדערע פרשה, און שמחת תורה איז דער טאג וואס מען ענדיגט "וזאת הברכה", און דערפאר איז מען אזוי פרייליך מיט דער שמחה פונעם סיום. אין זוהר הק' שטייט אויך דער נקודה, אז די שמחה איז מיט דער תורה; ווי ער זאגט דארט (פרשת פנחס רעיא מהימנא ח"ג רנו:):**"ונוהגין ישראל למעבד עמה חדוא ואתקריאת שמחת תורה"**- אין דעם טאג פרייען זיך אידישע קינדער מיט דער תורה. און דער אר"י הק' שרייבט, אז די כונה פונעם זוהר איז, ארויסצונעמען די ספרי תורה פון ארון הקודש און טאנצן דערמיט. אזוי אויך טרעפט מען שוין דעם מנהג פון טאנצן מיטן ספר תורה - אין נאמען פון רב האי גאון.

## וואס האט א 'סיום התורה' מיט 'שמיני עצרת'?

**לכאורה קען מען פרעגן:** הא גופא, פארוואס האבן חז"ל אויסגעשטעלט אזא סארט סדר, אז דייקא שמיני עצרת זאל מען ענדיגן ליינען די תורה?! פארוואס האבן זיי נישט אויסגעשטעלט אז ערב ראש השנה - ווען דאס יאר ענדיגט זיך - זאל מען דעמאלט ענדיגן ליינען דעם גאנצן ספר תורה, און באלד אום 'ראש השנה' זאל מען אנהייבן נאכאמאל פון 'בראשית'?!

**מג.** "לעיני כל ישראל", בגימטריא 'עצרת' מיטן כולל (זרע קודש).

## זאת נחמתי בעניי כי אמרתך חייתני

איידער מען פארענטפערט דאס על פי חסידות - מוז מען קודם אויסשמועסן דעם פשוט'ן הסבר: דער טאג פון שמיני עצרת איז דאך אוועקגעשטעלט אויף דעם 'קשה עלי פרידתכם', וואס אידישע קינדער שפירן א געוואלדיגע בענקשאפט צום אויבערשטן, אז מען גייט שוין ארויס פון די ליכטיגע ימים טובים פונעם חודש תשרי, און אידישע הערצער ברומען מיט געגועים: "וויאזוי וועלן מיר האבן חיות אין אזא לאנגע ווינטער?". און דער איינציגסטער ענטפער און טרייסט דערצו איז די הייליגע תורה, וואס דורך איר קען מען זיין מקושר און דבוק צום אויבערשטן סיי ווען אימער. און דערפאר האט מען דייקא מסדר געווען צו ענדיגן אין דעם טאג דעם 'קריאת התורה', און דערביי אפרעכטן א גרויסע 'שמחת התורה', זיין פרייליך און טאנצן מיט די שמחה פון דער תורה, וואס כידוע, אז דורך 'שמחה' מיט א זאך - ווערט מען מקושר צו דער זאך, און דורכדעם גייען מיר ארויס פון דעם טאג מיט א געוואלדיגן דביקות און קשר צו די תורה הקדושה, און דורכדעם קענען מיר בלייבן מקושר צום אויבערשטן א גאנץ יאר - אפילו נאכן געזעגענען - דורכן עוסק זיין אין דער תרה הקדושה.

## אלע קישוטי כלה ווערן יעצט געענדיגט בשלימות

דאס איז אלעס על פי פשטות, אבער על פי פנימיות - ווערט ערקלערט דער תירוץ אויף דעם אין רמ"ק - געבויעט אויף דאס וואס שטייט אין זוהר הק' (פרשת ויקהל), אז יעדן שבת, נאכן ליינען די פרשה פון דער וואך - גייט יענע פרשה ארויף אין הימל און עס ווערט דערפון א 'כתר', א קרוין פארן אויבערשטן כביכול און פאר די שכינה הק'. **און שמחת תורה, ווען מען ענדיגט ליינען די גאנצע תורה -ווערט דערפון א כלליות'דיגער' כתר', וועלכער איז ווי דער קרוין פון אלע קרוינען, און דערפאר ווערט דעמאלט א גרויסע שמחה אין הימל.**

### דער 'קריאת התורה' פון א גאנץ יאר איז דער גרעסטער 'קישוט' פאר די שכינה הק'

לויט דעם זוהר - איז דער רמ"ק זייער שיין מסביר דעם שייכות צווישן דעם 'סיום התורה' מיטן ענין פונעם 'יחודא שלים' וואס עס טוט אפ אין דעם טאג, ווייל לצורך היחוד פעלט זיך אויס די 'קישוטי כלה', אז די שכינה הק' זאל זיין מקושט מיט א כתר. און דערפאר **האבן חז"ל דייקא אויסגעשטעלט אזוי, אז די אלע 'קישוטי השכינה' וועלכע בויען זיך א גאנץ יאר ביי 'קריאת התורה'- זאל נגמר ווערן אין דעם טאג פון שמחת תורה, כדי אז דורכדעם זאל די שכינה -וואס זי איז דער שורש פון 'נשמת ישראל'- ווערן גרייט צו דעם גרויסן יחוד פון דעם טאג! דורך דעם ווערן מיר אינגאנצן ראוי צו דעם גרויסן התקרבות פון דעם טאג!** קומט אויס, אז די שמחה פון 'גומרה של תורה' איז נישט קיין זאך פאר זיך, נאר עס איז א חלק פון דער שמחה פון 'יחודא שלים'. מיר פרייען זיך מיטן 'סיום' וואס דאס איז אונזער הכנה צום יחוד מיטן אויבערשטן.(מד)

## כלל ישראל און דער רבוש"ע כביכול טאנצן איינער מיטן אנדערן

### שמחו בה' - מען פריידט זיך מיטן אויבערשטן אליינס

**דער פנימיות'דיגער טעם:** עס שטייט אויף עטליכע פלעצער אין זוהר הק', אז דאס איז נישט בלויז א שמחה וואס מיר פרייען זיך מיטן

---

**יעדן שבת ביים ליינען מאכט מען א הכנה אויף שמחת תורה**

**מד. דרך אגב:** אז מען טראכט אריין אין די ווערטער פון דעם זוהר הק' - קומט אויס א מורא'דיגע זאך, אז יעדע וואך שבת צופרי - בשעת ווען מען ליינט די תורה הק' - גרייט מען זיך שוין דעמאלט צום טאג פון שמיני עצרת, וואס אידישע קינדער וועלן זוכה זיין צו דעם גרויסן קירוב פון 'יחודא שלים'.

'סיום התורה', נאר אין דעם טאג איז דא אן עצמ'דיגע שמחה צווישן אונז מיטן אויבערשטן. דער לשון הזוהר איז (ויחי ח"א רכא. אמור ח"ג ק"ד:) **"אנא ואתון נחדי יומא חד וכו' הדא הוא דכתיב ביום השמיני עצרת תהיה לכם"**- דער רבונו של עולם זאגט פאר אידישע קינדער, "לאמיר זיך פרייען איין טאג, איך מיט ענק כביכול!". אין א צווייטן פלאץ זאגט דער זוה"ק (פנחס ח"ג רנט.): **"ודא איהו עצרת וכו' למחדי אתון במאריכון ואיהו בהדייכו, ועל דא כתיב שמחו בה' וגילו צדיקים"**-שמיני עצרת איז א טאג וואס איז מיוחד, אז אידישע קינדער זאלן זיך פרייען מיטן אויבערשטן און דער אויבערשטער מיט אידן. אויך שטייט אין זוה"ק (נח ח"א סד.): **"ועל ההוא יומא כתיב דודי לי ואני לו"** -אויפן טאג פון שמיני עצרת זאגט דער פסוק 'דודי לי' - דער אויבערשטער פריידט זיך מיט מיר, 'ואני לו' - און איך פריי זיך מיט אים. און אין אלע חסיד'ישע ספרים ווערט בעיקר ארומגערעדט פון אט דער שמחה.

כאטש וואס דער גאנצער סוכות איז אויך געווען א יום טוב פון 'שמחה' וואס אידן פרייען זיך מיטן אויבערשטן; ווי עס שטייט (ויקרא כג, מ): **"וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים"**, דאך איז פאראן א ריזיגער חילוק צווישן סוכות ביז שמיני עצרת. ווייל סוכות איז בלויז א שמחה פון אונזער זייט, וואס מיר פרייען זיך מיט אונזער חלק אז מיר האבן אזא נאנטע שייכות צום אויבערשטן; ווי דער פסוק איז מדייק: **"לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם"** - מיר פרייען זיך פארנט פונעם אויבערשטן. אבער שמיני עצרת איז דאס א שמחה פוןביידע זייטן! עס איז **נישט 'לפני' נאר 'עִם'**! מיר פרייען זיך צוזאמען מיטן אויבערשטן! און ווי דער לשון המדרש: **"אני ואתם נשמח ביחד"** - דער אויבערשטער איז זיך זעלבסט כולל אין דער שמחה, אז ער טאנצט און

**סוכות איז בלויז א שמחה פון אונזער זייט, וואס מיר פרייען זיך מיט אונזער חלק אז מיר האבן אזא נאנטע שייכות צום אויבערשטן; "לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם" אבער שמיני עצרת איז דאס א שמחה פוןביידע זייטן! עס איז נישט 'לפני' נאר 'עִם'! מיר פרייען זיך צוזאמען מיטן אויבערשטן! ווי דער לשון המדרש: "אני ואתם נשמח ביחד"**

פריידט זיך מיט אונז! און דאס איז מעורר אויך ביי אונז אסאך א גרעסערע שמחה ווי אום סוכות.

## עצם בעצם נפגשו - דער עצם איד פריידט זיך מיטן 'עצם התורה'

לכאורה איז מוכרח אפילו בפשטות אנצוקומען צו דעם טעם וואס מען רעדט יעצט, אז די ריקודין זענען צוליב די שמחה מיטן אויבערשטן, ווייל אויב וואלט די שמחה געווען בלויז מיטן 'סיום התורה' - וואלט מען געדארפט קודם ענדיגן ליינען ביז נאך 'וזאת הברכה', און ערשט נאכדעם זאל מען טאנצן?! פארוואס טאנצט מען שמחת תורה ביינאכט, און אויך שמחת תורה אינדערפרי - נאך איידער מען האט געענדיגט ליינען 'חתן תורה'?! אלא מאי מוז זיין, אז דער עיקר טעם אויף די שמחה פון דעם טאג - איז דאס וואס מיר פרייען זיך צוזאמען מיטן אויבערשטן אליינס. נאר דער ענין וואס די גאונים האבן מסדר געווען צו מסיים זיין די תורה אין דעם טאג איז, כדי אז דאס זאל אויך צוהעלפן אנצוקומען צו דער עיקר נקודה פון די שמחה! דורך די שמחה פון 'סיום התורה' - זאלן מיר נתעורר ווערן צו די ריכטיגע שמחה, זיך צו פרייען מיטן 'נותן התורה'! און דערפאר טאנצט מען **דייקא מיט א 'צוגעמאכטע' ספר תורה, צו ווייזן אז דער עיקר שמחה דא איז נישט מיט קיין 'סיום' וואס מיר האבן דא געמאכט, אדער מיט א געוויסע מצוה פון דער תורה וואס מיר האבן מקיים געווען, נאר דא קומט פאר א שמחה צווישן דעם 'עצם התורה' - וואס דאס איז דער אויבערשטער, מיטן 'עצם איד' - וואס זיי פרייען זיך צוזאמען.**

> **דער עיקר שמחה דא איז נישט מיט קיין 'סיום' וואס מיר האבן דא געמאכט, אדער מיט א געוויסע מצוה פון דער תורה וואס מיר האבן מקיים געווען, נאר דא קומט פאר א שמחה צווישן דעם 'עצם התורה' - וואס דאס איז דער אויבערשטער, מיטן 'עצם איד' - וואס זיי פרייען זיך צוזאמען**

### א שמחה פון ביידע צדדים: ער מיט אונז און אונז מיט אים

מיר גלייבן באמונה שלימה אין יעדעס ווארט וואס דער זוהר הק' זאגט, אז דאס אלעס איז בלי גוזמא. דער זוהר הק' זאגט דאך מורא'דיגע ווערטער: **"אנא ואתון נשמח ביחד"**- 'ביחד' מיינט נישט, אז יעדער פריידט זיך פאר א צווייטע סיבה, נאר עס געשעט אין דער זעלבער צייט, 'ביחד' מיינט, אז מען פריידט זיך איינער מיטן אנדערן, אידן פרייען זיך אז זיי האבן אזא גוטער באשעפער, און דער רבונו של עולם פריידט זיך אז ער האט אזא גוטע כלל ישראל. קומט אויס, אז עס איז דא צוויי חלקים אין דער שמחה, איין חלק איז דעם אויבערשטנ'ס שמחה מיט אונז. און דער צווייטער חלק איז אונזער שמחה מיטן אויבערשטן.

## דער ערשטער חלק - ישמח ה' במעשיו:

### ווען אידן זענען ריין – ווערט נתעורר ביי כביכול א שמחה מיט זיינע קינדער

ווען מען שטייט אין אזא טאג ווי שמחת תורה, וואס מען האלט שוין נאך א גאנצע חודש וואס מען האט עוסק אין תשובה, נאך אזעלכע געהויבענע ימים טובים מיט אזויפיל מצוות און מעשים טובים **-זענען אלע אידן אזוי הייליג און ריין, יעדער איד איז אזוי געהויבן און לויטער, און דער 'נקודת היהדות', דאס פינטעלע איד - איז מער הייליג און ריין ווי אלעמאל. יעצט אין אזא טאג, פריידט זיך דער רבונו של עולם מיט אידישע קינדער!** ער פריידט זיך אז ער האט אזא גוט פאלק אויף דער וועלט!

## שמח"ת טאנצט יעדער – נישט בלויז די חסידים ואנשי מעשה

די גמרא זאגט, אז ביי 'שמחת בית השואבה' האבן בלויז די 'חסידים ואנשי מעשה' געטאנצן און גאנץ כלל ישראל איז געשטאנען און צוגעקוקט זייער עבודה. אבער שמחת תורה ביי די הקפות טאנצן אלע אידן! און אפילו מיט די קליינע קינדער מאכט מען א גאנצן עסק ביי די הקפות. ווייל די שמחה אין דעם טאג איז נישט בלויז א שמחה פון צדיקים און געהויבענע אידן, נאר די שמחה איז מיט גאנץ כלל ישראל! דער אויבערשטער פריידט זיך מיט יעדן איד! ווייל יעדער איד איז יעצט אזוי הייליג און ריין! דערפאר, אין דעם טאג ענדיגט מען די קריאה מיט די ווערטער: **"לעיני כל ישראל"** - גאנץ כלל ישראל, אלע אידן זענען טייער און באליבט ביים אויבערשטן.

## פארוואס מיט א 'ספר תורה'?

לויט דעם טעם, אז דער אויבערשטער איז דער וואס טאנצט און פריידט זיך מיט אונז - דארף מען פארשטיין: פארוואס האלט מען א ספר תורה אין דער האנט?! די שמחה דא איז דאך בלויז צווישן דעם אויבערשטן מיט דער איד, נו, וואו קומט דא אריין דער הייליגער ספר תורה?!

## דער רבוש"ע איז איינס מיט די תורה און ער כאפט אונז אָן און טאנצט מיט אונז

דער פשט דערין איז זייער פשוט, ווייל מיר ווייסן דאך, אז 'קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד' - דער אויבערשטער, די תורה און אידן זענען איינס. און דערפאר כאפן מיר אָן דעם ספר תורה און טאנצן ארום דערמיט, צו ווייזן אז דער אויבערשטער - וואס ער איז 'איינס' מיט דער תורה - טאנצט יעצט און פריידט זיך מיט אונז! און אזוי שטייט טאקע אין זוה"ק (פנחס ח"ג ריד:): **"ביומא תמינאה חדוותא דאורייתא**

**הוא"**- שמיני עצרת פריידט זיך די תורה. לערנט דער רמ"ק פשט, אז די תורה הקדושה - וואס דאס איז 'קודשא בריך הוא' - פריידט זיך מיט אונז אידישע קינדער- וואס דאס איז 'שכינה'. און אזוי שטייט אויך אין אר"יהק' (שעה"כ דרוש ט), אז דאס ווארט **'שמחת תורה' מיינט, אז דער אויבערשטער- וואס ער איז די 'תורה'- איז כביכול פרייליך מיט אידישע קינדער. און דאס שפיגלט זיך אפ מיט דעם, וואס דער 'ספר תורה' כאפט אָן אידישע קינדער ביי די הענט און טאנצט מיט זיי.**

**'שמחת תורה' מיינט, אז דער אויבערשטער- וואס ער איז די 'תורה'- איז כביכול פרייליך מיט אידישע קינדער. און דאס שפיגלט זיך אפ מיט דעם, וואס דער 'ספר תורה' כאפט אָן אידישע קינדער ביי די הענט און טאנצט מיט זיי.**

## היינט איז די תורה גאנץ מיט אלע אותיות התורה – אלע נשמות ישראל

דער הייליגער **'מאור עינים'** גייט אריין נאך אביסל טיפער: די ספרים הק' זענען מסביר דעם מושג פון 'אורייתא וישראל חד', אז יעדער איד איז אן 'אות' אין דער תורה, און די תורה איז איינס מיטן רבונו של עולם. אבער ווען אידישע קינדער גייען חלילה אוועק פונעם 'דרך התורה' - ווערט כביכול א פגם אינעם ספר תורה למעלה, אז עס פעלן אותיות, אדער אז געוויסע אותיות זענען פגום און נישט געשריבן בשלימות. און דעמאלט פעלט פון דער שמחה פונעם אויבערשטן מיט כלל ישראל. אבער ווען מען שטייט אין דעם טאג פון שמחת תורה -נאך די גאנצע עבודה פון חודש תשרי, **נאך די 'תשובה מיראה' פון די הייליגע טעג, און נאך די 'תשובה מאהבה' פון די סוכות טעג - זענען אלע אידן הייליג און ריין, אלע אידישע נשמות ווערן נתעלה און קערן זיך צוריק צו זייער 'שורש' און 'אות' אין דער תורה, און דעריבער זענען אלע אותיות התורה צוריק געווארן כשר און גאנץ, און דערפאר טאנצט די תורה**- וואס דאס איז דער אויבערשטער - און ער פריידט זיך מיט זיין פאלק וועלכע איז צוריק איינס מיט אים.און אזוי שטייט

אויך אין מדרש (ילקוט תהלים רמז תרע"ד):**"אימתי תורת ה' תמימה בזמן שהיא משיבת נפש"**-ווען איז די תורה 'תמימה', גאנץ? ווען עס איז 'משיבת נפש'. זאגט דער חסד לאברהם פשט, אז דער מדרש מיינט דא דעם טאג פון 'שמיני עצרת'- וואס דעמאלט איז 'משיבת נפש', דער נפש פון א איד האט שוין אזויפיל תשובה געטון דורכאויס דעם גאנצן חודש אלול און תשרי, און וויבאלד אלע אידישע נשמות זענען צוריק געקומען צום שורש, ווערט טאקע 'תורת ה' תמימה' -די תורה ווערט 'גאנץ' מיט א שלימות.

### יעדער איד איז א קרוין פארן ס"ת

אין זוה"ק (רעיא מהימנא פנחס ח"ג רנו:) שטייט נאכמער: נישט בלויז יעדער איד איז אן 'אות' אין דער ספר תורה - נאר אין דעם טאג ווערט יעדער איד א קרוין פאר דער ספר תורה! יעדע אידישע נשמה איז אין דעם טאג א 'כתר' וועלכע באקרוינט די תורה! קומט אויס, **יעדער איד איז דעמאלט כביכול אין אזא הויכע דרגה, אז די תורה הק' בארימט זיך און איז זיך מתפאר מיט אים!** פונקט ווי א מלך באשיינט זיך מיט זיין קרוין, אזוי באשיינט זיך כביכול דער אויבערשטער מיט יעדן איד!

## דער צווייטער חלק - ישמח ישראל בעושיו:

### ישמח ישראל – אידן פרייען זיך מיטן אויבערשטן

אין דעם טאג ווערט אויפגעוועקט ביי אידישע קינדער א גרויסע שמחה מיטן אויבערשטן, וואס מיר פרייען זיך מיט דעם וואס מיר ווייסן און האבן שייכות מיט אזא גרויסן באשעפער, און דאס ברענגט אונז צו טאנצן און זיין פריילך.

## די שמחה איז צוליב די גילוי האהבה

לכאורה איז שווער, פארוואס דייקא היינט? און בכלל, וואס איז דער מהות פון דער גרויסער שמחה וואס מיר שפירן היינט? דער הסבר הדברים שטייט אין סדר היום:**"הראה הקב"ה ביום זה אהבתו וחבתו שהיתה לו עם ישראל מכל האומות, וכן כתיב עצרת תהיה 'לכם' דוקא, ומטעם זה עושין שמחה יתירה היום הזה אם לתורה, אם לעם ישראל"** - דער אויבערשטער האט היינט געוויזן, אז ער האט ליב דעם אידישן פאלק מער ווי אלע פעלקער, און דערפאר מאכן מיר א ספעציעלע שמחה היינט.

## די שמחה ווען אן אדם חשוב האלט פון מיר און פריידט זיך צו מיר

דאס הייסט, די שמחה וואס מיר פרייען זיך מיטן אויבערשטן איז נישט בלויז מיט דעם עצם מציאות וואס מיר ווייסן פון אים, נאר דאס גייט נאך טיפער: די שמחה איז געבויעט אויפן גאנצן ענין פון 'יחודא שלים' וואס מען האט פריער ארומגערעדט (פרק ב'), וואס מיר גלייבן און ווייסן, אז אין דעם טאג איז דער רבונו של עולם מגלה א מורא'דיגע ליבשאפט צו אידישע קינדער. און בפרט איז עס געבויעט אויף דער שמחה וואס מיר גלייבן אז דער אויבערשטער פריידט זיך מיט אונז מיט א מורא'דיגע שמחה. ווייל די טבע פון א מענטש איז, אז ווען ער זעט ווי יענער פריידט זיך גאר שטארק צו אים - ווערט ער פרייליך פון דעם אליינס. בפרט, טאמער יענער איז אן 'אדם חשוב', **ער איז אסאך א העכערע דרגא פון מיר, און דאך פריידט ער זיך צו מיר - מאכט עס מיר זייער גוט פילן און עס מאכט מיר גאר פרייליך. כל שכן וכל שכן, ווען דער מלך מלכי המלכים הקב"ה זאגט, אז ער פריידט זיך מיט מיר - איז דאך נישטא קיין גבול צו מיין שמחה!** און אט דער 'גילוי השמחה' פונעם אויבערשטן מיט אידן - וואס שפילט זיך אפ שמחת תורה - אט דאס ברענגט אריין אין אונזערע נשמות די משונה'דיגע שמחה, מיר האבן הנאה אז דער אויבערשטער וויל אונז אזוי שטארק.

ואע"ג דאיהו לא חזי מזליה חזי, די דאזיגע שמחה קומט אראפ ביזן גוף, און יעדער איד שפירט עס ביי זיך.

## די שמחה יתירה פון מכל העמים – 'נישט דעם גוי' נאר 'בלויז דעם איד'

דער סדר היום איז מדגיש: **'אהבתו וחבתו שהיתה לו עם ישראל מכל האומות'**- מען פריידט זיך מיט דער 'אהבה' וואס דער אויבערשטער האט צו אונז און 'נישט' צו די אומות העולם. דאס איז די נקודה פון 'יחוד', וואס מיר זענען 'אליינס' מיטן אויבערשטן כביכול. און אזוי שטייט אויך אין זוה"ק (צו ח"ג לב.):**"דהא ליומא אחרא זמינין לאשתעשעא במלכא, ובההוא חדוותא לא משתכחי במלכא אלא ישראל בלחודייהו"**- שמיני עצרת איז א טאג וואס אידן זיצן און פארברענגען כביכול מיטן אויבערשטן, און דעמאלט געפונט זיך נישט קיינער ביים מלך, נאר אידן אליין פריוואט מיטן רבונו של עולם. און דאס איז גורם נאך א גרעסערע שמחה ביי א איד, אז נישט בלויז דער אויבערשטער האט מיר ליב און ער פריידט זיך מיט מיר, נאר ער האט מיר אויסגעוועלט פון די גאנצע וועלט, און 'בלויז' מיר וויל ער! 'בלויז' מיט מיר פריידט ער זיך! 'בלויז' מיט מיר פארברענגט ער כביכול! און דאס איז דער שפיץ פון שמחה פון א גאנץ יאר.

לויט דעם מהלך ווערט שווער די זעלבע שאלה ווי פריער: פארוואס טאנצט מען מיט דעם 'ספר תורה'?! מען פריידט זיך דאך דא מיטן אויבערשטן אליינס?!

## די תורה איז א לבוש וואו כביכול איז נתלבש

**נאר דער פשט איז:** דער ספר תורה איז דער חפץ מיט וואס דער רבונו של עולם איז זיך כביכול מגלה אויף דער וועלט; ווי דער מדרש זאגט (שמו"ר לג א):**"אמר הקב"ה לישראל, מכרתי לכם תורתי, כביכול**

**נמכרתי עמה"**- דער אויבערשטער האט זיך ווי פארקויפט פאר אידישע קינדער דורכן געבן זיין תורה - וואס דארט איז ער מגלה זיין רצון. און ווי דער תניא ברענגט דאס ארויס אין שארפע ווערטער (ליקוטי אמרים פרק ד): **"הקב"ה בכבודו ובעצמו לית מחשבה תפיסה ביה כלל, כי אם כאשר תפיסה ומתלבשת בתורה ומצותיה, אזי היא תפיסה בהן, ומתלבשת בהקב"ה ממש, דאורייתא וקב"ה חד"**- דער אויבערשטער אליינס בכבודו ובעצמו האט זיך מלבש געווען אין די תורה הק'[מה]! און אזוי זאגן חז"ל: **"אנא נפשי כתבית יהבית"** - איך האב אראפגעשריבן אין דער תורה מיין נפש כביכול! און אזוי שטייט אין זוהר הק': **"כל התורה כולה שמותיו של הקב"ה"**- די גאנצע תורה איז 'שמות הקודש'.

## מיר כאפן אָן די תורה און טאנצן מצד אונזער שמחה מיט'ן אויבערשטן

**וועז מען נעמט די תורה און מען פריידט זיך דערמיט, מיינט מען דעם 'נותן התורה' וועלכער האט זיך מלבש געווען אין דער תורה!**

ווען מען נעמט די תורה און מען פריידט זיך דערמיט, מיינט מען נישט דעם 'לבוש' נאר דער וועלכער איז אונטערן לבוש! מען מיינט דא דעם 'נותן התורה' וועלכער האט זיך מלבש געווען אין דער תורה![מו] און פונקט ווי דא אויף דער וועלט, כאפט מען אָן יענעמ'ס הענט

---

**מה.** תניא (פרק ה): "הקב"ה בכבודו ובעצמו לית מחשבה תפיסא ביה כלל כי אם כאשר תפיסא ומתלבשת בתורה ומצוותיה אזי היא תפיסא בהן ומתלבשת בהקב"ה ממש דאורייתא וקב"ה כולא חד ואף שהתורה נתלבשה בדברים תחתונים גשמיים הרי זה כמחבק את המלך דרך משל שאין הפרש במעלת התקרבותו ודביקותו במלך בין מחבקו כשהוא לבוש לבוש אחד בין שהוא לבוש כמה לבושים מאחר שגוף המלך בתוכם וכן אם המלך מחבקו בזרועו גם שהיא מלובשת תוך מלבושיו כמ"ש וימינו תחבקני' שהיא התורה שניתנה מימין".

**מו.** ז"ל המדרש (ילקוט שמעוני פנחס רמז תשפ"ב, ועיין שהש"ר פ"א ל"א): "כיון שיצאו שבעת ימי החג אמר הקב"ה לישראל עכשיו אני ואתם נשמח יחד, ואיני מטריח עליכם הרבה אלא פר אחד ואיל אחד. וכיון ששמעו ישראל כך, התחילו מקלסין

און מען טאנצט מיט אים-אזוי **מאכן מיר דא א 'פועל דמיוני', וואס מיר כאפן אָן די הענטלעך פונעם ספר תורה - וועלכע איז די עכסטע זאך אויף דער וועלט וואו דער אויבערשטער האט זיך מלבש געווען, און דורכדעם ברענגען מיר ארויס, אז מיר טאנצן מיטן אויבערשטן כביכול**(מז).

# די שמחה מיט דער תורה - איז א חלק פונעם 'יחודא שלים'

### איז שמחה בה' בלויז א תוצאה פונעם 'יחודא שלים'?

פריער האט מען מסביר געווען, אז די שמחה פון שמחת תורה איז א 'תוצאה' פון דער 'יחודא שלים', וואס מיר פרייען זיך מיט דער אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו אונז. אבער בעומק איז דאס נאך

---

להקב"ה ואומרים זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו. אמר ר' אבין אין אנו יודעין במה לשמוח אם ביום אם בהקב"ה בא שלמה ופירש נגילה ונשמחה בך בהקב"ה".

"אין אנו יודעים אם בו ביום" - כלומר מעין המאורע הנעשה באותו היום ובתשועה הבאה לנו בו, או שעיקר השמחה לפי שהוא מעשה הקב"ה. "עד שבא שלמה ופירש, 'נגילה ונשמחה בך'", אין שמחתנו אף גילת ורנן רק "בך" - כי מעשה ידיך היא. (דרשות המהרי"ט פרשת שמיני דרוש ב').

**מז.** אבל בשמיני עצרת **שההקפות בשביל תועלת ישראל, שהם אחוזים ומושרשים בגוף האילן שהם שמות הוי"ה בעצם, לכן ההקפות של שמיני עצרת הם בספר תורה עצמה** וכו', וזהו שסיים זוהר (ח"א ס"ד ע"א) ביום השמיני עצרת תהיה לכם לכם דייקא ולא לאומות העולם, שאין להם אחיזה בזה החג כלל ועיקר. (מגיד דבריו ליעקב אות דס"ח ד"ה והנה דף צ"ח ע"ב)

טיפער, אז די 'שמחה' איז נישט בלויז א 'תוצאה' פון 'יחודא שלים', נאר אט דאס איז א חלק פונעם 'יחודא שלים'.(מח)

## די שמחה איז א חלק פונעם 'יחודא שלים'

ווייל מען זעט בחוש אויף דער וועלט, אז עס איז פארהאן פארשידענע אופנים וויאזוי צו ווערן דבוק אין א זאך, מען קען ווערן דבוק דורך 'ראיה' - וואס דער מענטש קוקט אויף דער זאך, דורך 'דיבור' - וואס ער רעדט צו דער זאך, דורך 'רצון' - וואס ער וויל די זאך, דורך 'אהבה' - וואס ער האט ליב די זאך, וכדומה. אבער **דער גרעסטער אופן פון דבקות איז, אז דער מענטש האט 'הנאה' און ער 'פריידט' זיך מיט דער זאך, ווייל דעמאלט ווערט ער אינגאנצן איבערגענומען פון דער זאך! דער גאנצער נפש פונעם מענטש ווערט אנגעפילט מיט א חיבור און דביקות צו דער זאך!** דערפאר, וויבאלד שמיני עצרת איז א טאג פון דבקות - וואס דער אויבערשטער איז זיך מדבק אין אונז, און מיר זענען זיך מדבק אינעם אויבערשטן, ביז עס ווערט א 'יחודא שלים' וואס ביידע ווערן כביכול 'איינס' - דערפאר דרוקן מיר אויס דעם דבקות דורך 'שמחה' וואס מיר פרייען זיך מיט אים, וואס דאס איז דער גרעסטער אופן פון 'דבקות'.

> **דער גרעסטער אופן פון דבקות איז, אז דער מענטש האט 'הנאה' און ער 'פריידט' זיך מיט דער זאך, ווייל דעמאלט ווערט ער אינגאנצן איבערגענומען פון דער זאך! דער גאנצער נפש פונעם מענטש ווערט אנגעפילט מיט א חיבור און דביקות צו דער זאך!**

**מח.** וסיים דבריו בזה הלשון: "וכיון שחז"ל קראו ענין התקרבות ב' דברים זה לזה בלשון מקיף, לפי זה י"ל טעם ג' על השם של הקפות, שמשמעותו הוא, **'שעתה' בעת ההקפות מתקרבת כנסת ישראל לאביהם שבשמים, ונעשה יחוד קוב"ה ושכינתיה,** להשפיע לנו כל מיני השפעות טובות דקדושה הן ברוחניות והן בגשמיות עלינו ועל כל ישראל אמן". (אמרי פנחס -שבת ומועדים- אות ר"י ענף י"ד דף קל"ד ע"ב).

# עבודת היום - טאנצן מיטן גאנצן גוף

### היינט צוטאג איז די מצוה פון שמיני עצרת - 'ריקודין'

כאטש וואס מען האט פריער גערעדט, אז שמחת תורה איז א טאג וועלכער האט נישט קיין ספעציעלער מצוה - אנדערש ווי אלע אנדערע ימים טובים - איז אבער דער מנהג ישראל, אז רוב שעות פון שמחת תורה טאנצט מען 'הקפות' - וואס דאס איז געווארן ביי אונז ווי דער 'מצות היום' פון שמחת תורה.

### די גרויסקייט פון 'עבודת ההקפות' אין אלע דורות

די עבודה פון הקפות איז געווען אין אלע דורות זייער פארהייליגט ביי כלל ישראל, און צדיקים האבן מגלה געווען געוואלדיגע הפלגות איבער דעם גרויסן נחת רוח למעלה און איבער די גרויסע 'תיקונים' וועלכע טוען זיך אפ אין אלע עולמות - דורך די עבודה פון 'הקפות'(מט). עד כדי כך, אז צדיקים האבן אזוי שטארק מפליג געווען און געזאגט, אז די עבודה פון הקפות טוט אויף מער ווי מען האט אויפגעטון א גאנצן תשרי מיט אלע מצוות פון דעם חודש(נ). און מען האט געזען ביי צדיקים ווי זיי האבן כפשוטו אריינגעלייגט מורא'דיגע כוחות בגופם הטהור ביי די הקפות(נא), זיי האבן געטאנצן און געשפרינגען מיט אלע

---

**מט.** שמענו מאבותינו זצ"ל בשם הגה"צ מהר"ם מקאסוב זצ"ל, שאמר להחסידים בשעת שמחת ריקודין וזה לשונו: רמסו הקליפות". (עטרת ישועה ר"ה א"י כי דף מ"ה).

**נ.** "סיפרו לי כמה תלמידים ששמעו מרבינו (בעהמח"ס קדושת יו"ט), בימים אחרונים של סוכות שאמר **כשאדם מגביה רגל אחת לרקוד בשמחת תורה בזה מתקן אדם יותר ממה שעשה מר"ה עד אחר הימים טובים**". (צדיק כתמר יפרח בד"ה וגם דף י"ב).

**נא.** "סיפר הנ"ל עם כמה תלמידים מהגה"ק בעל קדושת יום טוב, ששמע שהנוסח מה שנכדיו של בעהמח"ס ישמח משה מרקדים בהקפות של שמחת תורה עד

כוחות און מיט א 'יגיעת הגוף' וואס איז געווען ממש למעלה מדרך הטבע, אזוי אז עס איז געגאנגען פון זיי א שווייס פון גרויס אנשטרענגונג וואס זיי האבן אנגעשטרענגט זייער הייליגן גוף(נב) - ווען דערביי זענען זיי עוסק ברומו של עולם גבוה מעל גבוה, תיקונים אין די העכסטע עולמות, פראווענדיג הויכע עבודות(נג), וואס מיר האבן נישט קיין שום השגה דערין. צדיקים זענען אנגעקומען צו גאר גרויסע

---

כלות בהתלהבות גדול הוא מקובל מזקינו של הגאון בעל יש"מ הגאון רבינו בעל הרמ"א ז"ל שרקד עם הס"ת בהתלהבות עצום וגם זקינו בעל המהרש"א זי"ע רקד עם הס"ת בש"ת בהתלהבות עצום כמעט שנפל לארץ וכן היה אצל הג' בעל יש"מ". (צדיק כתמר יפרח ד"ה וכן דף ד').

**נב.** "וכאשר מצאנו ראינו בהרשימה שרשם לעצמו [מרן הישמח משה] בכתי"ק כתוב שם וז"ל מה שנאמר לי **'בשעת הזיעה'** בשמחת תורה שאקח את נכדי עמי וכן הוי ולא ידענו ולא קבלנו פירוש הדברים". (תהלה למשה ד"ה בליל דף י"א ע"ב).

**"קיין איין טראפן שווייס גייט נישט פארלוירן".**

אזוי אויך איז באקאנט די ווערטער וואס די ספרים ברענגען פונעם אר"י הק', אז 'זיעה של מצוה' וואס מען שוויצט בשעת'ן טון א מצוה, איז א גרויסער תיקון אויף הארבע פגמים, און לויט דעם האט **רביה"ק מסאטמאר זי"ע** איינמאל ביי די הקפות זיך אויסגעדרוקט מיט א געוואלדיגן אויסדרוק איבער די מעלה און תיקון פון שוויצן ביי די הקפות: **"קיין איין טראפן שווייס גייט נישט פארלוירן"**. ווייל יעדעס טראפן שווייס איז א גרויסער תיקון צו פארריכטן דעם פגם הנפש.

**נג.** "בשמ"ע וש"ת עשה בעצמו ההקפות, וגודל השמחה והריקודין בעתים האלו אין די באר, גודל טרחתו של אותו זקן, לרקד ולשמוח כאיש צעיר לימים, ומה נכבד היום הזה בהגלות נגלות מלך ישראל, לעיני עבדי ה' העומדים צפופים לראות ולראות תוארו כמלאך בגודל שמחתו והבערה ללהב יצאה, להלהיב הלבבות בשמחה של מצוה, ומקבלים עליהם עול מלכות שמים זה מזה, עונים בשמחה ואומרים בגילה, שירות ותשבחות למלך מלכי המלכים הקב"ה, וכאשר ספרו הי' אז עיניו פקוחות לראות את כל אשר נעשה, אף את הנשמות מכמה צדיקים וקדושים אשר בגן עדן העליון מנוחתם, ראה אז בהקיץ ונפלאות שמענו מעבודתו הגדולה בעת ההקפות". (תהלה למשה).

מדרגות(נד) און גילוים אינמיטן די הקפות, זיי האבן זוכה געווען צו 'גילוי צדיקים' און צו זען נשמות פון גן עדן; ווי עס איז באקאנט פארשידענע מעשיות דערוועגן. און אסאך צדיקים האבן דעמאלט שטארק גע'שתדל'ט און געארבעט מקרב צו זיין די גאולה. און דער אמת איז, אז אפילו ביי פשוט'ע אידן, האט מען געזען אין אלע דורות, ווי אידן האבן געמאכט א געוואלדיגן עסק פון די הייליגע הקפות, וואס מען האט געטאנצן מיט א פייערדיגן ברען און קאך, מען האט זיך דערהויבן א טפח העכער דער ערד, און עס איז נישט געווען צום דערקענען אז דאס איז דער זעלבער מענטש ווי אינמיטן יאר.

**וואס ליגט אינעם ענין פון 'ריקודים'?! וואס איז דער פנימיות'דיגע עבודה פון 'טאנצן' און זיך צו דערהייבן מיט 'ריקודים'?!**

דארף מען פארשטיין: וואס ליגט אינעם ענין פון 'ריקודים'?! וואס איז דער פנימיות'דיגע עבודה פון 'טאנצן' און זיך צו דערהייבן מיט 'ריקודים'?! אין אנדערע ווערטער: וואס איז דער מהות דערפון - וואס דייקא דאס איז די עבודה וועלכע באלאנגט צו אזא הויכן און פנימיות'דיגן טאג?!

**נד.** "אמרו ז"ל [עי' ע"ז יח] רבי חנינא בן תרדיון נשרף וספר תורה עמו והקיפוהו בחבילי זמורות שלא ישרוף מהרה, רומז אשר **ע"י הקפות שעושין הצדיקים ומתוך דביקות הבורא כמעט נשרף**, אבל ע"י הזמירות שמזמרין ומכין כף אל כף והריקודין אזי חוזרים לאיתנם, וזו **רבי חנינא בן תרדיון ספר תורה בידו היינו הקפות שעושין עם הס"ת שבידו, וכמעט נשרף מחמת דביקות הבורא**, וזו הקיפוהו רומז לסוד הקפות, וזה דייקא והקיפוהו בחבילי זמורות ע"י הזמירות שמזמרין, שלא ישרף במהרה בהדביקות ע"י שמכין כף אל כף ומרקדין ברגלים, על כן י"ד רג"ל מספר זמ"ר, וכמ"ש שהקיפוהו בחבילי זמורות דייקא". (עטרת ישועה ד"ה אמרו דף ע"ד ע"ג).

## דריי וועגן וויאזוי ארויסצוגעבן א מחשבה אדער הרגש פון הארץ און מוח

ווען א מענטש טראכט עפעס אין קאפ, אדער שפירט עפעס אין הארץ - איז עס באהאלטן ביי אים אינעווייניג, און קיינער פונדרויסן ווייסט נישט און האלט נישט מיט וואס ער טראכט און שפירט. אויב אבער דער מענטש וויל ארויסגעבן אינדרויסן - דאס וואס ער שפירט אינעווייניג, איז פארהאן פארשידענע דרגות דערין: א) **'דיבור'** - ער רעדט און איז מסביר מיט דיבורים אלץ וואס ער טראכט אדער שפירט. און ווען דאס האנדלט זיך פון געפילן כלפי דעם אויבערשטן - רופן זיך די דיבורים 'שירות ותשבחות'. ב) **'תנועת הידים'** - ווען א מענטש וויל ארויסגעבן נאך א טיפערן עומק המחשבה, אדער ער וויל נאכמער עפענען זיינע געפילן צו א צווייטן - וועט ער נוצן זיינע הענט זיך ארויסצובריינגען. ער וועט דרייען מיטן פינגער צו מסביר זיין די דקות'דיגע סברא, און ער וועט נוצן זיין גאנצע האנט ארויסצוגעבן א טיפע און איידעלע געפיל פון הארץ. און ווען דאס האנדלט זיך פון געפילן כלפי דעם אויבערשטן - וועט ער ביים דאווענען אויפהייבן די הענט צום אויבערשטן; אין א בחינה פון "ויהי ידיו אמונה", אדער וועט ער פאטשן מיט די הענט ארויסצוגעבן התלהבות(נה), וכדומה. ג) **'תנועת הגוף'** - ווען א מענטש שפירט ווי זיין גאנצע נפש פון אויבן ביז אונטן איז אנגעפילט מיט געפילן וועלכע ער וויל ארויסגעבן צו אנדערע - וועט ער רעדן מיטן גאנצן גוף! ער וועט זיך שאקלען און מאכן מיט די הענט און פוס, כדי ארויסצובריינגען די שטארקע און קאכעדיגע געפילן. דאס הייסט, אז בעצם זענען די געפילן אזוי שטארק און טיף, אז עס איז שוין נישטא גענוג 'דיבורים'(נו) דאס מסביר צו זיין און

---

**נה.** עי' בספה"ק נועם אלימלך פרשת שמיני על הפסוק וישא אהרן את ידיו אל העם.

**נו.** ביי חסידים האט מען געזאגט א טעם פארוואס הושענא רבה ווארפט מען ארויף די 'ערבה' אויפן ארון קודש, ווייל די 'ערבה' איז דאך מרמז אויף די 'שפתים' - ליפן, וואס דאס איז דער 'דיבור'. און מיט דעם וויל מען ארויסברענגען: **ביז**

ארויסברענגען! עס איז אסאך מער פון אלע שירות ותשבחות! און דערפאר מוז ער נוצן אלע אברים כדי דאס איבערצוגעבן פאר יענעם. און ווען דאס האנדלט זיך פון געפילן כלפי דעם אויבערשטן - רופט זיך דאס 'ריקודים', וואס דער מענטש וועט פשוט אונטערשפרינגען ביים דאווענען; ווי די גמרא זאגט (ברכות לא.): **"אדם מניחו בזוית זו ומוצאו בזוית אחרת וכל כך למה מפני כריעות והשתחויות"** - פון גרויס התרגשות בייגט ער זיך און טאנצט אונטער ביים דאווענען, ביז ער קומט אן ביז צום אנדערן עק בית המדרש, ווייל נאר אזוי קען ער ארויסגעבן די געפילן - וועלכע קענען נישט ארייננגיין בלויז אין 'דיבורים'.

**דערפאר נעמען מיר זיך טאנצן מיט אונזער גאנצער גוף! 'ריקודין' איז נישט בלויז מיטן מויל, נישט בלויז מיט די הענט און נישט בלויז מיט די פוס - נאר דער גאנצער גוף פון אויבן ביז אונטן גיבט ארויס די שמחה און די פרייד**

## שמחת תורה איז דער גוף פול מיט שמחה - דערפאר טאנצט מען מיטן גאנצן גוף

מיט דער הקדמה פארשטייט מען, פארוואס דוקא שמחת תורה האט מען אוועקגעשטעלט דעם מנהג ישראל, אז די עבודה באשטייט בעיקר פון טאנצן. ווייל דער גאנצער מהות פון דעם טאג איז, אז מיר קומען אן צו א געוואלדיגע געפיל פון נאנטקייט צום אויבערשטן, וואס דער אויבערשטער כביכול זאגט, אז אים איז שווער זיך צו געזעגענען פון אונז. און פון גרויס שמחה וואס מיר פרייען זיך אז מיר זענען אזוי נאנט און באליבט ביים אויבערשטן -

---

**יעצט זענען מיר געגאנגען מיט 'דיבור', מיר האבן געדאווענט און געשריגן 'הושע נא', אבער פון יעצט און ווייטער זענען שוין די הרגשים אזוי גרויס, אז עס שוין העכער פון 'דיבור'!** מיר קענען עס שוין נישט ארויסגעבן בלויז דורך 'שפתים', נאר מען מוז אנהייבן נוצן דעם גאנצן גוף און טאנצן - כדי ארויסצוגעבן אט די טיפע און שטארקע רגשי קודש.

האבן מיר נישט גענוג דיבורים דאס ארויסצוגעבן און אויסדרוקן צום אויבערשטן! די שמחה פילט אן אונזער גאנצער נפש פון אויבן ביז אונטן! און דערפאר נעמען מיר זיך טאנצן מיט אונזער גאנצער גוף! 'ריקודין' איז נישט בלויז מיטן מויל, נישט בלויז מיט די הענט און נישט בלויז מיט די פוס - נאר דער גאנצער גוף(נז) פון אויבן ביז אונטן גיבט ארויס די שמחה און די פרייד, אז איך בין א איד! איך האב א נשמה וועלכע איז א 'חלק אלוק ממעל'! איך בין א חלק פונעם 'עם הנבחר' - וועמען דער אויבערשטער האט אזוי ליב! איך בין דער איד צו וועמען דער אויבערשטער זאגט פריוואט 'קשה עלי פרידתך' - וואס דאס ווייזט ווי נאנט ער איז צו מיר דורכאויס די גאנצע יאר! אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלינו.

# מען זינגט און גראמט אויס די מעלות פון דער תורה הקדושה

## מען באזינגט די גרויסקייט פון אידישע קינדער, פון די תורה און פונעם אויבערשטן

עס ווערט גע'פסק'נט אין טור און שולחן ערוך סי' תרס"ט, אז איינע פון די הויפט מנהגים פון שמחת תורה, איז דאס וואס מען זאגט פארשידענע פיוטים און ניגונים וועלכע ברענגען ארויס די גרויסקייט

**נז.** "אמר: שמחת ריקודין ביו"ט הוא מדריגה גבוה ממדריגות הגבוהות שיש בתפלה, תפלה מדברים בפה וכשעוזר לו הקב"ה נאמר 'תהלת ה' ידבר פי **ויברך כל בשר שם קדשו' שנכנס בהבשר, וכשהוא במדריגה יותר נאמר כל עצמותי תאמרנה וכו', וכן בריקודין הוא מגביה כל גופו בשמחת יו"ט.** רק כשהתפלה איז גינארט גם זה הוא גינארט, וזאת יכול להיות יותר טוב, וצריכים לשמוח מאד". (בית אהרן אסרו חג פסח).

און טייערקייט פון דער תורה און פון אידן. און אזוי איז דער לשון הטור: "**ומרבין בפיוטים כמו אשר בגלל אבות ויש מקומות שמוצאין כל הספרים ואומרים על כל אחד ואחד פיוט כל מקום לפי מנהגו**". און אזוי פסק'נט אויך דער רמ"א: "**ועוד נהגו במדינות אלו להוציא בשמחת תורה ערבית ושחרית כל ספרי תורה שבהיכל ואומרים זמירות ותשבחות, וכל מקום לפי מנהגו**". און אזוי איז טאקע נהוג עד היום הזה, אז מען זאגט און מען זינגט פארשידענע חרוזים און פיוטים; ווי "**אֵין אַדִּיר כַּה' אֵין בָּרוּךְ כְּבֶן עַמְרָם אֵין גְּדוּלָּה כַּתּוֹרָה אֵין דּוֹרְשֶׁיהָ כְּיִשְׂרָאֵל**", "**נָגִיל וְנָשִׂישׂ בְּזֹאת הַתּוֹרָה, כִּי הִיא לָנוּ עֹז וְאוֹרָה**", "**האדרת והאמונה לחי עולמים**", וכדומה - וואס די אלע חרוזים ברענגען ארויס געוואלדיגע שבחים אויפן אויבערשטן, אויף די תורה און אויף כלל ישראל(נח). דארף מען פארשטיין דעם ענין פון דעם מנהג?

## אויב מען פריידט זיך מיט יענעם – רעדט מען שיין פון יענעם

**דער פשט איז:** איינע פון די אופנים וויאזוי עס ברענגט זיך ארויס די 'שמחה' וואס דער אויבערשטער פריידט זיך מיט אונז און אונז מיט אים - איז דורך 'שבחים' וואס מען זאגט איינער אויפן אנדערן, דער רבונו של עולם לויבט אויס זיין פאלק און זאגט זיי: "**אֵין דּוֹרְשֶׁיהָ כְּיִשְׂרָאֵל**", "**אשריך ישראל מי כמוך עם נושא בה'**", און אידן לויבן אויס דעם אויבערשטן און זאגן אים שירות ותשבחות: "**אֵין אַדִּיר כַּה'**", "**האדרת והאמונה לחי עולמים**", "**אתה שמחת לבנו וכל מאוינו**", און אזוי ווייטער.(נט) און אזוי אויך לויבן אידן אויס די תורה און זאגן: "**אֵין גְּדוּלָּה**

**נח.** אויף למעשה איז נישט איבעראל איינגעפירט דער מנהג צו זינגען אזויפיל פיוטים, און עס איז פארהאן מקומות ווי דער עיקר עסק איז בלויז ארום די הקפות און טאנצן. אבער עס איז פארהאן מקומות וואס דארט מאכט מען יא א גרויסן עסק פון זינגען און זאגן גאר אסאך סארטן פיוטים אויסצולויבן די גרויסקייט פון כלל ישראל און די מעלה פון די תורה.

**נט.** (א דוגמא דערצו שפילט זיך אפ יעדן פרייטאג צונאכט - וואס דעמאלט איז דא אן הארה פון לעתיד

**כַּתּוֹרָה", "נָגִיל וְנָשִׂישׂ בְּזֹאת הַתּוֹרָה, כִּי הִיא לָנוּ עֹז וְאוֹרָה"**, און אזוי ווייטער. ווייל שמיני עצרת איז א טאג וואס איז 'מעין דלעתיד'! א טאג וואס די בריאה איז אויף איר ריכטיגע מדריגה און תכלית בשלימות! וואס דעמאלט פירט זיך די גאנצע הנהגה צווישן דעם רבונו של עולם מיט כלל ישראל אויף אזא אופן, וואס דער אויבערשטער פריידט זיך און טאנצט מיט אונז אידן, און ער רימט זיי און זאגט זיי גוטע ווערטער, און מיר פרייען זיך און טאנצן מיטן אויבערשטן, און מיר לויבן אים אויס מיט שירות ותשבחות.

## די 'שבחים' שאפן א 'התפעלות' און 'יחוד' מיטן אויבערשטנ'ס גרויסקייט און גוטסקייט

**א טריט טיפער:** נישט בלויז זענען 'שבחים' אן ענין פון 'שמחה' איינער מיטן אנדערן - נאר דאס איז ממש דער 'עצם היחוד'! ווייל ווען איינער לויבט אויס דעם צווייטן, ווערט זיין נפש מקושר און פאראייניציגט מיט יענעם! ווי יעדער ווייסט ביי זיך, אז ווען עס דאווענט זיך אים א גוטע דאווענען, און זיין הארץ צוגיסט זיך ביי א 'פסוקי דזמרה' און ביי א 'נשמת' - ווערט זיין גאנצער וועזן 'איבערגענומען' פון א געוואלדיגע 'התפעלות' וואס ער שטוינט און איז פארגאפט פון דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט און גוטסקייט! זיין נפש איז 'אנגעפילט' מיט א טיפע איינדרוק פונעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט! און אט די ידיעה און השגה וואס ער האט דעמאלט - נעמט איבער און פילט אן זיין גאנצע נפש! קומט אויס אז דעמאלט ווערט זיין גאנצער נפש כביכול 'פאראייניגט' מיטן אויבערשטן! וויבאלד זיין גאנצער נפש איז 'פול' מיט די השגה און ידיעה וואס ער איז נתפעל דערפון! און ער קען זיך

לבא, פונעם יום שכולו שבת- וואס מיר זינגען שירות ותשבחות אויסצולויבן דעם אויבערשטן: "מלך אביר, מלך ברוך, גדול" און אזוי ווייטער, ביי אלע זמירות ותשבחות פון שבת קודש, און כביכול דער אויבערשטער לויבט אונז אויס: "אשת חיל מי ימצא, בטח בה לב בעלה, ואת עלית על כולנה, ויהללוה בשערים מעשיה". און שמיני עצרת און שמחת תורה טוט זיך אפ דער ענין פון 'שבחים' אויף גאר א גרויסן פארנעם).

נישט אפטיילן פונעם דביקות און פארקאכטקייט אינעם אויבערשטן! און אט דאס איז ממש דער מהות פון שמיני עצרת, וואס מען איז זיך מתאחד מיטן אויבערשטן. און דערפאר זאגט מען 'שבחים' און 'דיבורי אהבה' צום אויבערשטן, כדי עס זאל איבערנעמען אונזער נפש, און דאס זאל צוהעלפן צום 'יחודא שלים'.

## די שבחים ביי א חתונה גיבט צו שפירן פאר חתן כלה ווי פאסיג דער שידוך איז

**נאך א נקודה:** עס איז פארהאן א כלל אין ספרי קודש 'מבשרי אחזה אלוק', מען קען נוצן דאס וואס טוט זיך אויף דער וועלט אלס משל צו דאס טוט זיך אויבן. ביי א חתונה דא אויף דער וועלט איז איינגעפירט אויסצוגראמען און אויסצורימען די מעלות און שבחים פון דעם 'חתן' און 'כלה'. און דער תכלית דערין איז: ווי מער דער חתן דערהערט זיין גרויסקייט און מעלה, ער אנערקענט אז ער איז א חשוב'ער און טייערער איד, און אזוי אויך, ווי מער די כלה דערהערט איר חשיבות און יקרות - אלץ מער דערהערן זיי ווי גוט זיי זענען פאסיג איינער פארן אנדערן! אז זיי זענען נישט סתם פשוט'ע מענטשן וועמען מען קען סתם צוזאמשטעלן מיט סיי וועמען, נאר זיי זענען חשוב'ע מענטשן וועלכע מוזן האבן דעם ריכטיגן פאסיגן זיווג! און אט דער הכרה וועט זיי ברענגען אוועקצושטעלן דעם קשר מיט א שטארקייט און טיפקייט, און דאס וועט זיין דער יסוד אויף וואס זיי וועלן בויען זייער נייע שטוב לאורך ימים ושנים.

## די שבחים אויף כלל ישראל ברענגט אונז אריין אביסל א נענטערע הרגש צום יחוד

דער זעלבער געדאנק טוט זיך אפ אין שמיני עצרת. היות אז אין דעם טאג פראוועט מען א שמחה מיט דעם 'יחודא שלים' צווישן אידן און דעם אויבערשטן כביכול, און א גאנצן טאג קאכט מען אריין אין

דעם יחוד - דערפאר זינגט מען און מען זאגט אסאך פיוטים וועלכע בארימען און באזינגען די כלה קרואה בנעימה - כנסת ישראל. און די אלע פיוטים באציען זיך נישט צו די 'מעלות מצד מעשים' וואס אידן טוען, נאר בלויז צו די 'מעלות מצד עצם קדושת ישראל'! דאס זענען מעלות וואס מיר וואלטן נישט אליינס געקענט זאגן אויף אונז, נאר דאס זאגט דער אויבערשטער אויף אונז! ער רימט אונז אויס אויף אונזער געוואלדיגע חן וואס מיר האבן ביי אים! און ווי מער מיר זאגן עס ארויס מיט אונזער מויל - אנערקענען מיר אונזער גרויסקייט און טייערקייט ביים אויבערשטן, און דורכדעם ווערן מיר דערנענטערט צו די אמונה אז דער אויבערשטער זעט אונז אלס פאסיגער שידוך פאר אים כביכול! כאטש וואס מיר פארשטייען נישט פארוואס און פארוועו, אבער דאס איז דער מציאות אז דער אויבערשטער רימט אונז אויס און האלט אונז זייער חשוב און טייער! ער האלט אונז אלס 'חלק אלוק ממעל ממש' - אפילו אויב מיר שפירן דאס נישט! און דורכדעם קומען מיר צום 'יחודא שלים' מיט אמונה שלימה און מיט גרייטקייט צו בויען א טיפן און שטארקן קשר.

## אויך אין הימל לויבט מען אונז אויס היינט

עס שטייט פון צדיקים[ס], אז נישט בלויז דא אין אונזער וועלט

**ס.** "דער בעל התניא האט דערציילט אז דעם ערשטן מאל וואס דער בעל שם טוב האט גערעדט מיט זיינע תלמידים וועגן שמחת תורה, האט ער זיי דערציילט שמחת תורה בכלל פארשלאפן אידן, שבת ויו"ט בכלל איז דער זמן התפלה שפעטער ווי בחול, ובפרט שמחת תורה פארשלאפט מען אביסל צוליב די הקפות און סעודת יו"ט. מלאכים אבער האבן ניט די עבודה, שטייען זיי אויף שמחת תורה אזוי פריה ווי אלע מאל זיי ווילן זאגן שירה, אבער אהן נשמות קאנען זיי ניט, כמש"כ [איוב ל"ח ז] ברן יחד כוכבי בקר [ראה חולין צ"א ב] זיינען זיי אוועק אויפראמען דעם גן עדן. מיט אמאל געפינען זיי זאכן וואס זיי ווייסן גארניט וואס דאס איז פאדמיאטקעס, פאנטאפל. האבן זיי זיך שטארק פארוואונדערט, זיי זענען געוואוינט צו געפינען אין גן עדן ציצית, תפילין, אבער

זינגט מען פיוטים היינט - נאר אויך אין הימל טוט זיך א געוואלדיגער רעש און געפילדער! עס טוט זיך דארט א מצב פון אויסרימען און אויסלויבן(סא) דעם כלל ישראל! דער אויבערשטער בארימט זיך פאר זיין פמליא של מעלה(סב) מיט יעדן איד עקסטער און מיטן גאנצן כלל

---

פאנטאפל? זיינען זיי אוועק פרעגן מלאך מיכאל, האט ער זיי געענטפערט, אז דאס איז 'זיין' סחורה, **און האט זיי מסביר געווען אז דאס איז פון די אידישע ריקודים מיט דער תורה. און האט אנגעהויבן ציילן די פאנטאפל, די זיינען פון קאמינקע און די זיינען פון מעזריטש וכו', און דערמיט האט זיך מלאך מיכאל מתגאה געווען אויפן מלאך מט"ט, וואס ער איז קושר כתרים לקונו מתפלות של ישראל,** [ זוהר ח"א ל"ז ב] **און ער מלאך מיכאל וועט מאכן א בעסערן כתר פון שמח"ת טענץ צעריסענע פאנטאפל.** (ספר השיחות תש"א אות ט' דף ל"א).

**סא.** "בשמחת תורה שהי' קביעתו ביום ד' לשבוע בעת הקידוש, אמר הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק מוהרש"ב מליבאוויטש: הערט אידן היינט איז מיטוואך ניט אלע מיטוואך קאן מען דאס זאגן, **היינט איז שמחת תורה, די תורה פרייד זיך מיט אידן, אידן פרייען זיך מיט דער תורה, דער אויבערשטער פרייד זיך מיטביידן,** איז אין א זמן פון אזא עת רצון, און אזא חדוה מעג מען זאגן א שטארקןווארט אויך וכו' וכו'. אבער שמחת תורה איז ניטא קיין שטן אלע מלאכי מעלה מליצי יושר רייצן זיך מיט איהם, זעה וואס פאר א שלעכטס דו ביזט, אויף אזעלכע טייערע אומה ווי די אידן וואס קומען מיט ווייב און קינדער אין די בית כנסיות ובתי מדרשות, פרייען זיך מיט דער הייליגער תורה, האסט דו אויף זיי געזוכט קטרוגים, און דו ביסט אויף זיי מלשין, **אלע ווילע ברייגען די מלאכים ידיעות פון די שוהלן, וואס אידן טאנצן מיט די ספרי תורה, און די קליינע קינדער קושן די תורה, וואס פון דעם איז א גרויסע חדוה למעלה, און אלע מלאכים לאכן פון דעם מקטרג אפ, ביז ער בעהאלט זיך פון גרויס חרפה,** איז שמחת תורה מעג מען זאגן א שטארקן ווארט וכו'". (תורת שלום, תרס"ה ד"ה בשמחת, דף נ"ג ע"א).

> **אלע ווילע ברייגען די מלאכים ידיעות פון די שוהלן, וואס אידן טאנצן מיט די ספרי תורה, און די קליינע קינדער קושן די תורה, וואס פון דעם איז א גרויסע חדוה למעלה, און אלע מלאכים לאכן פון דעם מקטרג אפ**

**סב.** "אדמו"ר זצוק"ל היה לובש את הקאפיטא הלבן עם החגורה והמנצפת הלבנה אל ההקפות, כמו שהיה לובש ביום הכיפורים ובליל פסח, ואמר כי ביוה"כ אנחנו מתאמצים להתעלות ולהשתוות להמלאכים, שנוכל לעמוד עמהם מעורבב

ישראל אינאיינעם, און ער זאגט זיי: "גיבט א קוק וואספארא פאלק איך האב אויף דער אונטערשטער וועלט(סג), וואס זיי זענען זיך אזוי מוסר נפש אויף קיום תורה ומצוות! כאטש זיי ליידן אזויפיל פאר אידישקייט - דאך פרייען זיי זיך היינט אז זיי זענען אידן! גיבט א קוק אן דארט יענעם אידל, וואס ער גייט דורך אזויפיל נסיונות פונעם יצר הרע, און דאך איז ער עומד בנסיון! גיבט א קוק אויף דעם אנדערן אידל, וואס ער לאזט זיך נישט מיטשלעפן מיטן שוואונג פון דער היינטיגער וועלט, נאר ער דינט דעם אויבערשטן און דערהאלט זיך ביי אידישקייט מיט מסירת נפש! גיב א קוק אן דארט יענעם אידל, וואס זיין הארץ איז אים פארמאכט - ווי גרויס דאס יאר איז, ער שפירט גארנישט קיין חיות אין לערנען און דאווענען, און דאך האלט ער ווייטער אן זיינע שיעורי תורה און דאווענט נאכאלץ אלע דריי תפלות יעדן טאג!".

> **דער אויבערשטער בארימט זיך פאר זיין פמליא של מעלה מיט יעדן איד עקסטער און מיטן גאנצן כלל ישראל אינאיינעם, גיב א קוק אן דארט יענעם אידל, וואס זיין הארץ איז אים פארמאכט – ווי גרויס דאס יאר איז, ער שפירט גארנישט קיין חיות אין לערנען און דאווענען, און דאך האלט ער ווייטער אן זיינע שיעורי תורה און דאווענט נאכאלץ אלע דריי תפלות יעדן טאג!".**

## דורך די שבחים קומען די מעלות ארויף צום אויבערפלאך

דער ענין פארוואס אין הימל לויבט מען אויס יעדן איד - איז אויך מקושר צו דער הכנה

ביחד, וע"כ אנו לובשים לבנים כמו המלאכים, **ובעת ההקפות בא השי"ת וכל פמליא דיליה לעולם הזה, לשמוע ההקפות עם הזמירות והריקודין של ישראל, כמו שבאים בליל פסח לעולם הזה לשמוע ההגדה, כדאיתא בזוה"ק** [ח"ב מ:] וע"כ אנו לובשים לבנים בליל פסח להשתוות אל המלאכים שבאים בבתינו, וכן גם בעת ההקפות שייך טעם זה". (אמרי פנחס שבת ומועדים אות ר"י ענף א' דף קל"ג).

**סג.** "שמחת תורה בגימט' יחודא תתאה שהוא "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", כי ביום זה מגלין כבוד מלכותו בעולם התחתון". (מלבוש לשבת ויו"ט, ד"ה יום, דף ס"ה ע"א).

פונעם 'יחודא שלים'. ווייל דורכדעם וואס מען לויבט אויס יענעמ'ס מעלה - ברענגט מען ארויס יענעמ'ס מעלה פון 'העלם' צו 'גילוי'! די מעלה איז געווען ביי אים פריער אויך, אבער יעצט אז מען האט גערעדט דערפון - שווימט דאס ארויף אויפן אויבערפלאך! זיין 'נקודת העצם' וועלכע איז געווען פארהוילן - איז געווארן אויפגעדעקט! און דערפאר, כדי צו גורם זיין דעם יחוד, וועלכער שטאמט פון דער 'שורש מעלת ישראל' - רעדט מען פון זייער שיינקייט און שבח, און דורכדעם ווערט נתגלה זייער שורש הקדושה און דער 'יחוד' ווערט נתחזק און דורכגעפירט מיט א שטארקן און טיפן קשר.

## פונקט ווי מיר קאכן זיך אינעם אויבערשטן – קאכט זיך דער אויבערשטער אין אונז

**קומט אויס:** שמיני עצרת איז פארהאן צוויי זייטן פון דער מטבע. מיר זעען דא איין חלק - וואס דאס איז אונזער חלק - וואס מיר אידישע נשמות קאכן זיך אין דער שמחה מיטן אויבערשטן! מיר זענען מקיים דעם 'נגילה ונשמחה בך' - מיר פרייען זיך מיטן אויבערשטנ'ס נאנטקייט צו אונז! מיר פרייען זיך אז ער האט אונז אויסגעוועלט און גענומען צו זיך! מיר פרייען זיך אז ער האט אריינגעלייגט אין אונז א געטליכע נשמה חלק אלוק ממעל ממש! מיר פרייען זיך אז ער האט אונז געגעבן די תורה לנצח נצחים! אבער אין הימל טוט זיך אפ אן אנדערער זייט פון דער מטבע, דארט קאכט זיך דער אויבערשטער כביכול אין דער שמחה מיט אידישע קינדער! דארט פריידט זיך דער אויבערשטער מיט דער נאנטקייט וואס אידישע קינדער ווייזן אים ארויס אין גלות! דארט באוואונדערט דער אויבערשטער די דורות פון 'עקבתא דמשיחא' וועלכע האלטן זיך ביי אידישקייט - טראץ אלע שוועריקייטן! אלע נשמות הצדיקים הקודמים שטייען און זענען נתפעל פון אונז[סד] - וועלכע מסירת נפש מיר שטעלן צו הייניגע

סד. "וזהו דכתיב והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה, כי משה

צייטן! און אט דאס איז זענען די הקפות וואס מען טאנצט אין הימל מיט דער שמחה וואס דער אויבערשטער פריידט זיך מיט זיין פאלק בכלליות און מיט יעדן איד באזונדער. אני ואתה נשמח ביחד.

## וואס טראכט מען אזויפיל שעות וואס מען טאנצט הקפות?

**סך הכל:** די אלע שעות ארוכות וואס מען טאנצט הקפות, און א מענטש זוכט עפעס 'חומר למחשבה' וואס אינזין צו האבן און טראכטן בשעת מעשה - קען ער ארייננגיין אין פיר סארט מחשבות, און יעדער מענטש קען זיך דאס מער פארברייטערן לויט זיין אייגענעם הרגש שבלב. די פיר מחשבות זענען: **א)** איך בין פרייליך אז היינט בין איך זוכה צו מאכן א **סיום אויף די תורה הקדושה** וואס איך הער אויס יעדע וואך בים ליינען, וואס דערפון איז געווארן **קישוטין און כתרים פאר די שכינה הקדושה**, און היינט ווערט דערפון א 'כתר כללי' וועלכע שאפט א געוואלדיגן נחת רוח למעלה! היינט איז **מיין אות אין דער תורה הקדושה** געווארן

**וראה שיהיה דור בעקבות משיחא שלא יהיה בהם השגת אלקית, רק יהיה קיום המצוות בפועל ממש, וגם זה יהיה במסירת נפש שיהיו כמה מניעות ועיכובים בגוף ונפש, בריבוי העלמות והסתרים, ויעמדו נגד כל מונע ויקיימו המצוות במסירות נפש ובדרך נסיון.**

ראה ספרו של אדם הראשון, וראה שיהיה דור בעקבות משיחא שלא יהיה בהם השגת אלקית, והיינו שההשגה שלהם אינה נחשבת להשגה כלל. ובפרט לגבי השגת משה שאינה נחשבת למאומה, וגם שלא תהיה עבודה אמיתית במוח ולב, **רק יהיה קיום המצוות בפועל ממש, וגם זה יהיה במסירת נפש שיהיו כמה מניעות ועיכובים בגוף ונפש, בריבוי העלמות והסתרים, ויעמדו נגד כל מונע ויקיימו המצוות במסירות נפש ובדרך נסיון**. וראה את נעיצת התחלה שבזה, מבחינת פנימיות ועצמות אין סוף – **היה [משה] בתכלית השפלות בעצמו, מפני היתרון הזה שהם גדולים הרבה ממנו**". (ספר המאמרים להרש"ב תרע"ט עמ' תרע"ט)

׳גאנץ׳ און עס פעלט גארנישט פון דער ספר תורה! **ב)** איך בין זוכה מיטצוהאלטן ווי **דער רבונו של עולם טאנצט און פריידט זיך היינט מיט מיר**, און דאס וואס איך טאנץ און שפרינג, איז כדי אויסצושפילן וויאזוי ער כביכול טאנצט מיט אונז. און דערפאר האלט איך דעם ספר תורה אין דער האנט, וויבאלד דאס איז דער ׳התגלות׳ פונעם אויבערשטן - וואס ער כביכול כאפט אונז אָן און טאנצט מיט אונז. **ג)** איך בין פרייליך אז איך בין זוכה צו וויסן פון אזא גרויסן באשעפער, און דערפאר פריי איך זיך מיט אים! איך גיב ארויס **מיין דביקות אין אים - דורך מיין שמחה** מיט אים! **ד)** איך בין פרייליך מיט **די ליבשאפט און ׳איינציגקייט׳ צווישן אונז מיטן אויבערשטן**- וועלכע ווערט היינט נתגלה! איך פריי זיך אז דער אויבערשטער פריידט זיך מיט מיר! איך פריי זיך אז **דער אויבערשטער וויל אונזער נאנטקייט**! אז דער אויבערשטער וויל אונזערע מצוות! אז דער אויבערשטער וויל אונזער קשר! און דערפאר כאפ איך אָן די תורה- וועלכע איז מגלה דעם אויבערשטן און דער קשר צווישן אונז - און איך טאנץ דערמיט! און **דורכדעם בין איך מחזק דעם קשר** צווישן אונז, און איך ווער נאכמער דבוק אינעם אויבערשטן.

◆

## נישט אלעמאל פיהלט מען געהויבן

> **א מענטש איז נישט קיין מאשין און קען נישט אנשטעלן זיינע הרגשים צו פיהלן דאס וואס ער וואלט געוואלט פיהלן**

**וויכטיג צו געדענקען:** א מענטש איז נישט קיין מאשין און קען נישט אנשטעלן זיינע הרגשים צו פיהלן דאס וואס ער וואלט געוואלט פיהלן. בפרט אז מען רעדט דא פון אזעלכע סארט באגריפן וואס דער מענטש איז נישט צוגעוואוינט דערצו א גאנץ יאר, אין געווענליכע טעג לעבט א מענטש מיט די פשוט׳ע און למעשה׳דיגע ׳קיום תורה ומצוות׳, און ער קריכט נישט אריין אין אזעלכע

איידעלע השגות פון 'יחודא שלים', 'שמחה בהשם', און אזוי ווייטער. אויך איז זייער מצוי אז דער מענטש איז מיד און אויסגעמוטשעט פונעם פארדרייטן סדר היום און פון 'מיעוט שינה', און דערפאר איז אסאך מאל שווער פארן מענטש זיך צו דערהייבן צום ליכטיגקייט פון שמיני עצרת.

## דער אמת האט נישט צוטון מיט געפילן

דעריבער דארף מען וויסן: אלץ וואס מען האט גערעדט ביז אהער - איבער די ליכטיגקייט פון שמיני עצרת און דער 'יחודא שלים' וואס טוט זיך אפ דערין - איז אלעס אמת'ע פאקטן, אפילו אויב א מענטש שפירט עס נישט! דאס אלעס ווערט מבואר אין אלע ספרים הק', און 'זאת התורה לא תהא מוחלפת', עס האט נישט צוטון צי מען שפירט עס אדער נישט! אודאי מעג א מענטש פרובירן זיך אנצוגרייטן דאס קאפ און הארץ צו קענען פארנעמען די דאזיגע מושגים און לעבן אין א העכערע וועלט פון 'אני ואתה' - וואס דאס איז דער פשוט'ער אפטייטשט פון דעם טאג; ווי מען האט געברענגט פון רש"י. אבער אויב דערזעט מען זיך אין א טרוקענקייט, א פארקלאפט הארץ און 'קטנות המוחין' - איז די עצה צו זיין א פשוט'ער איד! זיין א איד וועלכער איז 'בטל' צום אויבערשטן! זיך מכניע זיין צום רצון ה', אז אויב דער אויבערשטער וויל יעצט פון מיר אזא סארט טרוקענע עבודה - בין איך מסכים דערצו בשמחה רבה! און מען דארף גלייבן, אז דורכדעם וואס מען טוט בפועל אלע מנהגים און ענינים פון שמיני עצרת - ווערן אלע תיקונים אפגעטון פון זיך אליינס! און ווי מער דער מענטש איז זיך מבטל צום אויבערשטן - אלץ מער און שטארקער טוען זיך אפ די תיקונים.

**די ליכטיגקייט פון שמיני עצרת און דער 'יחודא שלים' וואס טוט זיך אפ דערין – איז אלעס אמת'ע פאקטן, אפילו אויב א מענטש שפירט עס נישט!**

## די פוס איז טאקע נידריג און פלאך – אבער דאס הייבט אויף די גאנצע קומה

**מען קען זיך אפלערנען פון דער עבודה פון טאנצן:** דער מענטש הייבט אויף בלויז זיינע פוס - דער אונטערשטער חלק פונעם מענטש - און דורכדעם דערהייבט זיך זיין קאפ, זיינע הענט, זיין הארץ און זיין גאנצע געשטעל. דאס ווייזט אונז אויפן פנימיות'דיגן אויסשטעל: דורכדעם וואס א מענטש טאנצט ביי די הקפות מיט א פשוט'ע אמונה און ערליכקייט, דורכדעם וועט זיך אים אויפהייבן דער 'מוח', די געפילן און הרגשים, און זיין גאנצע רוחניות'דיגע קומה! אלעס וועט דערהויבן ווערן - דורכדעם וואס ער האט געטאנצן לכבוד דעם אויבערשטן און זיין תורה הקדושה! און אויב ער וועט עס נישט זען יעצט אויפן פלאץ, אפילו ער שפירט דאס נישט- וועט ער עס זען דורכאויס דעם קומענדיגן יאר.

**פון איין זייט, איז די 'הקפות' פון די גרעסטע זאכן און עס ברענגט אראפ די גרעסטע 'מוחין' פון צווייטן זייט, איז די עבודה פון 'הקפות' זייער א פשוט'ע און נידריגע עבודה. ווייל עס איז אן עבודה מיט די פוס!**

## דער עיקר איז צו זיין בטל צום רצון ה' – פון דארט קומט אלע השפעות און מוחין

דעם נקודה קען מען זיך אפלערנען פון דער מנהג פון 'הקפות'. וואס פון איין זייט, איז די 'הקפות' פון די גרעסטע זאכן און עס ברענגט אראפ די גרעסטע 'מוחין' - מוחין פון 'כתר' - ווי מען וועט שפעטער מאריך זיין. אבער פון צווייטן זייט, איז די עבודה פון 'הקפות' זייער א פשוט'ע און נידריגע עבודה. ווייל עס איז אן עבודה מיט די פוס! די גאנצע עבודה פון הקפות איז אויפצוהייבן דעם 'עקב'[סה] און

סה. **אנצומערקן:** ראש השנה - איז מען פארנומען מיטן 'קאפ' (ראש) און מוח. יום

צוריק אראפלייגן דעם 'עקב', און לכאורה וואלט דער מענטש מיט זיין שכל אנושי געזאגט, אז אויב דארף מען יעצט ממשיך זיין אזעלכע הויכע און דערהויבענע מוחין - דארף מען ווען זיצן מיט א דביקות און זיין פאר'מוח'ט... אבער דא זעט מען דעם ענין, אז דייקא דעמאלט ווען מען דארף אנקומען אזוי הויך - דארף מען זיין פארנומען מיט אזא נידריגע און פשוט'ע עבודה פון שאקלען די פוס, וואו עס איז נישטא קיין שום 'מוח' און קיין שום געפיל! ווייל דאס ארבעט נישט לויט 'שכל אנושי', נאר דאס ארבעט בלויז מיט איין כח: 'ביטול לרצון השם'. און די דאזיגע לימוד באגלייט אונז - נישט בלויז אויף שמיני עצרת, נאר אויך אויף א גאנץ יאר.

**ראש השנה – איז מען פארנומען מיטן 'קאפ' (ראש) און מוח. יום כיפור – איז מען פארנומען מיטן 'הארץ', תשובה צו טון מיטן גאנצן הארץ. סוכות – איז מען פארנומען מיט די 'הענט' (נענועים). שמיני עצרת – איז מען פארנומען מיט די 'פוס'**

---

כיפור - איז מען פארנומען מיטן 'הארץ', תשובה צו טון מיטן גאנצן הארץ. סוכות - איז מען פארנומען מיט די 'הענט' (נענועים). שמיני עצרת - איז מען פארנומען מיט די 'פוס'. און דערמיט ווערט דער גאנצער געשטעל פונעם מענטש הייליג און איידל.

# פרק ו

## מנהג ישראל תורה:
# דער געוואלדיגער ענין און געהויבנקייט פון די 'הקפות' ארום די בימה

מען האט פריער אנגעהויבן, אז דער ענין פון הקפות באשטייט פון צוויי באזונדערע ענינים - וועלכע איז שפעטער געווארן צוזאמגעשטעלט אינאיינעם. איינס, איז דער ענין פון 'שמחה' מיט די תורה הק'- וואס דאס האט מען שוין פריער (פרק ה') אויסגעשמועסט באריכות וואס די שמחה איז. דעם צווייטן ענין וועט מען יעצט רעדן.

### דער מנהג פון זיך ארומדרייען ארום די בימה

דער רמ"א זאגט (סי' תרס"ט): **"ונהגו להקיף עם ספרי תורה הבימה שבבית הכנסת, כמו שמקיפים עם הלולב, והכל משום שמחה"**- מען פירט זיך ארומצוגיין ארום דעם באלעמער מיט די ספרי תורה, פונקט ווי מען טוט סוכות מיטן לולב, און דאס טוט מען צוליב 'שמחה'. דאס הייסט, פונקט ווי סוכות איז דער מנהג אז מען גייט ארום דעם בימה מיט די ד' מינים ביי די הושענות, וואס דאס איז אן ענין פון 'שמחה', (וואס צוליב דעם טאר נישט אן אבל ארומגיין דעמאלט די בימה, ווייל עס איז קעגן 'אבילות') - אזוי אויך, טוט מען די זעלבע זאך שמחת תורה, נאר אנשטאט צו האלטן א לולב אין דער האנט, האלט מען א ספר תורה אין דער האנט. לכאורה, אויב איז עס אזויווי סוכות, וואלט מען געדארפט ארומגיין בלויז איין מאל און נישט מער - פונקט ווי ביי די הושענות. אבער שפעטער האט דער אר"י הק' איינגעפירט אז מען

זאל מאכן זיבן הקפות. אזוי אויך, אויב איז עס ווי סוכות - וואלט מען געדארפט סתם ארומגיין אָן זינגען ניגונים און טאנצן - פונקט ווי ביי די הושענות. נאר מיר האבן צוזאמגעשטעלט דעם מנהג פון 'הקפות', צוזאמען מיטן ענין פון 'שמחה' מיט די תורה הק' וואס מען האט פריער גערעדט (אין פרק ה'), און דערפאר טאנצן מיר בשעת מיר מאכן די 'הקפות סביב הבימה'.

## אראפברענגען אן 'אור המקיף' און א 'מקיף הכללי'

### דורכדעם ברענגט מען אראפ אן 'אור מקיף'

דער בעל התניא אין סידור (שער הלולב) איז מסביר, אז דער ענין פון 'הקפות' איז, צו ממשיך זיין 'מוחין מקיפין' פון 'חכמה'[סו]. און פריער (שער אלול) איז דער בעל התניא מאריך אין דעם ענין מיט א לענגערן הסבר. אויך דער בני יששכר און נאך חסיד'ישע ספרים, שטעלן צוזאם דעם ענין פון 'אור מקיף' -וואס דאס איז א געוואלדיגער 'כח הקדושה' און א מורא'דיגע 'שמירה' אויף א גאנץ יאר-מיטן ענין וואס מיר זענען 'מקיף' די בימה[סז].

**סו.** רביה"ק מסאטמאר זי"ע (ויואל משה סימן ק"פ), צייכנט אָן צו די ווערטער פונעם בעל התניא.

**סז.** דער אר"י הק' ותלמידיו זאגן, אז דער ענין פון 'הקפות' איז נאך א העכערע בחינה, ווייל דעמאלט ברענגט מען אראפ 'מוחין דכתר'. וואס דאס זענען די העכסטע מוחין, פונקט ווי סוכות שאקלט מען די ד' מינים, און דעמאלט איז מען ממשיך מוחין פון 'דעת' אויף א גאנץ יאר, און שפעטער גייט מען ארום מיט די ד' מינים ארום די בימה, און דעמאלט איז מען ממשיך דעם 'אור המקיף' - יעדן טאג אן אנדערע מדה. די זעלבע זאך, טוט זיך אפ שמחת תורה, אז דורך

## יעדע מצוה ברענגט אראפ א ליכטיגקייט – אפילו אויב מיר זעען עס נישט יעצט

מיר ווייסן פון אלע חסיד'ישע ספרים, אז דורך יעדע מצוה וואס א איד איז מקיים - ווערט אראפגעברענגט אויף דער וועלט א געוויסן 'אור', א ליכטיגקייט פון 'גילוי אלוקות' אין דער בריאה - יעדע מצוה לויט זיין שורש. למשל, דורך די מצוה פון 'סוכה' - ברענגט מען אראפ א ליכטיגקייט פון 'דעת'; ווי דער פסוק זאגט: **"למען 'ידעו' דורותיכם"**.

די 'הקפות' איז מען ממשיך נאך גרעסערע 'מוחין' ווי אין סוכות, ווייל 'מוחין דכתר' איז די העכסטע 'מוחין', און דאס איז די שמירה און שורש פון וואו מען נעמט כוחות הקדושה א גאנץ יאר.

**ביאור הענין:** יעדעס מאל וואס מען מאכט 'הולכה' מיטן לולב צו א געוויסן זייט - וועקט מען אויף דעם 'מוח הדעת בשורשו' וועלכע באלאנגט צו דעם זייט און דער מדה. און דערנאך ווען מען מאכט 'הבאה' מיטן לולב און מען ברענגט עס צוריק צו זיך - ברענגט מען אריין אט דעם 'מוח הדעת' אראפ אין אלע וועלטן ביז צו אונזער וועלט און ביז צום מענטש וועלכער מאכט יעצט די 'נענועים'.

און אט דאס שפילט זיך אויך אפ אום שמיני עצרת און שמחת תורה - וואס היינט זענען מיר זעלבסט דער 'חפץ של מצוה'; ווי אויבנדערמאנט אין נאמען פון צדיקים און ספרי קודש, אז שמיני עצרת איז נישטא קיין שום 'חפץ של מצוה' - ווי שופר אדער ד' מינים - ווייל אונז אליינס און אלע אונזערע אברים ווערן א מרכבה צו די תורה ומצוות. דעריבער **קומט אויס, אז היינט מאכן מיר 'נענועים' מיט אונזער גוף!** דאס הייסט, כדי אויפצואוועקן און אראפברענגען די גאר גרויסע 'מוחין דכתר' - מאכן מיר 'הקפות', וואו מיר שאקלען אונזער גוף אהין און אהער! און יעדעס מאל וואס מיר טאנצן און דערהייבן זיך אויף ארויף - וועקן מיר אויף דעם 'מוח הכתר בשרשו', און דערנאך ווען מיר פאלן צוריק אראפ צו דער ערד - ברענגען מיר אראפ די דאזיגע ליכטיגע מוחין צו אלע עולמות, ביז צו אונזער וועלט און ביז צום מענטש וועלכער טאנצט יעצט.

מיט דעם וועט מען פארשטיין די ווערטער פונעם הייליגן קדושת יום טוב, וואס ער האט געזאגט: **"יעדעס מאל וואס מען הייבט אויף א פוס ביי די הקפות – פועל'ט מען מער ווי אלע עבודות פון גאנץ חודש תשרי"**. ווייל דורכדעם ברענגט מען אראפ העכערע מוחין, ווי סיי ווען דורכאויס דעם גאנצן חודש תשרי.

און אזוי ביי יעדע מצוה ווערט נמשך א געוויסער סארט אור אויף דער וועלט. און כאטש אז לעת עתה זעען מיר נאכנישט קיין שום שינוי דא אויף דער וועלט - אבער מיר גלייבן אז דאס איז דער אמת, און ווען משיח וועט קומען וועט נתגלה ווערן די דאזיגע ליכטיגקייט אויף דער וועלט; ווי דער פסוק זאגט:"אז יבקע כשחר אורך" - די וועלט וועט אויפאיינמאל ווערן אויפגעשפאלטן און אנגעפילט מיט געוואלדיגע אורות פון 'התגלות כבוד שמים'.

## די צוויי סארט 'אורות' – 'פנימי' און 'מקיף'

די דאזיגע 'אורות' וועלכע קומען אראפ ביי יעדע מצוה- צוטיילט זיך אויף צוויי חלקים, איין חלק רופט זיך 'אור פנימי' - אן אינערליכער אור, וואס דאס גייט אריין אינעווייניג אינעם מענטש, און באלייכט אים זיין הארץ און מח מיט א געטליכן אור. דער צווייטער חלק רופט זיך 'אור מקיף' - א דרויסנדיגער אור, וואס דער אור איז אסאך א העכערער און גרעסערער אור, וואס דער מענטש וואלט נישט געקענט פארנעמען אזא גרויסן אור אינעווייניג אין זיין הארץ און מח, דאס הייסט דער 'אור' איז גרעסער ווי די 'כלים'. און דערפאר נעמט עס ארום דעם מענטש בלויז פונדרויסן. און אט דער אור ברענגט אריין א קדושה אין אלע זיינע מעשים און חיצוניות'דיגע הנהגות.

## די הידורים 'ארום' די מצוה איז ממשיך נאך א גרעסערן אור ווי דער עצם מצוה

דער אופן וויאזוי עס צוטיילט זיך איז, אז דורכן 'עצם מצוה' וואס ער טוט - קומט אראפ דער 'אור פנימי'. ווידעראום, דורך די אלע זאכן 'ארום די מצוה' - ווי די'שמחה של מצוה', די 'חומרות' און'הידורים', די 'מנהגים' וואס מען לייגט צו צום עצם מצוה- קומט אראפ דער 'אור מקיף'.

## דער 'אור המקיף' איז מקיףביידע זאכן און פאראייניגט זיי

**דער כלל איז:** יעדעס מאל וואס עס טוט זיך אפ א 'יחוד'- מוז דאס גיין דורך אן 'אור מקיף'. דאס הייסט, כדי צו פאראייניגן צוויי אפגעטיילטע זאכן, וואס יעדער האט זיך זיין אייגענעם 'אור פנימי', אז זיי זאלן ווערן 'איינס' - מוז מען האבן אן 'אור' וועלכע איז העכער פון זיי ביידע, און דער אור זאל זיי ביידע ארומנעמען פונדרויסן און זיי צוזאמברענגען אונטער איין דאך, ביז זיי וועלן ווערן איין אור. און דאס איז דער טעם פארוואס מען שטעלט א 'חופה', ווייל ביי א חתונה דארף מען דאך האבן דעם אור מקיף כדי צו מאכן א יחוד צווישן 'חתן כלה', און דער 'אור מקיף' קומט אראפ דורכדעם וואס חתן כלה גייען אריין אונטער די 'חופה' - וועלכע איז א גשמיות'דיגער 'פועל דמיוני' פון א 'מקיף'.

## ריקודין איז אין אן 'עיגול' - וויבאלד עס נעמט זיך פון 'אור המקיף'

דאס איז אויך דער טעם, פארוואס דער עיקר עסק ביי א חתונה איז די 'ריקודין', ווייל דורכן טאנצן אין א 'רינג' - מאכט מען א 'פועל דמיוני' צום ענין פון 'אור מקיף'. און נאך א נקודה: דער גאנצער ענין פון טאנצן פון שמחה - איז אן ענין פון 'אור מקיף', ווייל ריקודין איז א תוצאה פון 'ריבוי אור'. דאס הייסט, ווען א מענטש האט בלויז אן 'אור פנימי', ער שפירט א ליכטיגקייט און צופרידנקייט ביי זיך אין הארץ - זיצט ער שטיל פאר זיך און לעבט מיט דעם אור. **אויב אבער איז די ליכטיגקייט מער פון וואס ער קען פארנעמען אין הארץ, ער האט נישט די כלים דערצו - מוז ער עס ארויסגעבן דורך א 'התפשטות' וואס ער צושפרייט זיך, וואס דאס איז דער ענין פון טאנצן,** וואס דער מענטש גיבט ארויס זיין 'שמחה שבלב' אויף א חיצוניות'דיגן און אויסערליכן פארנעם, ווייל דער 'שמחה' איז אינדרויסן פון אים און איז נישט מיושב אין אים, וויבאלד עס איז מער פון זיינע כלים.

## אלע מצוות פונעם פארגאנגענעם יאר קומען זיך צוזאם יעצט אונטער א 'מקיף כללי'

כאטש וואס ביי יעדע מצוה וואס מען טוט - ברענגט מען אויך אראפ אן 'אור מקיף', איז אבער פארהאן א מושג פון א 'מקיף כללי', וואס דאס איז אזא מין הויכן אור וועלכע נעמט ארום אלע מצוות אינאיינעם, אלע אידן אינאיינעם און אלע טעג פונעם יאר אינאיינעם. און אט דאס ווערט נמשך שמחת תורה,און דאס איז דער ענין פון 'הקפות' - וואס די חסיד'ישע ספרים שטעלן עס צוזאם מיטן ענין פון 'אור מקיף'. ווייל ביי די הקפות פון שמחת תורה איז מען ממשיך א 'מקיף כללי' וועלכע נעמט ארום אלע 'אורות המקיפין' וואס מען האט אראפגעברענגט דורכאויס דעם פארגאנגענעם יאר. און אט דער 'אור מקיף הכללי' איז א געוואלדיגע שמירה אויף א גאנץ יאר ברוחניות ובגשמיות, און דאס העלפט דעם איד צו זיין בשמחה א גאנץ יאר.

## מיר קענען נישט פארדייען דעם גרויסן אור פון שמח"ת - דערפאר בלייבט עס ארום אונז

**אין אנדערע ווערטער:** שמחת תורה איז א זמן פון 'יחודא שלים', וואס יעדער איד ווערט כביכול פאראייניציגט מיטן רבונו של עולם, און דערפאר קומט דעמאלט אראפ אזא גרויסע ליכטיגקייט, וואס א איד האט נישט די כלים אריינצונעמען דעם אור אינעווייניג אין זיך, נאר דער אור בלייבט שיינען פונדרויסן פון אים. דאס הייסט, **ער שפירט אז דא טוט זיך עפעס גאר א גרויסע קירבה צום אויבערשטן, אבער ער קען דאס נישט אינגאנצן אפלערנען און פארשטיין, און אט דער 'אור מקיף' איז ווי א 'חופה'**, וועלכע שטעלט צוזאם דעם איד מיט כביכול דעם אויבערשטן 'ביחודא שלים'. און דער איד ווערט אזוי פרייליך דערפון, אז **ער הייבט אָן צו טאנצן - וואס דאס איז א 'התפשטות השמחה' - כדי זיך אנצוכאפן אין דעם אור מקיף**. און דערפאר טאנצט ער א גאנצן טאג פון שמחה, און דוקא אויף אן אופן פון 'מקיף' ארום די בימה, כדי צו

ווייזן אז דער אור פון דעם טאג דרייט זיך 'ארום' אים אויף אן אופן וואס עס איז אים 'מקיף'.

### אלע מנהגים פון שמח"ת איז אָן קיין אנהייב און אָן קיין סוף – אור המקיף

דער בני יששכר איז מוסיף: אז צוליב דעם איז מען היינט מחבר דעם 'סוף התורה' צום 'תחילת התורה', אז תיכף ווי מען ענדיגט 'לעיני כל ישראל' - הייבט מען אָן 'בראשית ברא', ווייל דאס ווייזט אויף אן 'אור המקיף' וועלכע האט נישט קיין אנפאנג און קיין סוף, נאר עס גייט א גאנצן צייט ארום און ארום. אזוי אויך איז דער בני יששכר מסביר מיט דעם, פארוואס שמחת תורה פירט מען זיך איבערצולייענען די זעלבע פסוקים נאכאמאל און נאכאמאל אָן קיין שיעור, ווייל דאס איז דער מהות פון אן 'אור המקיף', אז דאס האט נישט קיין שיעור און קיין גבול, נאר מען קען זיך דרייען דערין נאך און נאך, און כסדר טרעפן דערין א פרישקייט און חיות.

## דער 'אור המקיף' וואו איז עס נוגע אויף 'למעשה'

### דער חלק עבודת ה' וואס טוישט זיך דורכן 'אור המקיף'

דער ענין פון 'מקיף כללי' איז א יסודות'דיגער ענין וועלכע איז נוגע אויף עבודת ה' למעשה א גאנץ יאר, און בפרט איז דאס איינס פון די עיקרי עבודות אין דעם טאג, און בפרט ביי די הקפות.

## נישט מיינען 'זיך' – נאר בלויז דעם נח"ר למעלה

איינס פון די גרעסטע יסודות ביי חסידים איז געווען, אז א מענטש זאל נישט מיינען 'זיך'! ער זאל צוגיין צו א מצוה מיט א ריינע כונה פארן אויבערשטן! און נישט בלויז אז מען זאל נישט מיינען קיין גשמיות'דיגע אינטערעסן, נאר אפילו אין רוחניות- האט מען געארבעט אויף ריינקייט - אז **מען זאל נישט זוכן קיין 'מדרגות' און קיין 'הרגשים', און קיין דערגרייכונגען אין עבודת ה', נאר מען זאל פשוט דינען דעם אויבערשטן! מען זאל טון די מצוה ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן!** מען זאל אינזין האבן די פשוט'ע כונה פון 'לקיים מצות בוראי', און 'לעשות נחת רוח לבוראי'!

**מען זאל נישט זוכן קיין 'מדרגות' און קיין 'הרגשים', און קיין דערגרייכונגען אין עבודת ה', נאר מען זאל פשוט דינען דעם אויבערשטן! מען זאל טון די מצוה ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן!**

## טאמער וויל ער אריינברענגען א ליכטיגקייט אין הארץ – איז עס בדקות פאר 'זיך'

אבער למעשה איז פארהאן זייער אסאך מדרגות, ווי ווייט א איד מיינט עס טאקע אינגאנצן ריין, און ער נעמט 'זיך' אינגאנצן ארויס פונעם בילד. ווייל פארט האט דאך א איד א רצון וואס ער וויל זוכה זיין צו שפירן דעם 'אור המצוה', ווי למשל, גאנץ סוכות ביי די נענועים, וויל ער ממשיך זיין געוויסע 'אורות' וועלכע זאלן 'אים' באלייכטן און אויפהייבן העכער. קומט אויס, אז אויף אן איידעלן אופן איז ער ווייטער פארנומען מיט 'זיך'. און דאס איז אלעס אינעם גדר פון 'אור מקיף הפרטי', וואס האט שייכות מיט דעם מענטש בפרטיות.

## אור המקיף – עס בויעט נישט דעם 'זיך' נאר דעם 'כלל ישראל'

דער ענין פון 'אור מקיף הכללי' איז, אז אין דעם טאג פון שמחת תורה, איז דער עיקר עסק מיטן 'כלליות'- און נישט פערזענליך מיט דעם מענטש פריוואט. **די שמחה איז נישט, אז 'איך' האב עפעס געטון, 'איך' האב געלערנט, 'איך' בין מער פון יענעם, נאר די שמחה איז, מיר אלע צוזאמען ווערן היינט אזוי נאנט צום אויבערשטן! מיר אלע צוזאמען פרייען זיך מיטן אויבערשטן!** אפגעזען וויפיל יעדער יחיד האט יא אדער נישט געלערנט - פרייען מיר זיך מיט דעם 'עצם התורה'(סח).

**די שמחה איז נישט, אז 'איך' האב עפעס געטון, 'איך' האב געלערנט, 'איך' בין מער פון יענעם, נאר די שמחה איז, מיר אלע צוזאמען ווערן היינט אזוי נאנט צום אויבערשטן! מיר אלע צוזאמען פרייען זיך מיטן אויבערשטן!**

## מען טאנצט מיט א פארמאכטע ספר תורה – מיר פרייען זיך מיט יעדע אות וואס שטייט דא אינעווייניג

**דערפאר טאנצן מיר דייקא מיט א 'צוגעמאכטע' תורה- נישט מיט אן אפענע תורה!**

**סח.** "לכאורה למה לא נקרא 'שמחת ישראל', ומה גם [זוהר ח"ג עג] שקב"ה ואורייתא וישראל חד וכו'. ונראה על פי משל, כי עינינו רואות כאשר יזכה איש פשוט שפל ערך להיות על שמחת צדיק מפורסם, כשעושה נשואין לבנו או בתו, והיה לו כמה יגיעות לכתת רגליו ממרחק רב, וכאשר יזכה להיות שמה על שמחתו, אז משמח את עצמו מאוד מאוד, ומפזז ומכרכר בכל עוז ומרקד בכל כחו, וכאשר שואלין אותו לשמחה זו מה זו עושה, ישיב על מה לא אשמח שאיש פשוט כמוני שפל ערך זכה להיות על שמחת בת מלך מלכי רבנן, אשר כמה אלפים אנשים גדולים חורי ארץ באו לכאן ממרחק בהוצאות מרובים, ואנכי עני ואביון שפל ונבזה זיכני השי"ת להיות ג"כ עמהם, על שמחה זו, והנמשל מובן.

ולכן אלו היה נקרא שמחת ישראל, הרוצה לשמוח היה צריך להיות בבחינת ישראל, לקיים תורה ומצות כראוי, משא"כ כשנקרא שמחת תורה, והוא שמחת

וויבאלד די שמחה אין דעם טאג איז נישט מיט דעם חלק התורה וואס מען האט געלערנט, נאר מיטן 'עצם התורה' וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן.

## מען טאנצט מיט די פוס – ווייל א דאנק די תורה האבן מיר הייליגע אידישע פוס

**נאך א נקודה:** כאטש וואס תורה לערנט מען מיטן קאפ און מוח, דאך טאנצט מען הקפות 'מיט די פיס' - נישט 'מיטן קאפ'. ווייל דער עיקר שמחה אין דעם טאג, איז נישט מצד די תורה וואס מיר האבן געלערנט מיטן קאפ, נאר מצד די קדושה פון דער תורה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן! וואס מיט דעם זענען מיר דבוק און מקושר שטענדיג און אלעמאל - נישט בלויז מיטן קאפ, נאר אפילו מיט די פוס! פון אויבן ביז אונטן זענען מיר הייליגע אידן - א דאנק די תורה וואס מיר האבן זוכה געווען מקבל צו זיין!

**כאטש וואס תורה לערנט מען מיטן קאפ און מוח, דאך טאנצט מען הקפות 'מיט די פיס' – נישט 'מיטן קאפ'.**

## פארוואס איז דער וואס הייבט אן – אויך א 'חתן'?

**נאך א נקודה:** מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך אין דעם טאג, אז סיי דער וועלכער איז מסיים די תורה ווערט אנגערופן 'חתן', און סיי

השי"ת, כי כל התורה שמותיו של הקב"ה, [זוהר ח"ב קכד] וקב"ה ואורייתא וישראל בחי' ישראל חד, ותורה נקרא בזוהר הקדוש ברתא דמלכא, לזה **כל איש כקטן כגדול, אפילו השפל ערך, צריך לשמוח בשמחתה**, וגם עוד יותר כמשל הנ"ל, **ולזה ראינו מפשוטי עם בני ישראל ששמחים עוד יותר ויותר**". (בית יעקב אלכסנדר פ' בראשית ד"ה לכאורה דף א' ע"ד).

דער וועלכער פאנגט אן די תורה ווערט אנגערופן 'חתן'. לכאורה, איז דאס א גרויסע פלא? וויאזוי קען מען צוגלייכן איינער וועלכער הייבט יעצט אן צו לערנען, צו איינעם וועלכער ענדיגט יעצט די גאנצע תורה? און דורכאויס דאס יאר טרעפן מיר קיינמאל נישט אזא סארט מושג, אז מען זאל פראוועו א 'מצב' פון 'אנהייבן' צו לערנען א מסכת, נאר בלויז פון 'ענדיגן' און מאכן א 'סיום'?!

### אויב איז די שמחה נישט אלס דעם 'לערנען' - איז אנהייבן פונקט אזוי חשוב ווי ענדיגן

נאר דאס ווייזט אונז ווידער אויף די נקודה וואס מען האט גערעדט, אז אין דעם טאג פריידט מען זיך בכלל נישט מיט די 'אייגענע תורה' וואס מען האט געלערנט, נאר מען פריידט זיך מיטן 'עצם התורה'! און דערפאר, דער וועלכער הייבט אן צו לערנען - איז דער זעלבער מחותן ווי דער וועלכער ענדיגט יעצט לערנען! ווייל כלפי די 'עצם התורה' זענען אלע אידן גלייך(סט).

**סט.** מען דערציילט, אז אמאל זענען געווען צוויי חסידים פונעם 'חידושי הרי"ם' זי"ע, וואס ביידע האבן געטאנצן צוזאמען גאר לעבעדיג, אבער נאך א שטיק צייט איז איינער געווארן אויסגעמוטשעט און אויפגעהערט צו טאנצן, און דער צווייטער האט ווייטער געטאנצן אן אויפהער מיט איבערמענטשליכע כוחות. שפעטער האט דער חסיד מסביר געווען פון וואו ער האט גענומען די כוחות צו טאנצן ווייטער, האט ער געזאגט: "מיין חבר, האט געטאנצן צוליב די תורה וואס ער האט שוין געלערנט אין פארגאנגענהייט, און וויבאלד ער פריידט זיך מיט א באגרעניצטע זאך - איז זיין 'כח השמחה' אויך באגרעניצט. אבער איך בין פרייליך און איך טאנץ צוליב די תורה וואס איך קען נאך זוכה זיין צו לערנען מיטן אויבערשטנ'ס הילף, נו, דאס האט דאך נישט קיין שיעור און קיין גבול, דערפאר איז אויך מיין 'כח השמחה' נישט באגרעניצט! עס הערט זיך קיינמאל נישט אויף!".

## מקיף הכללי – א שמחה נעמט ארום גאנץ כלל ישראל יעדער אויפן זעלבן דרגא

און אט דאס איז די ריכטיגע עבודה פון א איד, נישט צו זיין פארנומען מיט 'זיך', נאר מיט 'עצם ישראל' און 'עצם תורה'. און דאס איז דער סוד פון 'מקיף הכללי'- וועלכע איז א כלליות'דיגער אור וואס איז מקיף גאנץ כלל ישראל, און איז אויף אסאך א העכערע דרגה פון א געווענליכן 'אור המקיף' וועלכע ווערט נתגלה ביי יעדע מצוה בפרטיות[ע].

ער איז געווען א געהויבענער חסיד'ישער איד מיט פארצייטישע השגות. האט ער געענטפערט: "באמת וויל איך בכלל נישט קידוש מאכן פאר די הקפות, נאר איך האב מורא, אז טאמער וועל איך האלטן פאר קידוש – וועל איך א גאנצן צייט שפירן ביי מיר, אז איך בין עפעס מער פון יענעם...

## ווי מער 'מנהג' – אלץ מער מצב און עסק

אז מען וועט אריינטראכטן, וועט מען זען א דבר נפלא מאד. דער חודש תשרי איז אויסגעשטעלט מיט אזא סדר: 'ראש השנה' איז מען מקיים א מצות עשה דאורייתא פון

**אכטונג געגעבן נישט זיך צו שפירן העכער פון קיין שום איד**

**ע.** דא איז געווען ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל, ער איז געווען א געהויבענער חסיד'ישער איד מיט פארצייטישע השגות. האט איינער דערציילט, אז ער האט אים אמאל געזען שמחת תורה פאר די הקפות, ווי ער מאכט קידוש און דערנאך טרינקט ער נאך א רביעית פאר 'קידוש במקום סעודה'. האט ער אים געפרעגט: "פארוואס עסט איר נישט א שטיקל מזונות?". האט ער געענטפערט: "באמת וויל איך בכלל נישט קידוש מאכן פאר די הקפות, נאר איך האב מורא, אז טאמער וועל איך האלטן פאר קידוש - וועל איך א גאנצן צייט שפירן ביי מיר, אז איך בין עפעס מער פון יענעם...קומט אויס, אז איך וועל נישט זיין אויסגעמישט מיטן ציבור, און דאס וויל איך נישט!".דאס איז ממש דער ענין וואס מען רעדט דא, אז

'שופר' - דארט מאכט מען נאכנישט אזא גרויסן מצב דערפון.'יום כיפור' איז מען מקיים א מצות עשה דאורייתא פון 'עינוי' - דארט מאכט מען אויך נישט אזא גרויסן מצב דערפון.'סוכות' - איז דא א מצות עשה דאורייתא פון 'ישיבה בסוכה' און 'לולב יום ראשון' - מאכט מען אויך נישט אזא גרויסן מצב דערפון. בזמן הבית איז געווען א מצוה פון 'ניסוך המים' - וואס דאס איז שוין בלויז 'הלכה למשה מסיני' - האט מען שוין געמאכט גאר א גרויסן מצב פון 'שמחת בית השואבה'. 'הושענא רבה' - איז דער ענין פון 'ערבה' בלויז א 'מנהג נביאים'- מאכט מען נאך א גרעסערן מצב. 'שמחת תורה' - איז דער ענין פון 'הקפות' בלויז א 'מנהג ישראל'- מאכט מען דעם גרעסטן מצב און עסק דערפון. קומט אויס, אז ווי וויניגער א זאך שטייט אין דער תורה - אלץ א גרעסערן עסק און שמחה מאכט מען דערפון. לכאורה איז דאס ממש א פלא, פארוואס זאל מען נישט מאכן דעם עיקר מצב און עסק פון 'שופר' און 'סוכה'- וועלכע זענען דאורייתא'ס?!

## א מנהג איז העכער פון תורה – א בחינה פון 'מקיף' כלפי א 'פנימי'

מען האט פריער גערעדט, אז דער בעל התניא אין סידור איז מסביר דעם ענין פון 'אור מקיף' וואס קומט אראפ ביי די הקפות. דארט זאגט אויך דער בעל התניא א פשט אויף דער שאלה וואס מען האטיעצט געפרעגט. **זאגט דער בעל התניא:** די סיבה פארוואס הקפות איז בלויז א 'מנהג ישראל' און נישט קיין דאורייתא, ווייל א מנהג שטייט נאך העכער פון תורה, ווייל די תורה הק' איז אן 'אור פנימי', און א מנהג איז אן 'אור מקיף', וואס ווי געזאגט, איז דאס העכער פון די 'כלים', עס איז העכער פון תורה, און דערפאר קען עס נישט שטיין אין די

**שמחת תורה איז דירעקט אן ענין פון זיין אויסגעמישט מיט גאנץ כלל ישראל, און זיך נישט שפירן העכער פון קיין שום איד.** נאר זיך פרייען מיט אלע אידן, מיטן אויבערשטן און מיטן 'עצם התורה'.

תורה. און דעריבער מאכט מען אזא גרויסן עסק דערפון, וויבאלד עס איז אן 'אור מקיף'.

## אויב שפירט מען אליינס יענעמ'ס רצון – איז דאס א סימן אויף א שטארקע נאנטקייט

דא ליגט זייער א טיפע נקודה- וואס דאס איז דער שורש פון דעם טאג פון שמיני עצרת, און דאס איז דער עומק פון דער טייערקייט פון אלע מנהגי ישראל בכלל. מען וועט עס זאגן על דרך משל: אינעם קשר צווישן צוויי נאנטע מענטשן אויף דער וועלט - ווי צוויי חברים, א טאטע מיט א קינד, א רבי און א תלמיד, וכדומה - איז פאראן דריי מדריגות: **א)** דער טאטע זאגט קלאר פארן קינד וואס ער וויל פון אים, און דאס קינד טוט עס זייער הארציג און גערן. וואס דאס איז אודאי א פיינער קשר. אבער פון צווייטן זייט, האט ער דאס געמוזט טון, ווייל אויב ער וואלט עס נישט געטון - וואלט מען געהאט טענות צו אים. **ב)** דער טאטע זאגט נישט קלאר פארן קינד 'טוה אזוי און אזוי', נאר דער טאטע ווארפט אריין אינמיטן שמועסן אזעלכע 'רמזים', אז ער וואלט שטארק הנאה געהאט פון אזא סארט ענין. און דאס קינד כאפט אויף דעם רמז, און ער לויפט טון דאס וואס דער טאטע האט אים מרמז געווען אז ער וואלט הנאה געהאט. דאס ברענגט שוין ארויס אסאך א נענטערן קשר צווישן זיי, אז נישט בלויז ווען מען 'הייסט' אים פאלגט ער, נאר אפילו ווען מען זאגט אים גארנישט בפירוש, און מען וועט נישט קענען האבן קיין שום טענות צו אים - דאך זוכט ער אליינס צו טון דעם טאטנ'ס רצון, ווייל ער פריידט זיך אים מהנה צו זיין. **ג)** דער טאטע זאגט גארנישט און איז גארנישט מרמז, נאר דאס קינד האט א געפיל וואס ער שפירט וואס דער טאטע גלייכט, און ער טוט דאס פון זיך אליינס. און דאס ברענגט שוין ארויס גאר א גרויסן קשר, ווייל צו שפירן וואס יענער האט ליב - מוז זיין זייער נאנט צו יענעם, אז די צוויי הערצער זאלן זיין 'איינס' און זאלן זיך קענען שפירן איינער דעם אנדערן אָן רעדן און וואונקען.

### א מנהג איז א שמעק פון 'בני נביאים' - אידן ווייסן וואס דער רבוש"ע כביכול גלייכט

דער נמשל איז זעלבסט פארשטענדליך: **א)** די אלע 'מצוות עשה מן התורה' איז טאקע א מורא'דיגער 'חיוב', און אויב א מענטש איז חלילה עובר דערויף - איז די טענה צו אים מורא'דיג הארב, ווייל אז מען 'הייסט' - איז מען 'מחויב' צו פאלגן, אבער ווען מען טוט דאס יא, איז דאס נאכנישט קיין ראיה אויף אזא שטארקן קשר, ווייל אודאי טוט מען דאס, מען מוז דאך! עס איז דאך נישטא קיין צוויי ברירות! און דערפאר מאכט מען נישט אזא גרויסן מצב פון 'שופר' און 'לולב', ווייל עס איז דאך פשוט אז מען טוט דאס. **ב)** די אלע מצוות וועלכע שטייען נישט בפירוש אין דער תורה, נאר חז"ל האבן דאס ארויסגעלערנט פון 'פסוקי התורה' דורך פארשידענע לימודים, אדערהאבן זיי דאס געהאט מקובל 'הלכה למשה מסיני' אדער א 'מנהג נביאים' - איז ווי א 'רמז' וואס דער אויבערשטער האט געוואונקען פאר כלל ישראל אז ער וואלט הנאה געהאט דערפון, און ווען אידן כאפן דעם רמז און זיי טוען דאס - ווערט א גרויסע שמחה און נאנטשאפט צווישן זיי, ווייל דער אויבערשטער זעט דערפון ווי נאנט און געטריי אידישע קינדער זענען צו אים. און דערפאר איז שוין דער מצב פון 'שמחת בית השואבה' און 'הושענא רבה' אסאך גרעסער, ווייל דער קשר קומט שוין ארויס אויף אסאך א גרעסערן פארנעם. **ג)** די אלע 'מנהגים' וואס אידן האבן זיך אליינס איינגעפירט, וואס זיי האבן נישט קיין שום מקור אין דער תורה, און דער אויבערשטער האט ניטאמאל געוואונקען א 'רמז קל' אז ער וואלט הנאה געהאט דערפון, נאר דאס זענען זאכן וואס אויף דעם איז געזאגט געווארן דער כלל פון 'הנח להם לישראל אם אינם נביאים בני נביאים הם' - **אידישע**

> **די אלע 'מנהגים' וואס אידן האבן זיך אליינס איינגעפירט,- אידישע הערצער שפירן ביי זיך א הרגשה, אז דאס איז רצון ה'! און אט דאס ווייזט אויפן גרעסטן קשר און קירבה וואס הערשט צווישן אונז מיטן אויבערשטן**

**הערצער שפירן ביי זיך א הרגשה, אז דאס איז רצון ה'! און אט דאס ווייזט אויפן גרעסטן קשר און קירבה וואס הערשט צווישן אונז מיטן אויבערשטן**, פון גרויס נאנטשאפט צום אויבערשטן - פיהלן זיי אליינס וואספארא זאך וועט שאפן א תענוג פארן אויבערשטן!

## דעם גרעסטן מצב מאכט מען דייקא פון 'מנהגים' –הערצער שפירן זיך

און דערפאר מאכט מען דעם גרעסטן מצב פון 'הקפות' וואס מען טאנצט שעות אויף שעות, וויבאלד דאס איז בלויז א 'מנהג ישראל', וועלכע ווייזט אויפן 'קשר עצמי' וואס אידן האבן מיטן אויבערשטן. און דערפאר איז דאס דוקא אינעם טאג פון 'שמיני עצרת' ווען עס איז דער 'יחודא שלים', ווייל דעמאלט איז דער קשר אזוי שטארק און אזוי נאנט, אז די הערצער שפירן איינער דעם אנדערן! מען דארף נישט הייסן און מען דארף נישט וואונקען, נאר מען ווייסט אליינס וואס דער צווייטער וויל. און דערפאר ווערט דעמאלט נמשך אן אור פון 'מקיף כללי' וועלכע איז העכער פון דעם אור וואס ווערט נמשך דורך תורה, ווייל תורה איז 'חיובים', אבער **הקפות איז נישט קיין שום 'חיוב', נאר בלויז א ריינע געפיל וואס מען וויל מהנה זיין דעם רבונו של עולם מיט א געוואלדיגע שמחה און אהבה.**

# פרק ז

# סדר הקפות

### גאנץ הקפות און אלע שטיקלעך וואס מען זאגט - אלץ איז מנהגים

פונקט ווי דער גאנצער ענין פון הקפות איז א 'מנהג ישראל תורה' - איז אויך פארהאן פארשידענע מנהגים אין דעם גופא, וויאזוי מען זאל אויסשטעלן דעם 'סדר' פון די הקפות און וועלכע פסוקים און תפילות מען זאל זאגן צווישן איין הקפה און דעם צווייטן הקפה. מען וועט ארומרעדן דעם מנהג פון אונזערע מקומות, וויאזוי מען איז אנגעקומען צו דעם גאנצן סדר וואס מיר זאגן.

### דער מקור צו זאגן די פסוקים פון 'אתה הראת לדעת' און ווייטער

איידער מען עפנט דעם ארון הקודש פאנגט מען אָן מיטן פסוק "**אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו**"- וואס דאס האט מען שוין פריער (פרק ד') ארומגערעדט באריכות, אז דאס איז דער נקודה פון 'ביטול', וואס צו דעם האט מען געצילט גאנץ חודש תשרי. און דערנאך זאגט מען נאך פארשידענע פסוקים, וואס בעצם איז דאס א ליקוט פון די גרעסטע יסודות'דיגסטע פסוקים- וועלכע שטעלן אוועק גאנץ אידישקייט. אין די פסוקים ברענגט מען ארויס אסאך יסודות פון 'אמונה' אז אלעס איז דער אויבערשטער, 'אחדות השם' - עס איז גארנישט פארהאן אויסער אים. 'מלכות שמים' - ער איז דער

קעניג וועלכער פירט אלעס פון אנהייב ביזן סוף. 'חשיבות ישראל' - דאס גרויסקייט און טייערקייט פון אידישע קינדער, 'התגלות כבוד שמים לעתיד' - די ליכטיגקייט און נאנטקייט וואס מיר וועלן האבן צום אויבערשטן לעתיד לבא. די פסוקים זענען איינגעטיילט אין צוויי חלקים: איידער מען עפנט דעם ארון הקודש זאגט מען צען פסוקים -קעגן די 'עשר ספירות'. דערנאך עפנט מען דעם ארון הקודש און מען זאגט נאך זיבן פסוקים- קעגן די 'שבעה רועים'. דער מקור צו זאגן די זיבעצן פסוקים - טרעפט מען שוין אין מחזור ויטרי און נאך ראשונים.

### מען לאזט נישט קיין ס"ת אינעווייניג – דער רבוש"ע וועט גארנישט צוריקהאלטן פון אונז

ווען מען ענדיגט 'אתה הראת' נעמט מען ארויס 'אלע' ספרי תורה פונעם ארון הקודש. כאטש וואס לכאורה וואלט געווען גענוג אז מען נעמט ארויס איין ספר און מען טאנצט דערמיט, אבער דער טור זאגט, אז דער מנהג איז דייקא ארויסצונעמען אלע ספרי תורה און נישט איבערלאזן דארט קיין איין ספר תורה. דער יסוד יוסף זאגט (פרק עט) א טעם דערויף, אז מיר ווילן מרמז זיין דערמיט, אז **היינט איז א טאג וואס דער רבונו של עולם איז משפיע פאר אונז אידישע קינדער 'אלע' אוצרות פון אויבן, און ער באגענוגנט זיך נישט מיטן מינימום,** נאר ער גיבט אלע גוטע זאכן אויפן יאר -אָן צוריקהאלטן גארנישט פון אונז.

**נעמט מען ארויס 'אלע' ספרי תורה פונעם ארון הקודש. - היינט איז א טאג וואס דער רבונו של עולם איז משפיע פאר אונז אידישע קינדער 'אלע' אוצרות פון אויבן, און ער באגענוגנט זיך נישט מיטן מינימום**

### דער ספעציעלער באדייט פונעם 'לשם יחוד'

מען פירט זיך צו זאגן בעפאר די הקפות דעם נוסח פון "לשם

**יחוד קוב"ה ושכינתיה וכו'"**. אין דעם היינטיגן טאג פון שמיני עצרת און שמחת תורה האבן די ווערטער אן אנדערע באדייט, וויבאלד דער גאנצער 'עיצומו של יום' איז דאך דער ענין פון 'יחוד קוב"ה ושכינתיה'; ווי מען האט פריער (פרק ב') מאריך געווען, און דאס דאך אויך דער עבודה פון 'מנהג הקפות'; ווי מען האט אויך פריער גערעדט (פרק ה'), אז דער עיקר שמחה וואס מיר פרייען זיך א גאנצן טאג איז, מיט די נאנטקייט און קירבה וואס דער רבונו של עולם ווייזט אונז היינט - וואס דאס רופט זיך 'יחוד קוב"ה ושכינתיה'. און דערפאר זאגט זיך אנדערש דער 'לשם יחוד' אין אזא טאג פאר די הקפות.

## הושע נא – אז מיר זאלן אלעמאל זיין אזוי נאנט צו דיר ווי יעצט

דער ערשטער פיוט פון די הקפות איז **"אלקי הרוחות הושיעה נא"**. דער ענין פון בעטן און מתפלל זיין ביי די הקפות - וואס אויבנאויף איז דאך דאס א פלא, וואו קומט דאס דא אריין?! הושענא רבה האט מען דאך שוין אזויפיל געבעטן 'הושע נא'?! אבער אויף דעם האט מען שוין פריער ארומגעדערט, אז דער בעטן פון שמחת תורה איז אן אנדערער סארט בעטן, עס איז אן ענין פון 'רצון', וואס וויבאלד מיר זענען אזוי פרייליך מיטן 'יחודא שלים', מיט דעם געוואלדיגן נאנטקייט און ליבשאפט פונעם רבונו של עולם - דערפאר **וועקט זיך אויף ביי אונז א געבעט פון הארץ, אז מיר ווילן א גאנץ יאר זוכה זיין צו זיין אזוי נאנט און הייליג ווי יעצט**. און דאס איז טאקע דער 'עת רצון' פון די הקפות אויסצובעטן אלעס גוטס, ווייל א 'תפלה מתוך שמחה' האט א באזונדערן כח למעלה.

## 'ידיד נפש' און 'אל מסתתר'

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע און נאך צדיקים בימיו, האבן מוסיף געווען צו די זיבן הקפות די 'הקדמה'. ווייל בעפאר די 'זיבן מידות' איז דאך פארהאן 'דריי מוחין' (כתר, חכמה בינה), און דערפאר

האבן זיי מסדר געווען צו זאגן געוויסע ספעציעלע פסוקים און די פיוטים פון **"ידיד נפש"**(עא), און די ערשטע דריי שטיקלעך פון **"אל מסתתר"**, וועלכע זענען אויסגערעכנט אנטקעגן די דריי מוחין. און דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט צוגעלייגט א מנהג, אז מען זאל אויך 'טאנצן און זינגען' ביי די 'הקדמה' אזוי ווי ביי די זיבן הקפות.

## מען איז מקיף מיט א ס"ת און דערנאך דעם ס"ת גופא

דער אופן וויאזוי מען פראוועט די הקפות איז, אז מען איז מקיף

### גל עיני

**עא.** דער מנהג איז צו טאנצן קודם פיר 'הקדמה-הקפות' אויף די פיר שטיקלעך פון 'ידיד נפש', און דערנאך דריי הקפות אויף די ערשטע דריי שטיקלעך פון 'אל מסתתר', און ערשט נאכדעם הייבן זיך אן די געהעריגע הקפות. מען דארף אביסל פארשטיין דעם ענין, מילא די דריי שטיקלעך פון 'אל מסתתר' זענען קעגן די דריי מוחין, אבער וואס זענען די פיר שטיקלעך פון 'ידיד נפש'?! עס איז דאך נישטא מער ווי צען ספירות?!

מען וועט עס מסביר זיין בקיצור און נאר באופן כללי: אינעם 'עולם' פון 'כתר' איז פאראן צוויי חלקים, איין חלק די חיצונית'דיגע הבחנה. [א"א] - וואס אין מדות איז דאס דער ענין פון 'רצון' וואס מען האט פריער גערעדט באריכות, וואס למעלה איז דאס דער 'רצון להטיב', און ביי יעדן מענטש איז דאס דער רצון צום אויבערשטן. דערנאך איז דא דער צווייטער חלק פון כתר, וואס דאס איז טיפער און מער פנימיות'דיגער, [ע"י] - וואס אין מדות איז דאס דער ענין פון 'תענוג', וואס דאס איז דער שורש פונעם 'רצון'. דאס הייסט, קודם האט דער אויבערשטער כביכול געהאט א 'תענוג' פון די בריאה העתידה; ווי דער מדרש זאגט: "נתאוה לו להיות דירה בתחתונים", א לשון פון 'תאוה' און 'תענוג'. און פון דעם 'תענוג' איז נתעורר געווארן א 'רצון להטיב'.

דער ענין וואו דאס איז נוגע אין עבודת ה' איז: יעדער מענטש האט א גאנצע מערכת פון 'רצונות', ער וויל דאס און ער וויל יענץ. אבער עס הייבט זיך נישט אן ביי דעם, נאר עס הייבט זיך אן פון א טיפערן פלאץ אין נפש וואס דארט האט ער א גאנצע מערכת פון 'תענוגים', און זיי זענען די שורשים פון

אלע רצונות, ווייל דער 'רצון' פון א מענטש ווערט געטריבן דורך די 'תענוגים'! איינמאל א מענטש האט באקומען א 'תענוג' אין עפעס - באקומט ער א 'רצון' אנצוקומען דערצו. קומט אויס,דער שורש הנפש פונעם מענטש פאנגט זיך אן ביי 'תענוג', און שפעטער ווערט עס 'נתגלה' דורכן 'רצון'. און דער רצון ברענגט אז די 'מדות' זאלן אנהייבן ארבעטן און אויספירן די זאך, ביז עס קומט אן צום 'בפועל ממש'.

דער עיקר בחירה פון א מענטש איז: וואו איז זיין תענוג? פון וואנעט שעפט ער הנאה?! אויב האט ער א תענוג אין דברים שבקדושה, אין לערנען, דאווענען, אין א שבת וכדומה - איז דער 'תענוג' מעורר ביי אים א 'רצון' אנצוקומען צו גוטע זאכן. און אויב האט ער ח"ו א 'תענוג' אין נידריגע זאכן - באקומט ער נעבעך א 'רצון' און זיין נפש ציהט אים אנצוקומען צו יענע ענינים. און פון דארט דרייט זיך שוין דאס רעדל ביז עס קומט לידי מעשה רח"ל.

דער פיוט 'ידיד נפש' איז ספעציעל אוועק געשטעלט ארויסצוברענגען דעם 'תענוג' און 'הנאה' וואס א איד האט אין עבודת ה'; ווי מען זינגט דארט:"**יערב לו ידידותיך מנופת צוף וכל טעם**" - עס איז מיר זיס דיין נאנטשאפט מער פון האניג און די בעסטע טעמים, "**נפשי חולת אהבתך**" - איך ווער קראנק פון געגועים צו דיין ליבשאפט."**כי זה כמה נכסוף נכספתי לראות מהרה בתפארת עזך אלה חמדה לבי**" - מיין הארץ גלוסט און גארט צו זען דיין שיינקייט, "**נגילה ונשמחה בך**" - איך פריי זיך מיט דיר. דאס הייסט, אין דעם פיוט פועל'ט דער איד ביי זיך, אז אלע זיינע 'תענוגים' זענען נאר מיטן אויבערשטן און צו 'דברים שבקדושה', און ער ברענגט ארויס ווי שטארק ער איז זיך מתענג אויף נאנטקייט צום אויבערשטן.

מען האט פריער גערעדט, אז די גאנצע עבודה פון הקפות איז 'כתר' - וואס באופן כללי איז עס די עבודה פון 'רצון' צום אויבערשטן. אבער איידער מען קומט אן צום 'רצון' - מוז מען קודם אויפוועקן דעם 'תענוג' מיטן אויבערשטן. דערפאר פירט מען זיך ביי אונז צו טאנצן אויף 'ידיד נפש' און מען איז אזוי לאנג מאריך אין דעם, ווייל דאס איז דער יסוד פונעם גאנצן איד און דער שורש פון אלע זיינע הרגשים און פעולות - אלעס ווענדט זיך אין דעם, אז די תענוגים זאלן זיין אויפן ריכטיגן מקום, אין דברים שבקדושה. און דאס האט מען אינזין בשעת ווען מען טאנצט אויף די שטיקלעך פון 'ידיד נפש', צו מעורר זיין ביי זיך א 'רצון' צו האבן גוטע תענוגים! א 'רצון' אז די תענוגים פון א גאנץ יאר זאלן זיין נאר אין רוחניות! מען זאל זיך מתענג זיין מיט תורה, מיט שבת, מיט קדושה און אזוי ווייטער, און נישט חס ושלום פארקערט.

דעם בימה מיט די ספר תורה אין דער האנט. דא איז אויך דא א מחודש'דיגער מנהג, אז מען איז מקיף די וואס האלטן די ספרי תורה ארום די בימה און מען דרייט זיך ארום דעם. דעם ענין ברענגט דער חיד"א פון זיין רבי'ן דער רש"ש זי"ע, און אזוי איז אויך דער נוסח פונעם 'לשם יחוד' : "להקיף התיבה 'שבה' הספר תורה".

## מנהגי החיד"א

דער חיד"א האט מסדר געווען פסוקים לויט די זיבן מידות, וואס ביי יעדע איינס פון די זיבן הקפות זאל מען זאגן די פסוקים וועלכע זענען קעגן דער מדה. אזוי אויך האט דער חיד"א צוטיילט דעם תפילה פון **'אנא בכח'**- לויט די זיבן הקפות. אויך האט ער מתקן געווען א **'יהי רצון'** וואס מען זאל זאגן נאך יעדע הקפה, און איין לאנגע תפלה נאך אלע הקפות.

**דערפאר פירט מען זיך צו טאנצן אויף 'ידיד נפש' און מען איז אזוי לאנג מאריך אין דעם, ווייל דאס איז דער יסוד פונעם גאנצן איד און דער שורש פון אלע זיינע הרגשים און פעולות – אלעס ווענדט זיך אין דעם, אז די תענוגים זאלן זיין אויפן ריכטיגן מקום, אין דברים שבקדושה.**

## מנהגי רבי ר' אלימלך

דער רבי ר' אלימלך זי"ע האט צוגעלייגט דערצו נאך פסוקים: די זיבן 'קולות', **"קול ה' על המים, קול ה' בכח"** (תהלים כ"ט), די זיבן קני המנורה, **"למנצח בנגינות"** (תהלים ס"ז), דער קאפיטל פון 'שבח התורה', **"השמים מספרים"**

---

און ערשט נאך ידיד נפש הייבט מען אן די צען ספירות פרטיות, וועלכע פאנגט זיך ערשט אן ביי 'אל מסתתר' - וואס דארט רעדט מען פון דער 'חיצוניות הכתר' וואס דאס איז 'רצון'. (אזוי אויך יעדן שבת ביי שלש סעודות - ווען מען בויעט אויף די קומה שלימה פון די גאנצע קומענדיגע וואך- איז דער מנהג צו זינגען אויף דעם סדר,'ידיד נפש' און נאכדעם 'א-ל מסתתר', ווייל קודם קומט דער ענין פון תענוג און נאכדעם דער ענין פון רצון).

(תהלים י"ט). און נאך עטליכע מזמורים צוטיילט לויט די עשר ספירות, **"מזמור שיר חנוכת הבית"** (תהלים ל'), **"תהלה לדוד ארוממך"**, **"הללי נפשי את ה'"**, **"הללו אל בקדשו"**, **"לאל ברוך נעימות יתנו"**, **"ויציב ונכון"**, **"עזרת"**- אלעס צושניטן אויף חלקים- אויסגערעכנט לויט די עשר ספירות. אזוי אויך האט ער צוגעלייגט פארשידענע פיוטים וואס זענען נתחבר געווארן דורך חכמי הקבלה אין די צייטן פון אר"י הק': **"אור הגנוז בלובן העליון"**, **"אנא האל"**. וואס דאס אלעס איז אויסגעשטעלט לויט די עשר ספירות.

## מנהגי לובלין וראפשיץ

דער רבי פון לובלין זי"ע האט מוסיף געווען דעם פסוק **"מגדול עוז שם ה' וכו'"**. דער ייטב לב זי"ע האט מוסיף געווען דעם פסוק **"ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום"**. דער ראפשיצער רב האט מוסיף געווען די פיוטי **'חרדים'** וואס מען זינגט שמחת תורה צופרי צווישן איין הקפה און צווייטן. ווען מען ענדיגט די הקפות זאגט מען **"כתר יתנו לך וכו'"**- וויבאלד דער גאנצע ענין פון די הקפות איז אראפצוברענגען דעם 'אור' פון 'ספירת הכתר'; ווי מען האט פריער גערעדט. דער ייטב לב ברענגט א מנהג פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע, אז נאך די הקפות זאל מען זאגן **"לדוד מזמור"**. און פון דעם איז געווארן אוועקגעשטעלט אונזער 'סדר הקפות', וואס קודם טאנצט מען א הקפה, דערנאך זאגט מען און זינגט מען געוויסע תפלות און פיוטים פון 'חרדים' און פון נאך קדמונים. וואס דעמאלט הערשט א געוואלדיגער השתפכות הנפש און התעוררות מיט בכיות(עב). יעדער גיסט זיך אויס דאס הארץ פארן אויבערשטן מיט געוואלדיגע געגועים און כיסופים. און דערנאך טאנצט מען נאך א הקפה, און אזוי ווייטער.

---

**עב.** עס איז באקאנט אז דער הייליגער עצי חיים איז נישט געווען קיין 'בעל בכי', און ביי אלע זיינע תפלות פלעגט ער כמעט נישט וויינען, אבער מען דערציילט אז ביים זאגן די שטיקלעך 'חרדים' שמחת תורה, האט דער עצי חיים גאר שטארק געוויינט מיט גרויסע בכיות. [והודעתם לבניך]

## פארוואס וויינט מען שוין ווייטער?

לכאורה קען מען זיך וואונדערן אויף די בכיות בשעת'ן זינגען דעם 'חרדים': וואס גייט דא פאר? עס איז שמחת תורה היינט אדער יום כיפור? מען האט נישט גענוג געוויינט אין די הייליגע טעג? וואס איז שוין ווייטער וויינען? אינ'אמת'ן איז דאס נישט קיין קושיא, ווייל ווער עס האט דאס שוין איינמאל מיטגעהאלטן, ווייסט אז דאס איז אינגאנצן אן אנדערע סארט געוויין, אבער על כל פנים, אסאך מאל וויל מען דאס אביסל מסביר זיין, וואס איז דער פשט פון דעם געוויין שמחת תורה?!

> **גייט דא פאר? עס איז שמחת תורה היינט אדער יום כיפור? מען האט נישט גענוג געוויינט אין די הייליגע טעג? וואס איז שוין ווייטער וויינען?**

## איפכא מסתברא - שמח"ת וויינט מען, ת"ב לאכט מען?

אין ספר "תורת שלום" פונעם מהרש"ב פון ליובאוויטש, איז דא דארט א שטיקל אין אידיש, וואס איינער האט אפגעשריבן ווארט ביי ווארט וואס ער האט געזאגט ביי די הקפות. ביי די רוסישע פלעצער איז געווען אן ענין פון טרונקען שמחת תורה, זענען געווען דארט עטליכע זקני החסידים וואס זענען געווען בגילופין, און האבן אריינגעפרעגט פונעם רש"ב אינמיטן די הקפות פארשידענע שאלות. און דער רש"ב ענטפערט זיי דברים נפלאים עד מאד. יעדעס שטיקל דארט איז צוקער זיס. איז געווען דארט איינער א גרויסער חסיד, וואס ער פרעגט פארן רש"ב: "וואס איז פשט אז ביי חסידים וויינט מען ביי די הקפות?! און וואס איז פשט, אז תשעה באב ביי חסידים איז אביסל מער אויפגעלייגט ווי ביי די מתנגדים?! דא וואו מען דארף זיין פרייליך - וויינט מען, און דא וואו מען דארף זיין טרויעריג - איז מען אויפגעלייגט?!

## ת"ב איז מען זיך מחזק מיטן תקוה און אמונה בביאת המשיח

ענטפערט אים דער רש"ב א מורא'דיגע תשובה: תשעה באב איז דאך לכאורה זייער א ביטערער טאג, מען איז פארנומען א גאנצן טאג מיט דעם הייליגן עבר וואס מען האט געהאט און פארלוירן. אבער דעמאלט כאפט זיך א איד: "איך האב שוין געהאט א בית המקדש, און איך וועל נאך אמאל האבן א בית המקדש! עס ווארט אונז אפ א ליכטיגן עתיד!". און מיט דעם ווערט אים לייכט אויפן הארץ, און ער ווערט גוט אויפגעלייגט.

## שמח"ת וויינט מען פון גרויס געגועים צו דעם אור וועלכע ווערט יעצט נתגלה

שמחת תורה איז פארקערט, עס איז דאך לכאורה זייער א גוטער טאג, עס קומט אראפ אזא אור, עס ווערט נתגלה אזא 'גילוי אהבה' וואס דער אויבערשטער האט צו אידישע קינדער, א איד שפירט זיך אזוי נאנט צום רבונו של עולם, אז אויטאמאטיש עפנט זיך אויף זיין הארץ און מח, און ער דערהערט זאכן וואס א גאנצן יאר האט ער נישט דערהערט! עס איז אים זייער ליכטיג. און דעמאלט הייבט דער איד אָן צו טראכטן מיט א ווייטאג: **"אז עס איז יא אזוי, פארוואס בין איך נישט אזוי?!"**. אין אנדערע ווערטער:"אויב אידישקייט איז יא אזוי ליכטיג און הייליג, אויב די תורה איז יא אזוי זיס, אויב דער אויבערשטער איז יא אזוי נאנט, אויב אידישע קינדער זענען יא אזוי זיס און געטליך, אויב ווארט אונז יא אזא ליכטיגן עתיד און משיח קומט שוין באלד - נו?! פארוואס בין איך

> **שמחת תורה עפנט זיך אויף זיין הארץ און מח, און ער דערהערט זאכן וואס א גאנצן יאר האט ער נישט דערהערט! און דעמאלט הייבט דער איד אָן צו טראכטן "אז עס איז יא אזוי, פארוואס בין איך נישט אזוי?!".**

אזוי ווייט[עג]?! וואו האלט איך אויף דער וועלט?!".ער זאגט דארט דאס לשון:"**אינדרויסן טאנצט טאקע דער איד, אבער אינעווייניג גיסט זיך בלוטיגע טרערן!**"[עד]. און אט פון דער אינערליכער בענקעניש הייבט ער אָן צו וויינען. **דאס איז נישט קיין וויינען פון צער און עגמת נפש, נאר א וויינען פון 'כתר' און 'רצון', א געוויין פון בענקען און וועלן, וואס איינמאל א יאר דערהערט ער ווי גוט און ליכטיג אידישקייט איז, און ער וויל נאך און נאך.** און מיט דעם ענדיגט מען די גאנצע עבודה. און דאס איז דער התעוררות און בכיות וואס עס טוט זיך אפ ביים זאגן די 'חרדים', וואס דעמאלט גיבט מען ארויס דעם 'הן נכסוף נכספנו לשרת פניך אדון הכל'.

**"אינדרויסן טאנצט טאקע דער איד, אבער אינעווייניג גיסט זיך בלוטיגע טרערן. דאס איז נישט קיין וויינען פון צער און עגמת נפש, נאר א געוויין פון בענקען און וועלן, וואס איינמאל א יאר דערהערט ער ווי גוט און ליכטיג אידישקייט איז**

---

**עג.** "שמיני רגל בפני עצמו - היינו יום החג של שמיני עצרת הוא רגל, שכל איש יהודי צריך להתבונן בפני עצמו, אחרי ימים כל כך נעלים וקדושים, "וואס פאר א פנים ער האט!". (בית אברהם).

**עד.** "הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק מוהרש"ב זצ"ל מליובאוויטש האט אמאל געפרעגט זיין פאטער הוד כ"ק אאזמו"ר הרה"ק מוה"ר שמואל, וואס איז דער ענין פון הקפות, האט ער אים געענטפערט, **הקפות איז וואס מען בעט זיך ביים טאטן אבינו שבשמים מיט בלוטיקע טרערן**, היתה לי דמעתי לחם, האב רחמנות ושבור עול הגוים מעל צוארנו, גוים מיינט דאס דעם גוף און דער נפש הבהמיות, **מען טאנצט מיט דער ס"ת בשמחה, מיט א אפענע קאפ אין א אפענע הארץ, אבער בפנימי פנימיות גיסט זיך בלוטיקע טרערן**". (ספר השיחות תש"ה אות ה' דף נ"ז).

# פרק ח

פעמיך בנעלים:

# ביי נעילת החג איז מען זיך 'מקשר' צום גאנצן יום טוב

### מבואו ועד צאתו – דאס באגלייטן און זיך געזעגענען פונעם יו"ט איז אויך אן עבודה

פונקט ווי עס איז פאראן אן ענין פון 'הכנה' - זיך צו גרייטן איידער דער יום טוב קומט אָן, וואס דאס איז דער וועג וויאזוי מען גייט 'אריין' אינעם יום טוב - אזוי איז אויך פאראן אן ענין פון 'נעילת החג', וואס דאס איז דער וועג וויאזוי מען גייט 'ארויס' פונעם יום טוב, וואס ווען עס ווערט סוף טאג און דער יום טוב גייט שוין כמעט אוועק פון אונז - איז דעמאלט פאראן א ספעציעלע עבודה וועלכע באלאנגט צו דעם זמן. מען וועט אויסשמועסן עטליכע נקודות וואס איז נוגע צו דעם זמן:

**פונקט ווי עס איז פאראן אן ענין פון 'הכנה' וואס דאס איז דער וועג וויאזוי מען גייט 'אריין' אינעם יום טוב – אזוי איז אויך פאראן אן ענין פון 'נעילת החג', וואס דאס איז דער וועג וויאזוי מען גייט 'ארויס' פונעם יום טוב**

### די ווייטאגליכע געפילן וואס קומען ארויף ביי נעילת החג

עס איז זייער נאטורליך און נארמאל, אז דער זמן פון 'נעילת החג' איז שווער פארן מענטש. ווייל דא האלט ער יעצט נאך אזעלכע לעכטיגע טעג, א חודש פון ימים טובים, א חודש פול מיט

מצוות און אורות קדושים, און דא גייט מען אריין אין דעם לאנגן פינסטערן ווינטער, מען גייט צוריק צו א לעבן פון טרדות הפרנסה, א לעבן פון 'שגרת החיים' - יעדן טאג מיט אירע שוועריקייטן. און אויטאמאטיש וועקט זיך יעצט אויפּביים מענטש מורא'דיגע געפילן פון בענקעניש צום אור און צום הערקייט פונעם גאנצן חודש, און בפרט צום יעצטיגן יום טוב שמחת תורה.

## די דאזיגע געפילן בויען אויף דעם גרעסטן קשר צום יו"ט

א איד דארף אבער וויסן, אז **די אלע געפילן זענען נישט סתם נאטורליכע געפילן פונעם 'נפש הבהמי' - נאר דאס איז א ספעציעלע 'עבודה' פון 'התקשרות' צו דער קדושה פונעם יום טוב.** און אט דער השתוקקות און בענקעניש וואס מען דעמאלט- אט דאס איז טאקע ממש די עבודה וועלכע איז צוגעפאסט צו דעם זמן פון נעילת החג! ווייל אט דער בענקעניש, אט די געגועין און אט די כיסופין- זענען 'מקשר' דעם איד צום יום טוב! דאס איז געזאגט געווארן ביי יעדן יום טוב, און כל שכן אינעם יום טוב פון שמיני עצרת, וואס דער גאנצע יום טוב איז דאך געבויעט אויפן יסוד פון 'זיך געזעגענען'; ווי מען האט פריער גערעדט (פרק א'), אז דער 'קשה עלי פרידתכם' בויעט דעם שטארקסטן קשר - איז דאך אודאי אז **אט די בענקענדע געפילן וואס מען שפירט יעצט, אז עס איז אזוי שווער ארויסצוגיין פונעם חודש תשרי און אריינגיין אינעם לאנגען פינסטערן ווינטער - אט דאס איז דער אופן וויאזוי מען מאכט דעם אונטערשטן קניפּ אינעם זעקל,** אז דער גאנצער ליכטיגער חודש זאל בלייבן ביי אונז און מיר זאלן דאס קענען מיטנעמען אויף ווייטער.

## דורך געגועים צו א צדיק איז מען מקבל טאפלט פון וואס מען האט מקבל געווען בחיים חיותו

**נאכמער:** עס שטייט אין פסוק, אז אלישע האט געבעטן פון זיין רבי'ן אליהו הנביא: "**ויהי נא פי שנים ברוחך אלי**" - איך וויל זוכה זיין

צו 'פי שנים', צו האבן א טאפעלטע מדרגה פון נבואה - נאכמער ווי דו האסט. האט אים אליהו געזאגט: **"אם תראה אותי לוקח מאתך יהיה לך כן"**- אויב וועסטו זיין ביי מיין הסתלקות, וועסטוזוכה זיין צו דעם. עס שטייט פון צדיקים א מורא'דיג ווארט אויף דעם: בשעת ווען מען געזעגנט זיך פון א רבי'ן, ווערט נתעורר אזעלכע טיפע געפילן פון געגועים - אסאך מער פון וואס מען האט געשפירט דורכאויס דיגאנצע צייט וואס מען איז געווען צוזאמען, און דאס איז גורם א געוואלדיגן 'התקשרות' צום רבי'ן, אזוי ווייט, אז מען קען דורכדעם זוכה זיין צו א טאפעלטע השפעה - מער פון וויפיל מען האט מקבל געווען דורכאויס די גאנצע צייט וואס מען איז געווען צוזאמען.

## דורך געגועים צום יו"ט באקומט מען טאפלט

דער זעלבער ענין איז אויך דא ביי 'נעילת החג' ווי עס שטייט אין פסוק (שיר השירים ז, ב):**"מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב"**, זאגט דער תיקוני זוהר (תיקון נח) **"אינון נעילת חגין וזמנין ומועדין"**-ווי שיין זענען די הארץ קלאפעניש פון א איד ווען ער האלט שוין ביי 'נעילת החג', ווען ער געזעגענט זיך פונעם יום טוב מיט אזעלכע געגועים און השתוקקות, וואס דורך די דאזיגע געפילן צום יום טוב, איז ער מקבל די קדושה פונעם יום טוב 'נאך מער' ווי ער האט מקבל געווען דורכאויס די הקפות און תפלות.

**ער געזעגענט זיך פונעם יום טוב מיט אזעלכע געגועים און השתוקקות, וואס דורך די דאזיגע געפילן צום יום טוב, איז ער מקבל די קדושה פונעם יום טוב 'נאך מער' ווי ער האט מקבל געווען דורכאויס די הקפות און תפלות.**

## דער קרעכץ אויף למפרע – א תיקון און השלמה אויף למפרע

**נאך א נקודה:** אין אזא זמן קומט אסאך מאל אריין אין א מענטש א געפיל פון 'שפלות' און צובראכנקייט, וואס ער טראכט: "א שאד

איך האב נישט גענוג אנגעפילט די טעג מיט תורה ותפלה! איך וואלט געדארפט ווען אויפטון מער! איך האב נישט גענוג אויסגענוצט די זמנים! א שאד איך האב פארפאסט אזעלכע הייליגע ליכטיגע טעג!". אויף דעם סארט הרגש זאגט מען נאך פונעם פריערדיגן בעלזער רב (מהרי"ד) זי"ע, אז דער קרעכץ און צובראכנקייט וואס א איד האט ביי 'נעילת החג' -איז משלים אויף צוריק וועגס אלע 'תיקונים' וואס ער וואלט ווען געקענט אויפטון(עה).

## יעקב אבינו'ס קרעכץ האלט נאך
## אָן עד היום הזה

דער ערוגת הבושם (ברכה ד"ה וישכון) איז גאר שטארק מפליג מיט דעם יסוד פונעם בעלזער רב, און ער זאגט דארט א שיינעם חידוש: עס שטייט אין פרשת ויצא, אז יעקב אבינו איז קודם געגאנגען ביז חרן, און ערשט דעמאלט האט ער זיך געכאפט: **"אפשר שעברתי על מקום שהתפללו אבותי ולא התפללתי שם"**- ווי האב איך געקענט דורכגיין דעם הר המוריה און נישט דאווענען דארט?**"יהב דעתיה למיהדר ובא הר המוריה לקראתו"**- האט ער געטראכט צוריקצוגיין, און דעמאלט איז געשען א נס, אז דער 'הר המוריה' איז געקומען צו אים דארט. זאגט דער ערוגת הבושם: מעשה אבות סימן לבנים, דער רבונו של עולם האט דירעקט אזוי מסבב געווען, אז יעקב אבינו זאל קודם אנקומען קיין חרן און ערשט נאכדעם זאל ער זיך כאפן און וועלן צוריקגיין, ווייל דורכדעם האט יעקב אבינו אויסגע'פועל'ט לדורות, אז **ווען אימער א איד וועט זיצן ביי נעילת החג, און ער וועט זיך אויפמאל געב א כאפ: "אוי, עס איז דא דורכגעלאפן אזא גרויסער זמן! וואו בין איך געווען?!** וואו קען זיין אז איך האב נישט געהעריג מתפלל געווען?! וואו קען זיין אז איך האב עס נישט געהעריג אויסגענוצט?!" -**וועט ער**

**עה.** עס איז דא א ווארט פונעם הייליגן רוזינער זי"ע: **"וזאת הברכה - בראשית"** - די ברכה פון משה רבינו צום כלל ישראל פארן הסתלקות איז געווען, אז זיי זאלן אלעמאל שפירן אז זיי האלטן נאך ביים 'ראשית' פון עבודת ה', און זיי האבן נאכנישט אנגעפאנגען צו דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין.

**דעמאלט זוכה זיין צו א נס, אז דער גאנצער קדושת הזמנים פון חודש תשרי וועט קומען צו אים דארט וואו ער שטייט!**

## דער בייט – פארן 'אוי וויי טאטע' וועסטו מיר געבן 'בני חיי ומזוני'

> **דער ניגון פונעם בארדיטשובער רב זי"ע: "רבונו של עולם לאמיר מאכן א בייט, אוי וויי טאטע!". דער קרעכץ וואס מען לייגט דא צו 'אוי וויי טאטע'- דאס איז דער געשעפט וואס מיר געבן דא פארן אויבערשטן, און אין אויסטויש בעטן מיר 'בני חיי ומזוני'!**

עס איז באקאנט דער ניגון פונעם בארדיטשובער רב זי"ע: **"רבונו של עולם לאמיר מאכן א בייט, אונז וועלן דיר געבן 'חטאים עוונות ופשעים', און דו וועסט אונז געבן דערפאר'בני חיי ומזוני'!"**. לכאורה איז שווער: וואספארא מין געשעפט איז דאס, אז מען גיבט עבירות און מען באקומט דערפאר השפעות טובות?! ווי קען מען מאכן אזא סארט בייט מיטן רבונו של עולם?! נאר דער תירוץ האט מען געזאגט ביי חסידים אזוי: דער נוסח הניגון גייט: "מיר וועלן דיר געבן חטאים עוונות ופשעים, **אוי וויי טאטע!". דער קרעכץ וואס מען לייגט דא צו 'אוי וויי טאטע'- דאס איז דער געשעפט וואס מיר געבן דא פארן אויבערשטן, און אין אויסטויש בעטן מיר 'בני חיי ומזוני'!** ווייל דער כח פון א אידישער קרעכץ איז געוואלדיג גרויס. און **דאס איז די עבודה פון דעם זמן פון 'נעילת החג', וואס א איד גיבט ארויס א קרעכץ, אדער על כל פנים במחשבה איז ער צובראכן, אז ער וואלט געקענט מער ארייננכאפן און בעסער אויסנוצן דעם יום טוב - אט דאס האט א מורא'דיגן כח אין הימל.**

## דער קרעכץ פונעם רבי'ן ז"ל מוצאי שמח"ת

**עס האט דערציילט א איד:** אין די ערשטע יארן דא אין אמעריקע איז אמאל אויסגעפאלן שמחת תורה ערב שבת, איז ער געווען פרייטאג

צונאכטביים טיש פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע עס איז געווען דעמאלט זייער א קליינער עולם ביים טיש, און דער רבי האט געזאגט תורה. אינמיטן האט דער רבי זיך געגעבן א צוקרעכצט:"ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו זאגן איין אמת'דיגווארט פארן אויבערשטן? ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו א 'נקודה של אמת'?". דאס איז געווען נאך די געוואלדיגע עבודה פון די דריי טעג ברציפות הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה - וואס מיר האבן גארנישט קיין השגה וואס דער רבי האט אלץ פארארבעט אין די דריי טעג, און מיט דעם אלעמען, איז באלד נאך יום טוב שוין געווען א קרעכץ! דאס איז דער 'פעמיך בנעלים' וואס צדיקים האבן געהאט מיט אזא שפלות און ענוה.

## מדה טובה מרובה – זיך פרייען מיט וואס מען האט אלץ זוכה געווען

אבער פון צווייטן זייט - וויפיל מען דארף געבן א קרעכץ אויף דעם וואס מען האט נישט גענוג אריינגעכאפט - דארף מען נאך אסאך מער געבן א שבח והודאה פארן בורא כל עולמים, אז מען האט זוכה געווען אריינצונעמען אין זיך אזעלכע גרויסע און הייליגע טעג! דער זמן פון 'נעילת החג' איז א צייט וואס א איד זאל זיך מתבונן זיין אין די טייערע מתנות וואס ער האט באקומען פון הימל דעם לעצטן חודש, און זיך פרייען דערמיט! **נישט זיין קיין 'כפוי טובה' וואס איז נאר פארנומען אז עס וואלט געדארפט זיין נאך בעסער, נאר מכיר טוב זיין פארן אויבערשטן אויף די געוואלדיגע חסדים וואס ער האט געטון מיט אונז.** און דורך די שמחה וואס מיר פרייען זיך מיטן יום טוב שעבר עלינו לטובה - ווערן מיר מקושר צום אור פונעם יום טוב! ווי די חסיד'ישע ספרים זאגן, אז 'שמחה' איז א 'כלי' מקבל צו זיין אורות.

## וויאזוי קען מען לעבן אין סתירה'דיגע געפילן?

**אין אנדערע ווערטער:** אויבנאויף קוקט אויס פארן מענטש, אז די צוויי סארט געפילן - זענען א 'סתירה', ווייל אויב איז מען פרייליך מיטן

פארגאנגענעם יום טוב - מיינט דאס אז מיר האבן דאס אויסגענוצט ווי עס דארף צו זיין, און אויב איז מען צובראכן מיט א לב נשבר - מיינט דאס אז מיר האבן דאס נישט גענוג אויסגענוצט, נו, וויאזוי איז שייך צו לעבן אין אזא סתירה?

## א חסיד'ישער איד פריידט זיך נישט מיט 'זיין עבודה' - ער ווייסט וויפיל עס פעלט פון שלימות

אבער די גאנצע הנחה אויף וואס די שאלה איז געבויעט - איז נישט ריכטיג, און איז קעגן די אלף-בית פון אלע חסידישע ספרים. **ווייל די שמחה וואס מיר פרייען זיך מיטן פארגאנגענעם יום טוב, איז בכלל נישט אויף 'אונזער' חלק וואס 'מיר' האבן צוגעשטעלט, מיר האלטן נישט אז מיר האבן גוט אויסגענוצט דעם יום טוב, און נישט מיט דעם איז אונזער שמחה.** ווייל א איד פריידט זיך קיינמאל נישט מיט זיין אייגענע הצלחה, כאילו ער האט מצליח געווען אהערצושטעלן א געלונגענע עבודת ה'! אזא סארט געפיל איז אפגעפרעגט בתכלית ביי יעדן חסיד'ישן איד, פארקערט, ביי חסיד'ישע אידן האט מען אלעמאל געוואוסט דעם אמת, ווי ווייט מען שטייט פון א ריכטיגע עבודת ה' - צו דינען דעם אויבערשטן מיט א ריינעם הארץ און אן אמת'דיגע כונה לשם שמים. און מען האט אלעמאל געוואוסט, אז וויפיל מען טוט - האט מען נאכנישט אנגעהויבן צו טון.

## די שמחה איז בלויז אויף דער מתנה טובה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן

**די שמחה פון א איד נאך א יום טוב - איז בלויז אויפן אויבערשטנ'ס חלק! ער פריידט זיך מיט די געוואלדיגע מתנה וואס ער האט זוכה געווען צו באקומען בחסד חנם, אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן אזא ליכטיגקייט!** אזעלכע געהויבענע מצוות! אזא קדושה און הארה פון אזא הייליגן יום טוב! און עס איז זיכער אז דער אויבערשטער האט

געהאט א נחת רוח אויף פון אונזערע מצוות און ימים טובים - ווי נידריג עס איז נאר! און כאטש מיר זענען אזוי נידריג און ווייט, מיר לעבן אין אזא שפל'דיג דור און מיר האבן נישט דעם ריכטיגן הארץ און ערנסטקייט - דאך האבן מיר געהאט די זכיה דורכצולעבן אזעלכע געהויבענע טעג און אזוינע גרויסע מצוות!

### די צובראכנקייט איז אויף אונזער חלק – מיר האבן נישט גענומען די מתנה גענוג ערנסט

ווידער, פון צווייטן זייט - שפירט דער איד א ציפ אין הארצן אויף זיין 'חלק'! דארט שפירט ער א לב נשבר און צובראכנקייט, עס גיבט זיך א צוקרעכץ פון טיפן הארצן איבער דעם וואס ער האט נישט גענוג אויסגענוצט די פארלאפענע טעג, ער האט זיך נישט גענוג געגרייט גאנץ אלול, ער האט נישט גענוג געבעטן און מתפלל געווען, ער האט נישט גענוג ממליך געווען דעם אויבערשטן, ער האט נישט גענוג תשובה געטון, ער האט נישט גענוג געלעבט אין דער אהבה פון סוכות, און ער האט נישט גענוג זיך געפריידט און זיך מדבק געווען ביחודא שלים אין שמיני עצרת. און דאס אלעס טוט אים וויי און ער שפירט א צובראכנקייט. אבער באלד קומט ער צוריק צו דער שמחה, אז אדרבה, אויב בין איך אזוי נאריש און נידריג, אז איך האב נישט קיין שכל וויאזוי אויסצונוצן אזעלכע טעג בשלימות - איז דאך די שמחה נאך גרעסער! אז פונדעסטוועגן דאך האב איך געהאט די זכיה צו באקומען אזעלכע טייערע מתנות וואס האט נישט קיין שום פארגלייך! און אזוי גייט ער פון שמחה צו לב נשבר, און פון לב נשבר צו שמחה, און נישט בלויז עס איז נישט קיין סתירה צווישן זיי, נאר איינס איז גאר משלים דאס אנדערע.

**אבער באלד קומט ער צוריק צו דער שמחה, אז אדרבה, איז דאך די שמחה נאך גרעסער! אז פונדעסטוועגן דאך האב איך געהאט די זכיה צו באקומען אזעלכע טייערע מתנות וואס האט נישט קיין שום פארגלייך! און אזוי גייט ער פון שמחה צו לב נשבר, און פון לב נשבר צו שמחה**

## א מענטש מיינט אז ער ווייסט אפצושאצן וועלכע תפלה עס איז געווען לרצון

**נאך א נקודה:** עס איז פארהאן א כלל אין חסיד'ישע ספרים - וועלכע איז געבויעט אויף די ווערטער פון חז"ל: **"עליונים למטה ותחתונים למעלה"**. דאס הייסט, געווענליך ווען א מענטש שטייט ביי 'נעילת החג' - נאך א חודש אלול און תשרי, האט ער ביי זיך אין קאפ קעסטלעך און קאטאגאריעס פון 'עליונים' און 'תחתונים'... 'יענע 'סליחות' איז געווען מיט א שטארקע התעוררות', **'יענע מוסף איז געווען מיט א געוואלדיגע פתיחת הלב', 'יענע נענועים פונעם צווייטן טאג יום טוב איז געווען מיט א געהויבנקייט' - דאס אלעס לייגט ער אריין אין די קאטאגאריע פון 'עליונים'**. דערנאך קומט אן אנדערע ליסטע: **'יענע תהילים זאגן שלש עשרה מדות איז געווען אן כונה', 'יענער שחרית יום כיפור איז געווען טרוקן', 'די נענועים פון הושענא רבה האט נישט געהאט קיין שום חיות'** - דאס אלעס לייגט ער אריין אינעם קעסטל פון 'תחתונים'.

## עליונים למטה – אמאל זענען די דערהויבענע מינוטן נישט אזוי חשוב אויבן

זאגן די תלמידי בעל שם טוב: **"עליונים למטה"** - עס קען זייער מעגליך זיין, אז די אלע צייטן, תפילות, נענועים און מצוות - וואס דו מיינסט אז עס איז 'עליונים', דו מיינסט אז יענץ האט זיכער געשאקלט וועלטן און אויפגעטון געוואלדיגע תיונים אין אלע עולמות - איז בכלל נישט אזוי! עס איז גאר 'למטה'! יענץ האט גאר דאס ווייניגסטע אויפגעטון אויף דיר און אויף אלע עולמות! ווייל דעמאלט האסטו זיך געשפירט א 'יש' און א 'מוצלח'! דעמאלט האסטו געהאט אביסל 'גאות' אין דיר - מיינענדיג אז דו האסט עפעס געטון צו באקומען 'מוחין דגדלות'... און דערפאר האט עס נישט געהאט צופיל חשיבות אין הימל.

## תחתונים למעלה – אמאל זענען די נידריגע מינוטן אסאך מער חשוב למעלה

ווידעראום פארקערט, **"ותחתונים למעלה"** - עס קען זייער מעגליך זיין, אז די אלע צייטן און מצבים פונעם אלול תשרי, ווען דו ביסט געווען טרוקן און אויסגעלאשן, דו האסט גארנישט געפילט און געשפירט, דו ביסט געווען אין 'מוחין דקטנות', צובראכן און צוקלאפט, און דו מיינסט אז דאס זענען די 'תחתונים' - ניין! דאס האט גאר געמאכט א רעש אין אלע עולמות! אין הימל איז מען נתפעל געווארן פון א איד וועלכער איז אזוי צוקלאפט ביי זיך, און דאך איז ער זיך מחזק צו טון רצון ה' מיט א פשוט'ע אמונה! **'דוקא' די דאזיגע תפילות און מצוות האבן בוקע רקיעים געווען! דעמאלט האסטו אויפגעטון אלע תיקונים פון אלול תשרי! דעמאלט האסטו אויסגעפועל'ט רחמים וחסדים אויף א גאנץ יאר!** און דערפאר, וויבאלד א מענטש ווייסט סייווי גארנישט - איז דער צייט פון נעילת החג צו אויפגעבן אויף אלע חשבונות, נאר אלעס צוריקגעבן פארן אויבערשטן און זאגן: "דו האסט דאך אלעס געמאכט, סיי די געהויבענע און ליכטיגע מינוטן, און סיי די קטנות'דיגע מינוטן, און נאר דו ווייסט וויאזוי דאס אפצושאצן, דערפאר בעט איך דיר, זיי מקבל אלע מיינע תפלות און עבודות לרחמים ולרצון - אויף אן אופן פון 'מתנת חנם'!". און דורכדעם ווערט באמת אלעס נתעלה אויפן ריכטיגן פלאץ.

> **עס קען זייער מעגליך זיין, אז די אלע צייטן און מצבים פונעם אלול תשרי, ווען דו ביסט געווען טרוקן און אויסגעלאשן, דו האסט גארנישט געפילט און געשפירט, דו ביסט געווען אין 'מוחין דקטנות', צובראכן און צוקלאפט, 'דוקא' די דאזיגע תפילות און מצוות האבן בוקע רקיעים געווען! דעמאלט האסטו אויפגעטון אלע תיקונים פון אלול תשרי! דעמאלט האסטו אויסגעפועל'ט רחמים וחסדים אויף א גאנץ יאר!**

## דער מנהג צו לערנען די גמרא פון 'בתר צלותיה'

דער מנהג ביי אונזערע מקומות איז, אז ביי נעילת החג לערנט מען פאָר דיגמרא (ברכות י"ז.), וואו עס שטייטדי אלע תפלות וואס די אמוראים פלעגן מתפלל זיין נאך שמונה עשרה. דער מנהג שטאמט פונעם הייליגן "ייטב לב". לכאורהדארף מען פארשטיין דעם מנהג, וואס האט די דאזיגע גמרא שייכות מיט 'נעילת החג' פון שמחת תורה?

## מען האלט יעצט נאך א לאנגע 'שמונה עשרה' פון חודש תשרי

'מוצאי שמחת תורה' – וואס דעמאלט ענדיגט מען דעם לאנגן שמונה עשרה פון 'חודש תשרי' – זאגט מען יעצט די אלע תפלות וואס די אמוראים פלעגן זאגן 'בתר צלותיה'.

נאר ווען מען ווייסט וויאזוי דער חודש תשרי איז אויסגעשטעלט לויט די פנימיות'דיגע ענינים - איז דער מנהג זייער פשוט און פונקטליך אין פלאץ. ווילדי חסיד'ישע ספרים ברענגען אראפ פונעם אר"י הק', אז די כונות פון גאנץ חודש תשרי - פון ראש השנה ביז נאך שמחת תורה- איז די זעלבע כוונות ווייעדע וואכנדיגע שמונה עשרה. און דאס איזדער לשון פונעם אר"י הק' (שעה"כ סוכות דרוש ג'): **"כי מה שנעשה עתה בכל אלו הימים שבין ראש השנה לשמיני עצרת נעשה בכל יום ובכל תפלה"**. דאס הייסט, פון ראש השנה ביז נאך יום כפור- איז אויסגעשטעלט לויט די כונות פון די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה, ביז "מלך עוזר ומושיע ומגן". פון נאך יום כפור ביז הושענא רבא- איז אויסגעשטעלט לויט די כונות פון 'מגן אברהם' ביז 'שים שלום', און שמיני עצרת אונשמחת תורה -איז אויסגעשטעלט לויט די כונות פון די לעצטע ברכה 'שים שלום'. קומט אויס, אז לויטן אר"י הק' איז גאנץ תשרי- פון ראש השנה ביז נאך מוצאי שמחת תורה- איין לאנגע שמונה עשרה.דעריבער איז גאר פשוט, אז **'מוצאי שמחת תורה' - וואס דעמאלט ענדיגט מען דעם לאנגן שמונה עשרה פון 'חודש**

**תשרי' - זאגט מען יעצט די אלע תפלות וואס די אמוראים פלעגן זאגן 'בתר צלותיה'.**

## תפלת נעילת החג: א גאנץ יאר זאל מען שפירן דעם תשרי אין די ביינער

דער עיקר וואס מען דארף אינזין האבן מיט די אלע תפלות וואס מען איז מתפלל אין דעם איצטיגן עת רצון פון 'נעילת החג' איז, אז מיר זאלן זוכה זיין מיטצונעמען דעם יום טוב אויף א גאנץ יאר. ווייל יעדער מענטש ווייסט דאך ביי זיך, אז במשך פונעם יאר גייט ער דורך פארשידענע מצבים פון חשכות, פארשידענע טעג פון קטנות, און דעמאלט דארף ער אסאך חיזוק. און נאר מיטן כח פון די ליכטיגע ימים טובים טעג - קענען מיר זיך דערהאלטן אין אלע שוועריקייטן. בפרט, דער לעצטער טאג, דער יום טוב שמיני עצרת און שמחת תורה - וואס דער גאנצער ירח האיתנים ענדיגט זיך דייקא מיט דעם טאג, וואס איז א טאג וועלכע איז 'כל כולו' א גילוי פון דער אהבה פונעם אויבערשטן צו אונז- איז זיכער אז דער טאג איז דער מקור פון חיזוק פאר א גאנץ יאר. און **דאס איז די תפלה יעצט: "יהא רעוא קמיה דתשר"י על עמיה" - רבונו של עולם, העלף אונז מיטצונעמען דעם חודש תשרי אויף א גאנץ יאר! העלף אונז מיטנעמען די ליכטיגקייט פון די ימים טובים טעג! אז זיי זאלן אונז באלייכטן און אריינשיינען אין אלע זמנים און מצבים**- וואס וועט נאר אריבערגיין אויף אונז א גאנץ יאר.

✦

## דער 'אתה' פון 'אתה חוננתנו' איז דער זעלבער ווי פון 'אתה בחרתנו'

**צדיקים האבן געזאגט:** אודאי איז געשמאקער צו זאגן 'אתה בחרתנו' ווי 'אתה חוננתנו', אבער מען דארף געדענקען אז דער חילוק איז נאר צווישן 'בחרתנו' און 'חוננתנו', אבער דער 'אתה' איז דער זעלבער אתה!

דאס הייסט, עס איז דער זעלבער באשעפער אין די ימות החול ווי אין יום טוב. און פארקערט, **די רוטינע עבודת ה' אין די פשוט'ע טעג האט א ספעציעלע מעלה און חשיבות, וויבאלד דעמאלט שיינט שוין נישט די ליכטיגקייט פונעם יום טוב**, און דאך דינט מען דעם אויבערשטן מיט א געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט.

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין צון מקבל זיין ריכטיג דעם גרויסן יום טוב, און זיך מקשר זיין מיט די פנימיות פון די טעג, מען זאל זוכה זיין צו ישמח ישראל בעושיו און צו ישמח ה' במעשיו במהרה בימינו אמן.